STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03305

# MAYSES, VITSN UN SHPITZLEKH FUN HERSHL OSTROPOLYER

O. Holdes

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קליינע ביבליאָטעק № 6

# מעשיות
# וויצן און שפּיצלעך
## פון
# הערשל אָסטראָפּאָלער

איבערדערציילט פון א. האַלדעס

פאַרלאַג יידיש בוך וואַרשע

1960

№ 6 *Mała Biblioteka*

# BAJKI I ANEGDOTY HERSZLA Z OSTROPOLA

Zebrał i przekazał
A. HOLDES

Redaktor D. SFARD

רעד: ד. ספארד

Okładkę projektował: R. CHWOLES

הילע געצייכנט: ר. כוואָלעס

איבערגעדרוקט פון מלוכה-פארלאג
פאר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין אוססר
קיעוו 1941

Wyd. „Idisz-Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nakład 4.000 egz. Druk ukończono w lutym 1960r.
Ark. druk. 13,5. Ark. Wyd. — 7,5. Papier druk.
mat. VII kl. 80 gr. 70 x 100.

Druk. RSW „Prasa“, Warszawa. Tarczyńska 8.
Zam. 5595 — C-78

ANNA SAFRAN BIALLY

## פאַרוואָרט

# דער יידישער פאָלקס־לץ הערשל אָסטראָפּאָליער

אינעם יידישן דערציילערישן פאָלקלאָר פאַרנעמט זייער אַ גרויס אָרט די סאַטירישע געשיכטע, דער שאַרף־הומאָריסטישער וויץ, דער סאָציאַל־געריכטעטער אַנעקדאָט, דאָס שפּילעוודיקע גלייכווערטל, די טרעפלעכע אָנצוהערעניש — דאָס זענען שיעור נישט די באַליבטסטע און ביז צו היינטיקן טאָג לעבעדיקע זשאַנרען אינעם פאָלקלאָר פון די יידישע האָרעפּאַשנע מאַסן. מענדעלע און שלום־עליכם האָבן זייער געזעלשאַפטלעכע סאַטירע און הומאָר, זייערע קינסטלערישע פאַראַלגעמיינערונגען כסדר געלאָזט נערן פון די טיפע פאָלקס־קוואַלן, אין דער גאַנצער אייגנאַרטיקייט, דער עיקר אין זייער שטענדיקער נטיה צו קרעפטיקן שאַרפזין, צו גאַליקן געלעכטער. דאָס קאָן מען זען נישט נאָר אין דער לעקסיק, צי אין דער פראַזעאָלאָגיע, נישט נאָר אין די שפּראַך־כאַראַקטעריסטיקעס פון די העלדן, נאָר אַפילו אין באַזונדערע סיוזשעטישע מאָטיוון און האַנדלונגס־סיטואַציעס. און אין דעם איז דער סוד פון זייער צוגענגלעכקייט, פון זייער גרויסער דויערהאַפטיקייט, אויב נישט אומשטערבלעכקייט.

דערציילנדיק וועגן די לידלעך, וואָס ווערן אָפּט געזונגען ביי די פּועלים, וועגן די ליבע־לידער און רעקרוטן־לידער, פאַרגעסט נישט מענדעלע אונטער־צושטרייכן אין זיין קינסטלערישער אויטאָבאָגיאָגראַפיע „שלמה רב חיימס," אַז „צווישן די לידלעך איז דאָ פּי־ל'ע איבער נגידים, קהלס־לייט און כלי־קודש, אין וועלכע זיי רעכענען זיך אָפּ מיט די אַלע פּיינע בריות פאַר די צרות און לייד, וואָס זיי שטייען פון די לייט אויס, און לאָזן אויס צו זייער קאָפּ אַלדאָס בייז מיט שאַרפע ווערטלעך און שפּיציקע שטעכווערטלעך". אויב דאָס איז ריכטיק פאַרן לידער־זשאַנר, איז אָט די כאַראַקטעריסטיק פון „אָפּרעכענען זיך מיט די אַלע פּיינע בריות", אַוודאי און אַוודאי גילטיק פאַרן דער־ציילערישן זשאַנר. זייער טרעפלעך און לעבעדיק מאָלט שלום־עליכם די „יידישע ליצנות" אין זיין אויפרוף צו זאַמלען פאַר דער יידישער פאָלקס־ביב־ליאָטעק „יידישע וויצן, משלים און מעשיות (פאַר־עפנטלעכט אינעם „קול מבשר", וואָס שלום־עליכם האָט אַרויסגעגעבן אין אָדעס אין 1892 יאָר):

„ליצנות איז אַ יידישע זאַך. וועלכער ייד האָט פּיינט אויסהערן אַ שיינע מעשה, אַ גלייכווערטל? ווען איז אַ ייד נישט אויפגעלייגט צו וויצלען זיך, נישט פאַר גרויס ראַסקאָש, חלילה, נאָר אַדרבא, פאַר צרות, אָרעמקייט, שפלקייט און שטענדיקע דאגת־פּרנסה? עס איז דען פאַראַן אַ גרעסערע פאַרגעניגן, ווי שטיין אויף דער גאַס צי אין בית־המדרש רעדלעכווייז און אָפּשפּעטן פונעם פּרנס־חודש, חוזק מאַכן פונעם נגיד, דעם בעל־טאַקסע און אָפּלצעווען פונעם קלענסטן

ביזן גרעסטן, דאָס הייסט, שטעלן אַ פּייג אונטערן טיש, נאָר אַ גרויסע?"

ליצנות איז, פאַרשטייט זיך, נישט נאָר קיין "יידי־שע זאַך". חוזק מאַכן פון די רייכע מאַכטהאָבער איז געווים אַ זאַך, וואָס איז באַליבט ביי אַלע פאָלקס־מאַסן, און דערצו איז דאָס פיל געפעדלעכער, ווי "אַ פּייג אונטערן טיש". עס דריקט אויס די פּאַראַכטלעכע און פיינטלעכע באַציונג פונעם פאָלק צו די הער־שערס — אונטערדריקער, ער העלפט מיט צו אָרגאַ־ניזירן דעם באַוווסטזיין פון די אונטערדריקטע. שלום־עליכם האָט דאָך מיט רעכט אָנגעוויזן אויף דער באַ־זונדערער צוגעבונדנקייט פונעם יידישן פאָלקס־מענטש צו וויצן, צו חוזקמאַכעריי, ער האָט, אגב, גע־ווען דעם אמתען מקור פון דעם שטענדיקן זיין "אויפגע־לייגט צו וויצלען זיך", ער האָט אויסגעצייכנט פאַר־שטאַנען, אַז קומען קומט עס "נישט פאַר גרויס ראָס־קאָש, חלילה." דערמיט האָט ער ווי אָפּגעטיילט דעם פאָלקס־הומאָר און פאָלקס־סאַטירע סיי פון דעם למ־דניש געקינצלטן "איידעלן" חכמנה׳נען, סיי פון "די אַל־געמיינע אַנעקדאָטן, פלאַטשיקע ווערטלעך און פוילע וויצן, וואָס געפינען זיך היינט לרוב אין יעדן יידישן קאַלענדאַר".

דער גרויסער פאָלקס־שרייבער האָט אויך באַ־מערקט און אינקורצן פאָרמולירט די טענדענצן פו־נעם יידישן אָפּלאַכערישן פאָלקלאָר צו קאָנצענטרירן גאַנצע ציקלען מעשיות און גלייכווערטלעך אַרום איין פערזאָן, וואָס האָטווירקלעך געלעבט און זיך קונה־שם געווען מיט איר אויסערגעוויינלעכן שאַרפזין, אַזוי

אַז נאָכן טויט פון דער דאָזיקער פּערזאָן האָט מען נישט אויפגעהערט צו דערציילן און איבערגעבן, פון דור צו דור אפילו, אירע חכמות און אויפטועז, און מיט דער צייט איז שוין שווער געוואָרן אָפּצושיידן דאָס וואָדהאַפטיקע, אינדיווידועל־קאָנקרעטע, געשע־ענע פונעם צוגעטראַכטן, נאָמענלאָז־קאָלעקטיוון, אָנגע־קניפּטן. די לעבעדיקע פּערזאָן ווערט אַ שטיק לעגענ־דע, אַ פֿאָלקלאָר־העלד, וואָס שטייגט מסתמא ווייט אַריבער דעם פּראָטאָטיפּ, נאָר וואָס איז אין דער פֿאָלקס־פֿאַרשטעלונג פּולקאָם רעאַל. וועגן דעם שרייבט של״ש־עליכם אין דעם זעלבן אויפרוף טאָקע: „די יידישע לעגענדע האָט באַשאַפֿן איר מאַרשעליק, ווערטלזאָגער, קאַטאָוועסטרייבער אין יעדן קאַנט אונ־טער אַן אַנדערן נאָמען: **שמערל סניטקעווער, יאָסל מאַרשעליק, ר' הערשעלע אָסטראָפּאָליער, ר' שלמה ליודמירער** און נאָך אַנדערע. וואָס איז דאָס געווען פֿאַר אַ מינים פֿאַרשוינען איז שווער צו זאָגן. נאָר די מעשיות, וואָס מע דערציילט וועגן זיי, זענען אָפּטמאָל טיף און שאַרף און איינגעטונקען אין דעם געפּערלעכן סם פון סאַטירע״.

דאָס דאָזיקע צעטל וואָלט מען גרינג געקאָנט דערגענצן. צווישן די „נאָך אַנדערע״ וואָלט, אַשטייי־גער, געדאַרפט פֿאַררעכנט ווערן אַזאַ קאָלאָריטע פיגור, ווי דער בערדיטשעווער לייבעלע גאָטס־ווונדער. אוי־סער דעם (און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע), זענען אָט די פֿאַרשוינען נישט פון איין ווערט, נישט פון איין און דעם זעלבן גראַד, בעסער געזאָגט, מאַסשטאַב. שמערל סניטקעווער, פונקט ווי יאָסל מאַרשעליק, איז אַ מער־

לאָקאַלע פיגור, דער אָנדענק פון וועלכער איז איינגעהיט אויף אַ גאַנץ קליינער טעריטאָריע. מעשיות וועגן שמערלען קאָנען פאַרבלאָנדזשען אין פאַרשידענע קאַנטן. נאָר דער עיקר קאָנט איר זיי הערן אין און אַרום אַלט־קאָנסטאַנטין. הערשל אָסטראָפּאָליער דאַקעגן איז אַ מין צענטראַלע פיגור, די מעשיות וועגן אים, אַרויסשטראָמענדיק פון פּאָדאָליע, וווּ סע שווּבלט און גריבלט מיט זיי, ווערן דערציילט בוכשטעבלעך אין גאַנץ אוקראַינע, פון דאָרט וואַרפן זיי זיך אַריבער אויך קיין פוילן און קיין ליטע. הערשל אָסטראָפּאָליער איז אַ פאָלקלאָר־העלד אין ברייטסטן זינען פון וואָרט; אינטערעסאַנט איז, אַז די זעלבע מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין אַלט־קאָנסטאַנטין וועגן שמערלען, קאָן שוין אין בערדיטשעוו איבערגעגעבן ווערן, ווי אַ מעשה וועגן הערשל אָסטראָפּאָליער, דאָס זעלבע קאָן געשען מיט אַ מעשה וועגן לייבעלע גאָטסוונדער אין וויניצע אָדער פּראָסקוראָוו.

ענלעך צו הערשל אָסטראָפּאָליער זענען די פאָלקלאָר־העלדן שייקע פייפער און מאָטקע כאַבאַד. וועגן ערשטן ווערן דערציילט מעשיות הויפּטזעכלעך צווישן פוילישע יידן, וועגן צווייטן — צווישן ליטווישע יידן. ביי דער ענלעכקייט פון די מאָטיוון און פון דער סאָציאַלער געוועגדטקייט איז דאָך פאַראַן אַ היפּשע דיפערענץ אינעם כאַראַקטער פון די מעשיות וועגן די דריי־העלדן. מיר דוכט, אַז די דיפערענץ באַשטייט אָט אין וואָס: שייקע פייפער איז מער בורלעסקעדיק, ווויליונגעריש, מאָטקע כאַכבאַד — למדנישער, אַזוי געזאָגט, תלמיד־חכמישער, הערשל אָסטראָפּאָליער

ווידער איז דער צוממערסטן פאַלקסטימלעכער, און דערמיט איז צו דערקלערן די אומגעהויערע, כמעט ווי אַלפאַלקישע, פאַרשפרייטונג פון זיינע מעשיות.

---

הערשל אָסטראָפּאָליער האָט געלעבט און איז געווען טעטיק אן ערך צום סוף XVIII און אָנהייב XIX י. ה. קיין גענויע ביאָגראַפישע ידיעות וועגן אים האָבן מיר נישט, אָבער אין זיין עצם עקזיסטענץ קאָן קיין שום צווייפל נישט זיין. אין מעדזשיבעזש ווייזן אַלטע לייט אָן דאָס אָרט פון זיין קבר. און כאָטש די אותיות אויף דער שטיינערנער מצבה זענען שטאַרק אָפּגעריבן און עס איז זייער שווער זיך פאַנאַנדערקלייבן אין זיי, גלייבן מיר אין דער ריכטיקייט פון אָט דער באַהויפּטונג. מיר גלייבן אויך, אַז דאָס, וואָס מע גיט איבער וועגן הערשלען אין ביאָגראַפישער הינזיכט, איז נאָענט צום אמת, ווייל סוף־כל־סוף איז די מינדלעכע טראַדיציע שוין גאָרנישט אַזאַ אַלטע, זי גייט נישט פאַרלוירן אין די ווייטע דורות. די זיידעס פון די איצטיקע אַלטע לייט אין מעדזשיבעזש האָבן אַליין געקאָנט קענען הערשלען.

מע דערציילט, אַז הערשל איז געווען אַ שוחט אין אָסטראָפּאָליע, נאָר די שחיטה איז אים זייער ווייניק געלעגן אין קאָפּ. ער האָט מער אינזינען געהאַט צו שאַפן שאַרפע גלייכווערטלעך און אָפּטאָן שפּיצלעך די קאַרגע גבירים, פאַרפונדעוועטע גראַבּיונגישע אַרענדאַרן, די זיידענע יונגעלייטלעך און אַפילו דעם רבין אַליין. אַ קבצן איז ער געווען אַ דרייגאָרנדיקער, און כאָטש ער האָט גוט געקענט

אין די קליינע אותיותלעך, פלעגט ער זיך שטענדיק חברן מיטן פראָסטן עולם. מיט יידן פון אַ גאַנץ יאָר, מיט עמך און מיט אָרעמעלייט. ער האָט אַ סך גע־וואַנדערט איבער פּאָדאָליער שטעטלעך און איז גע־ווען אויסגעקאָכט ווי ערגעץ אַ קרעטשמע און אַכסניאַ. קהל האָט אים שטאַרק נישט ליב געהאַט, דער רבי האָט אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ פּוסטער כלי, אַ זאַבאַוניק, וועלכער קאָן פאַרשאַפן אַמאָל פאַרגעניגן מיט אַ קלוג וואָרט, נאָר וואָס מע דאַרף זיין געהיט מיט אים, עפּעס שטעקט אין אים אַזעלכעס, וואָס איז געפערלעך: ער איז אַ מענטש אָן שום דרך־ארץ, אַ מין כופר בעיקר. אין מעדזשיבעזש האָט דעמלט געהערשעוועט דער חסידישער רבי, רב ברוכל. ער איז געווען אַ שרעקלעכער מרה־שחורהניק. האָט מען צו אים אַראָפּגעבראַכט הערשעלען פון אָסטראָפּאָ־ליע, און הערשל איז געוואָרן אין „רבינס הויף" אַ לץ. ער פלעגט פריילעך מאַכן דעם רבין, ער פלעגט אָבער גאַנץ אָפט אַזוי שאַרף אַריינזאָגן זיינע רייכע מקורבים, די גבאים און אונטערלעקערס, און אויך דעם רבין אַליין, אַז דער עולם האָט ממש געגאַפט, און די אַריינזאָגעכצן האָבן אָנגעהויבן איבערגיין פון מויל צו מויל און זענען פאַרבליבן אינעם פאָלקס־זכרון. מע דערציילט, אַז איינמאָל האָט ער דעם רבין אַזוי פּוגע בכבוד געווען, אַז יענער האָט אים שטאַרק געשלאָגן מיטן שטעקן, אים אָפּגעשלאָגן די לונגען. הערשל האָט אָנגעהויבן קרענקען און איז געשטאָרבן. לויט אַן אַנדער וואַריאַנט איז ער קראַנק געוואָרן אין וועג, זיך קוים דערשלעפּט מיטן זעקל

אויף די פלייצעס קיין מעדזשיבעזש, ווו ער האָט שוין געפונען זיין אייביקע רו.

אַלע מעשיות פון הערשל אָסטראָפּאָליער, נישט רעכנענדיק די איינצלנע עפּיזאָדן, וואָס גיבן איבער וועגן גלאַט שפּיצלעך, זאַבאַוועס און שפּילווערטלעך, זענען טיף און שאַרף און איינגעטונקען אין דעם געפּערלעכן סם פון סאַטירע. דער גביר, דער פּרומאַק, דער קהלשער בעל־טובהניק, דער רבי און זיינע לייט — אָט דאָס זענען די אָביעקטן פון הערשלס סאַטירע, פון זיין הומאָר, פון זיין בייסיקן וויץ.

עס איז ממש מערקווירדיק, וואָס אין די סאַמע פינצטערע צייטן פון דער קהלש־רבנישער אָליגאַרכיע, פון צעווילדעוועטן חסידישן פאַנאַטיזם, פון שווידערלעכער נויט און אונטערדריקטקייט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, איז געקומען דער פריילעכער און קלוגער פאָלקס־לץ הערשל אָסטראָפּאָליער און האָט אָפּגעלצעוועט פונעם גאַנצן „געהויבענעם" רימל, פונעם פּרומאַקישן וועלטל מיט אַלע זיינע דעה־זאָגערס. איז דען אַ חידוש, וואָס ער איז געוואָרן דער באַליבטער פאָלקלאָר־העלד, וואָס ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק פאָלקס־לעגענדע?

---

די מעשיות פון הערשל אָסטראָפּאָליער לאָזן זיך איינטיילן לויטן זשאַנר: פאַראַנען קורצע דיאַלאָגן־וויצן, פאַראַנען אַ סך מעשיות, וואָס זענען געבויט אויפן וואָרט־שפּיל, אויפן טרעפלעכן האָמאָנים, פאַראַנען ברייט־סיוזשעטישע מעשיות מיט פאַסירונ־

גען, פאַרשטעלענישן, רייזעס, אויפטוען, שפּיצלעך. כמעט אין אַלע מעשיות פאַרנעמט דאָס קאָמישע, וואָס רופט אַרויס געזונטן געלעכטער, דעם אויבנאָן, אָבער אויסער דעם פילט זיך אין אַ סך ערטער די שטילע באַהאַלטענע טרער, דער ווײ און פּיין, דאָס טראַגיקאָמישע, און חוץ דעם געזאָגטן איז אויך דאָ דאָס נישט דערזאָגטע און טיף־געמיינטע. זייער כאַ־ראַקטעריסטיש פאַרן הערשל־אָסטראָפּאָליער־גאַנג איז דער סוף, דער שפּיץ פון יעדער מעשה, ער איז שטענדיק שאַרף, אָפט אומגעריכט, אין אים ווערט ווי קאָנצענטרירט דאָס פּינטעלע, די „זאַלץ" פון דער גאַנצער געשיכטע.

לויטן אינהאַלט און די אומשטענדן לאָזן זיך די מעשיות איינטיילן אין אַ ריי ציקלען. מיר האָבן גע־שאַפן פיר ציקלען: 1) „אַרום רבינס הויף" — אַהער גייען אַריין מערסטנס די מעשיות און וויצן, וואָס זענען געווענדעט קעגן די כלי־קודש און קהל. 2) „„דער פריילעכער קבצן" — דאָס זענען שטיי־געריש־שטוביקע מעשיות. 3) „די נגידים זאָלן האָבן צו געדענקען" — מעשיות וועגן קאַרגע גבירים, אויפגעקומענע נגידים, פאַרדאַרבענע אַרענדאַרן, און הערשלס שפּיצלעך, וואָס ער האָט זיי אָפּגעטאָן. 4) פאַרשידענע.

א. האַלדעס

# ארום רבינס הויף

# דער אַרויספאָר קיין מעדזשיבעזש

אין מעדזשיבעזש איז אַמאָליקע צייטן געווען אַ באַוווסטער חסידישער רבי, רב ברוכל האָט מען אים גערופן. דער דאָזיקער רבי איז געווען אַ גרויסער מרה=שחורהדיק, האָבן אים זיינע מקורבים געגעבן אַן עצה, ער זאָל צונעמען אַ פריילעכן ווערטלזאָגער, וועט ער אים פאַרטרייבן די מרה=שחורה. אַזוי ווי הערשל, וועלכער איז געווען דעמלט אַ שוחט אין אָסטראָפּאָליע, האָט שוין געשמט אויף דער וועלט, איז געבליבן, מען זאָל אים פאַרבעטן קיין מעדזשיבעזש, און ער זאָל זיין ביים רבין אַ לץ, האָט מען טאַקע אַזוי געטאָן. מען האָט אַוועקגעשיקט מענטשן קיין אָסטראָפּאָליע אַראָפּברענגען הערשלען.

אַז דעם רבינס שליחים זענען געקומען קיין אָסטראָפּאָליע און האָבן דערציילט הערשלען וועגן דעם ציל פון זייער שליחות, איז ער תיכף מסכים געווע. וואָס האָט ער געהאַט אָנצווערן — דאָס שחיטה=געלט אין אָסטראָפּאָליע? האָט ער גענומען דאָס ווייב מיט די קינדער, מיט אַלע בעבעכעס, און מען איז געפאָרן. צווישן אָסטראָפּאָליע און מעדזשיבעזש האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע. הערשל האָט גוט געוווסט, אַז מען קען אים דאָ, און מען וועט אים אויפנעמען, ווי מען נעמט אויף אַן אָרעמאַן, האָט ער פאַר=

קאַטשעט די פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע, אַרונטערגע־שאַרט די פּאות, גענומען דעם באַלעגאָלעס לאַנגע בייטש און איז אַריין דער ערשטער אין קרעטשמע מיט אַ קול און קלאַפּנדיק מיט דער בייטש איבער דער פּאַדלאָגע:

— איך פיר אַן אדונית מיט פּאַנעלעד, קלייבט מיר אָפּ דעם גרעסטן חדר פונדזייערטוועגן!

די באַלעבאָסטע, וועלכע איז געווען שטאַרק פאַר־נומען — ס'איז געווען אַ פולע קרעטשמע מיט פויע־רים — האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים און האָט אויף גיך אַ זאָג געטאָן:

— גייט, זייט מוחל, און קלייבט אַליין אָפּ אַ חדר פאַר דער אדונית וועגן.

מער האָט הערשל נישט באַדאַרפט. ער האָט אָפּ־געקליבן דאָס חדר, וואָס איז אים געפעלן, און האָט אַריינגעבראַכט. אַהין דאָס ווייב און קינדער, צעלייגט זיך מיט די בעבעכעס, ווי ביי זיך אינדערהיים, און נאָך געקריגן פאַר דער משפּחה עסן און טרינקען פונעם שענקטן און פונעם בעסטן.

אַז די באַלעבאָסטע האָט זיך אופּגערעט מיט די פויערים, האָט זי זיך דערמאָנט אין די געהויבענע געסט, וואָס זענען פאַרפאָרן צו איר, און איז אַוועקגע־לאָפן אַ קוק טאָן, טאָמער פעלט זיי עפּעס? פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט דערזען, ווער די געסט זענען, האָט זי געמאַכט אַ געוואַלד:

— שלעפּערס! ווי קומט איר אַהער? אַרויס פון דאַנען!

אויפן גיוואַלד וועגן אַריינגעקומען דעם רבינס שליחים. דערציילט זי זיי, אַז דער ייִד האָט זי אָפּגע־נאַרט: ער האָט בפירוש געזאָגט, אַז ער האָט איר געבראַכט אַן אדונית מיט פּאַנעלעך, און... גאָט, זעט אַליין!

— ס'טייטש הערשל, ווי טוט עס אַ ייִד אַזאַ זאַך? — האָבן זיך די מענטשן געחידושט און אים פאָרגעוואָרפן, אַז מען פירט זיך נישט אַזוי.

— וואָס ווילט איר? — איז הערשל אין כּעס געוואָרן, ביי מיר איז מיין ווייב אַן אדונית, און מיינע קינ־דער, זאָלן געזונט זיין, זענען פּאַנעלעך, בין איך אפשר אומגערעכט?

האָבן שוין די שליחים געזען, מיט וועמען זיי האָבן צו טאָן.

געקומען קיין מעזשיבעזש שפּעט אויפדערנאַכט, איז הערשל גלייך אַריין צום רבין. דער רבי איז געזעסן שטאַרק פאַרטראַכט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. הערשל לויפט צו צום טיש, כאַפּט אַ ליכט, צינדט זי אָן, בייגט זיך אָן צו דער ערד און זוכט. רופט זיך אָן דער רבי צו הערשלען:

— וואָס זוכט איר, ר' קרוב?

— איך זוך דעם רבינס נאָז

— האָט הערשל געענטפערט — ער האָט זי אַזוי ני־דעריק אַראָפּגעלאָזט, אַז ער האָט זי, אַפּנים, פאַרלוירן...

דער רבי האָט זיך צעלאַכט, און הערשל איז גע־וואָרן דעם רבינס לץ.

## פאַרוואָס איז דער גבאי פעט?

ביים רבין איז געווען אַ גבאי, אַ עזותניק און אַ תקיף ביי זיך, פאַר קיינעם האָט ער קיין מורא נישט געהאַט, אין רבינס הויף האָבן אַלע פאַר אים געציטערט, איין הערשל פלעגט זיך פאַרגינען אָפּלאַכן פון אים. דער גבאי האָט אים נישט געשוויגן; ווו ער האָט נאָר געקאָנט טרעפן הערשלען, האָט ער אים נישט געשאָנעוועט, און באַקלאָגן זיך אויף דעם גבאי איז געווען גלייך, ווי אַרויסגעוואָרפן.

איינמאָל האָט מען ביים רבינס טיש פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם אויסערלעכן אויסזען פון מענטשן און זיין כאַראַקטער. דאַרע, מאָגערע מענטשן — האָט מען געטענהט — זענען דאָס רוב נישט קיין גוטע, זיי עסן זיך אַליין אויף. דאַקעגן פולע מענטשן זענען גוטמוטיקע, זיי עסן זיך נישט אָפּ דאָס האַרץ און פאַרשאַפן יענעם קיין צרות נישט.

— וויבאַלד אַזוי —רופט זיך אָן דער רבי — איז דער גבאי מיינער אַ מזג־טוב, ער איז, קיין עין־הרע, אַזאַ דיקער.

דער גבאי, וועלכער איז געווען שטאַרק גראָב, אַפילו מגושמדיק, האָט זיך צעשמייכלט, דעם רבינס וואָרט האָט אים הנאה געטאָן. אַלע האָבן צוגעבאָמקעט, נאָר הערשל איז נישט מסכים:

און מיר ווייזט אויס, אַז ער איז פעט גאָר צוליב עפּעס אַנדערש...

— אַזוי? דיין דעה איז אַנדערש? לאָמיר הערן!

— איך וועל אייך געבן אַ משל פון דער וועלט

פֿון חיות און פֿייגל — האָט הערשל זיך געלאָזט הערן — אַז אָדלער איז פֿעט פֿון אויבן, ביים רוקן. פֿאַרוואָס? ווייל איבער זיך האָט ער קיין מורא נישט פֿאַר קיינעם, העכער פֿון אים פֿליט קיין שום פֿויגל נישט. קיין שיסער וועט אים אויך נישט טרעפֿן פֿון אויבן, איז ער רואיק מיטן רוקן, זאַמלט זיך דאָרט אָן שמאַלץ. אַ קאַטשקע גייט נידעריק ביי דער ערד, פֿאַרן רוקן האָט זי גוט מורא, דער זעלבער אָדלער קאָן זי כאַפּן, אַ מענטש קאָן זי דערגרייכן פֿון אויבן. מיטן בייכל, זעט איר, איז זי באַוואָרנט און רואיק, זאַמלט זי אָן אַ פֿול בייכל מיט שמאַלץ. אַ חזיר איז פֿעט פֿון אַלע זייטן. פֿאַרוואָס? אי ער האַלט זיך נידעריק ביי דער ערד, אי ער איז צו שווער, מען זאָל אים אַ כאַפּ טאָן פֿון אויבן, ווערט ער אָפּגעגאָסן מיט שמאַלץ. אייער גבאי האָט נישט מורא נישט פֿאַר גאָט אין הימל, נישט פֿאַר מענטשן אויף דער ערד, ער איז רויק פֿון אויבן און פֿון אונטן, איז ער פֿעט אַרום און אַרום, און מיט זיין פֿעטקייט איז ער געגליכן צו אַ חזיר.

---

## כאַפּט דער רוח דעם רבֿ, און איך דעם אינדיק

צום רבינס טיש האָט מען יום־טובֿ דערלאַנגט געבראָטענע אינדיקעס. איינער אַ רבֿ, וואָס איז געזעסן אויבנאָן, האָט גענומען בראָקן אַן אינדיק, בראָקן און עסן, און די שכנים האָט ער אַפֿילו קיין פּיצל נישט גע־

געבן. צווישן די, וואָס זענען געזעסן לעבן דעם רבֿ, איז אויך געווען הערשל. דערזען, אַז ס'איז שלעכט, דער רבֿ לאָזט דעם אינדיק פֿון די הענט נישט אַרויס, און ער וועט בלייבן הונגעריק, האָט הערשל גענומען דער־ציילן אַ מעשה:

— הערט, רבותי! איך בין אַמאָל געגאַנגען אויף אַ חתונה פֿרייליעך מאַכן דעם עולם. ווי איך גיי אַזוי, באַגעגן איך אַ רבֿ.

— וווּהין גייט איר, רבֿ? — פֿרעג איך אים.

— אויף אַ חתונה.

— ווער זענען די מחותנים?

— דער און דער און פּלוני בן פּלוני.

— איך גיין אויך אויף דער חתונה, קומט איני־נעם.

— מהיכא־תיתי, קום.

גייען מיר שוין אינצווייען. ווי מיר גייען אַזוי, באַגעגענען מיר אַן אינדיק.

— וווּהין גייסטו, אינדיק?

— אויף אַ חתונה.

— צו די און די מחותנים?

— יאָ, טאַקע צו די מחותנים.

— איז לאָמיר גיין אינייגעם.

גייען מיר שוין אינדרייען. ווי מיר גייען אַזוי, באַגעגענען מיר אַ רוח.

— וווּהין גייסטו, רוח?

— אויף דער חתונה.

גייען מיר שוין אינפֿירן: איך און דער רבֿ, דער אינדיק און דער רוח. ווי מיר גייען אַזוי, זענען מיר

צוגעקומען צו אַ טייך. מילא איך, הערשל, בין אַ גרינגער פֿאַרשוין, קאָן איך געווים אַריבער דעם טייך, דער רוח קאָן אויך אַריבער, אָבער דער רב און דער אינדיק זענען דאָך שווערע פֿאַרשוינען. וואָס זשע טוט מען? האָבן מיר געטראַכט און געטראַכט און זענען געפֿאַלן אויף אַן עצה: כאַפּט דער רוח דעם רב, און איך דעם אינדיק, און מיר זענען אַריבער.

ביי די ווערטער טוט הערשל אַ כאַפּ דעם אינדיק צו זיך און הייבט אים אָן בראָקן, און דער רב איז געבליבן זיצן, ווי אַן אָפּגעשמיסענער, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און אַראָפּגעלאָזטע הענט.

## אַז ער גייט מיט די פיס אַרויף

שבת צום עסן זענען ביים רבינס טיש געווען זייער אַ סך מענטשן — אָנגעפּאָרענע אַרענדאַרן, סוחרים — וואָס האָבן געבראַכט דעם רבין פּדיונות, חסידים, מקורבים און די אָרעמע חסידאָרניע אויך. הערשל איז אויך געווען צווישן עולם. דער שמש, וואָס האָט דערלאַנגט די מאכלים, האָט, ווי אויף צו־להכעיס, אים אויסגעמיטן די גאַנצע צייט. הערשל ווינקט צום שמש, מאַכט אים פֿאַרשידענע צייכנס, גיט אים צו פֿאַרשטיין, אַז ער איז טויט־הונגעריק. יענער מאַכט זיך אָבער נישט וויסנדיק, ער טראָגט די פּאָלומעסיקעס צו די געהויבענע געסט, צו די רייכע באַלעבאַטים. און אויף

הערשלען מיט די איבעריקע עטלעכע קבצנים קוקט ער זיך אַפילו נישט אום.

הערשלען האָט די מעשה אויפגעבראַכט, איז ער שטילערהייט צוגעגאַנגען צום שמש, ווען ער האָט געהאַלטן צוויי גרויסע פּאָלומעסיקעס פיש אין ביידע הענט, און האָט אים אָפּגעשפּיליעט די קנעפּלעך פון די הויזן, און זיי זענען, מחילה, אַראָפּגעפאַלן. דער שמש איז געבליבן שטיין און האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. דער עולם האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו לאַכן, און דער שלימזלדיקער שמש האָט געמוזט אַוועקשטעלן ביידע פּאָלומעסיקעס אויפן טיש און אַנטלויפן. הערשל האָט דערווייל גענומען אַ פּאָלומעסיק פיש, אַוועקגעשטעלט אים איגעם קבצנים־ווינקל און געזעצט זיך עסן. פרעגט אים דער רבי:

— הערשל, וואָס איז דאָס?

רופט זיך אָן הערשל:

— פאַרשטייט איר מיך, רבי, אַז ער גייט אַלץ מיט די פיס אַרויף (דערביי האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן אויבנאָן, וווּ עס זענען געזעסן די רייכע לייט), וואָס זשע טויגן אים די קנעפּלעך צו די הויזן?

# זאָל זי קייען שטרוי

דער רבי איז געגאַנגען אין בית־המדרש, און הערשל איז געבליבן אין רבינס חדר. האָט ער זיך גאַנץ ברייט אַוועקגעזעצט אין רבינס שטול, אָנגעטאָן דעם רבינס יאַרמלקע, און ער וואַרט אויף פּדיון. דער גבאי, וועלכער איז געווען אונטערן גלעזל, האָט אַריינגעלאָזט אין חדר אַ ייִדענע, וואָס איז געקומען צו פאָרן פון ווייט בעטן ביים רבין אויף קינדער. הערשל האָט אויסגעהערט איר בקשה, אַז זי איז שוין באַלד צען יאָר אַן עקרה, און זי האָט מורא, דער מאַן זאָל זי נישט אָפּגטן, און איר איינציקע האָפענונג איז אויפן רבין.

— גיי, אישה, אין מאַרק — האָט איר הערשל אַן עצה געגעבן — און געפין עטלעכע שטרוי און קיי די שטרוי, וועסטו געהאָלפן ווערן.

די ייִדענע האָט אים געפאָלגט. שטייט זי אַזוי צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט און קייט, נעבעך, שטרוי. דערווייל האָט זיך דער רבי אומגעקערט פונעם בית־המדרש און, פאַרבייגייענדיק, האָט ער זי באַמערקט און געפרעגט, וואָס איז די פּעולה פונעם קייען שטרוי. האָט זי אים דערציילט דעם גאַנצן אמת. דער רבי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז הערשלס אַ שטיקל אַרבעט, האָט ער אים תיכף געפרעגט:

— הערשל, וואָס האָסטו אָפּגעטאָן — פאַרוואָס האָסטו פאַרשעמט אַ מענטשן — זי אַוועקגעשטעלט קייען שטרוי? פאַרלייקן נישט, איך ווייס אַלצדינג, פון איר מויל געהערט.

— אויב איר ווייסט אַלצדינג, האָב איך צוויי מי־רוצים. איינער וועט אייך געפעלן, דער צווייטער, — בין איך מסופק, צי ער וועט ביי אייך נושא־חן זיין.

— נו, מילא, נו, גיב שוין אַהער די תירוצים...

— ראשית, ווי האָט זי געקאָנט גלייבן, אַז איך בין דער רבי? האָב איך דען דעם הדרת־פנים פון אַ רבין? איז זי דאָך אַ בהמה... איאָ?

— נו, עס לייגט זיך אויפן שכל... ווייטער?...

— והשנית, וואָס קאָן דער רבי העלפן אַן עקרה?

— גאָט קאָן העלפן!

— איז דען ביי איר אין שטעטל קיין גאָט נישטאָ? היינט וואָס האָט זי געדאַרפט לייגן הוצאות? איז זי דאָך געוויס אַ בהמה, און עס קומט איר קייען שטרוי, איז זאָל זי קייען שטרוי!

## האַלט זיך איינס!

הערשל האָט געוווינט אַ שטיקל צייט ביי איינעם אַ גוטן־יידן. איינמאָל, ווען דער גוטער־ייד איז גראָד נישט געווען אין דער היים, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'זענען אַריין אַ ייד אַ מעקלער און אַ פויער, ביידע פרעמדע, נישט פון דעם שטעטל, און זיי האָבן אַ דין־תורה. הערשל האָט אַרויפגעכאַפט אויף זיך די זיידענע קאַפּאָטע און זיך פאַרשטעלט פאַר גוטן־יידן.

— וואָס ווילט איר? — פרעגט ער ביי די געקו־מענע — דערציילט אייער ענין.

דערציילט הער פויער ,אַז דער ייד האָט ביי אים

געקויפט עטלעכע זעק קאָרן אויף באָרג, און וויל אים נישט אָפּגעבן דעם חוב. דער מעקלער לייקנט שטיין־און־ביין, ער האָט גאָר דעם קאָרן אין די אויגן נישט געזען. הערשל האָט א טראַכט געטאָן און פאַרגעלייגט דעם פויער, ער זאָל איבערחזרן די מעשה פון אלף ביז תיו, מיט אַלע פּליטערלעך. יענער איז נישט פויל און דערציילט איבער, ווי דער מעקלער איז געקומען צו אים, ווי זיי האָבן זיך געדונגען פאַר דער פּרייז, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדונגען און דערסגלייכן. רעדן האָט ער גערעדט אויף זיין לשון, געווינלעך. הערשלען איז קלאָר געוואָרן, אַז דער פויער איז גערעכט, שלאָגט ער אים איבער און ווענדעט זיך צום מעקלער בלשון סגי־נהור:

— יהודי בלא, האַלט זיך איינס!

— וואָס דען, איך האָב קיין שכל נישט? — האָט זיך דער מעקלער אָפּגערופן.

— אויב איר זענט יאָ אַזאַ קלוגער, טאָ גיט זשע טאַקע אָפּ דעם פויער זיין געלט — האָט הערשל געפּסקנט.

---

## ער קויפט א קו צו ביסלעך

הערשל מאַכט צום רבין:

— איך וואָלט א בעלן געווען זיך קויפן א קו...

— קויפט מען, ווער לאָזט דיך נישט?

— איך האָב קיין געלט נישט, רבי.

— ווער הייסט דיר קויפן מיטאַמאָל? קויף צו ביסלעך...

הערשל איז אַוועק אין מאַרק און געקויפט אַ פּוס פון אַ קו, אויף מאָרגן האָט ער געקויפט נאָך אַ פּוס, אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער איינגעהאַנדלט אַ לונג־און־לעבער, שפּעטער צו האָב ער געקריגן אַ קאָפּ, און דאָס אַלץ האָט ער שטילערהייט אָפּגעלייגט ביים רבין אין שראַנק. מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ טיפוש עס איז געוואָרן. דער רבי איז געווען אויסער זיך, ער האָט געהייסן רייניקן אין אַלע הדרים. עס העלפט נישט, ביז ער האָט זיך אַליין נישט אָנגעשטויסן אויף דער מנה־יפה ביי זיך אין שראַנק. ער האָט תיכף פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז הערשלס אַ שפּיצל, און האָט אים געשיקט רופן.

— דאָס האָסטו אָפּגעטאָן? — פרעגט דער רבי מלא־כעס.

— איך — לייקנט נישט הערשל — און איר האָט זיך נישט וואָס צו בייזערן. איך האָב אייך געפאָלגט. איך האָב אייך אַנומלטן געזאָגט, אַז איך וואָלט אַ בעלן געווען צו קויפן אַ קו, און קיין געלט האָב איך נישט, האָט איר מיר געעצהט קויפן צו ביסלעך. האָב איך געקויפט אַ פּוס, און אַ קאָפּ, און אַ לונג־און־לעבער און האָב עס דערווייל אָפּגעלייגט ביי אייך אין שראַנק. ווער איז ביי מיר מער בטוח, ווי איר? איך וועל זיך אָנקלייבן אַ גאַנצע קו, וועט איר זי מיר אומקערן.

## הערשלס סגולה פאַר אַן אָרעמער געווינערין

דער רבי איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך פאַרזאַמט. הערשל איז דעמלט געווען ביים רבין אין חדר. פלוצעם דערזעט ער דורכן פענצטער, ווי אַ יידע־נע לויפט און שרייט.

— געוואַלד, רבי, ראַטעוועט מיין קינד!

הערשל האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דעם רבינס כאַלאַט, אָנגעטאָן די יאַרמלקע, גענומען אַ ספר אין דער האַנט און זיך אַריינגעזעצט אינעם רבינס שטול. און טאַקע די רגע איז די יידענע אַריינגעפאַלן מיט אַ געוויין און מיט אַ געשריי:

— רבי, ראַטעוועט מיין טאָכטער, זי גייט שוין צוויי טעג צו קינד, זי איז ביי אַלע לעצטע.

הערשל האָט אַרויסגענומען אַ קאָפּיקע פון דער קעשענע און זאָגט צו דער יידענע:

— אָט דאָס זאָלט איר צולייגן אייער טאָכטער צום נאָפּל, וועט זי געבוירן בשלום. אין עטלעכע טעג קומט די יידענע און ברענגט דעם רבין אַ פדיון — אַ פעטע הון (זי איז געווען אַן אָרעמע הינער־הענדלע־רין). דערביי באַדאַנקט זי דעם רבין, וואָס ער האָט איר געהאָלפן, די טאָכטער האָט דעם זעלבן טאָג, וואָס דער רבי האָט געגעבן די סגולה, געבוירן דאָס קינד.

דער רבי ווייסט גישט פון וואָס צו זאָגן, נאָר ער שווייגט, ער פאַרשטייט שוין, אַז דאָס איז מסתמא הערשלס אַ שטיקל אַרבעט. שיקט ער אים רופן אין פרעגט אים:

— הערשל, זאָג מיר דעם אמת, וואָס פאַר אַ סגו־לה האָסטו איר געגעבן?

— איך האָב איר געגעבן אַ קאָפּיקע, זי זאָל צו־לייגן צום נאָפּל פון דער געווינערין....

— וואָס איז דער שכל?

— איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער יידענע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי איז געבער, פונעם אָרע־מען גראד, האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז די טאָכטער קער אויך זיין אַ קבצנטע, און אויף דער וועלט קלייבט זיך קומען אַ פרישער אָרעמאַן. ווי באַלד אַזוי, דאַרף מען צולייגן צום נאָפּל אַ קאָפּיקע: נאָך דער קאָפּיקע לויפט יעדער אָרעמאַן, וועט ער אויך לויפן.

## צוויי שטולן מיטאמאָל

צום רבין איז געקומען אַ רייכער אַרענדאַר. ער האָט נישט געטראָפן דעם רבין אינדערהיים און איז געבליבן וואַרטן. אין חדר איז געווען הערשל אָסטראָ־פּאָליער. מוט דער אַרענדאַר אַ געשריי:

— היי, דו, דערלאַנג מיר אַ שטול, נאָר גיכער, גערירט זיך!

הערשל איז אַוועקגעלאָפן און האָט געבראַכט צוויי שטולן.

— וואָס עפּעס צוויי מיטאמאָל?

— פאַרשטייט איר מיך, איר זענט אַ גראָבער מענטש. דאַרפט איר האָבן צוויי שטולן!

## פרעג ביי אים

— הערשל, מען זאָגט, אַז דו גלייבסט נישט אין גאָט?

— ווער זאָגט?

— איך האָב געהערט, מענטשן רעדן...

— וואָס דאַרפסטו הערן, וואָס מענטשן רעדן, פ ר ע ג  ב י י  א י ם...

---

## ער מעג זי נעמען

אַ באַלעגאָלע איז אַריינגעלאָפן צום רבין פּאַר־סאָפּעט. ער האָט אַ שאלה, נאָר אויף גיך:

— רבי! איך בין אַ כהן, מעג איך נעמען אַ גרו־שה?

דער רבי איז געווען אין צווייטן חדר, האָט הערשל אַליין געפּסקנט:

— יאָ, דו מעגסט.

דער באַלעגאָלע איז אַרויס אַ צופרידענער און האָט באַדאַנקט הערשלען:

— לאַנג לעבן זאָלט איר! אַבי מען האָט מיר גע־דולט אַ קאָפּ, אַז איך בין אַ כהן, טאָר איך קיין גרושה נישט נעמען... אַ גוטן טאָג!

ביי די ווערטער איז אַריינגעקומען דער רבי און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף הערשלען:

— וואָס האָסטו געטאָן? ער טאָר דאָך נישט!

— איי, רבי, ער מעג! מען האָט אים נישט פאַר־שטאַנען. ער איז אַ באַלעגאָלע.

— און אַז אַ באַלעגאָלע, זענען פאַר אים אַנדערע דינים געשריבן?

— ווייסט איר וואָס, אָט וועל איך אים אַריינרופן, וועט איר זען!

הערשל האָט צוריק גערופן דעם באַלעגאָלע. יע־נער איז אַריין אַ צעטראָגענער און אין כעס:

— נו, וואָס ווילט איר? די פּחד שטייען... די צייט שטייט נישט...

— וואָס ווילסטו מיט איר טאָן, מיט דער גרו־שה?...

— אָט האָסטו דיר! איך וויל זי נעמען...

— ווי, וואָס? וואָס מיינסטו דערמיט?

— גאָ דיר גאָר, וואָס איך מיין... איך פיר פאַר־שווינען... קיין דראָזשנע וויל איך זי נעמען, קיין דראָזשנע!

## אַ קליינינקער אונטערשיד

מע פרעגט ביי הערשלען:

— ווי גייט עס דיר ביים רבין?

— נישקשה מיר קלאַפּן זיך איינער דעם אַנדערן די קאַפּאָטעס, נאָר אַ קלייניינקער אונטערשיד איז פאַר־דעסטוועגן דאָ.

— וואָס זשע?

— איך קלאפּ זיין קאַפּאָטע, ווען זי איז אויסגעטאָן, און ער מיינע — ווען זי איז אָנגעטאָן.

---

## זי איז במילא אייערע

איינמאָל, ערב־פּסח איז דאָס געווען, איז הערשל אַרייַנגעפאַלן אין שטיבל פון דער חברה־קדישא מיט אַ יאָמערלעך געשריי:

— געוואַלד! איר מוזט מיר העלפן, איר מוזט מיר בייִשטיין אין דער נויט! געוואַלד!

— וואָס איז, הערשל? וואָס איז געשען?

— אַ גרויסער אומגליק. דאָס ווייב איז ביי מיר אָוועקגעשטאָרבן. מע דאַרף זי מקבר זיין, און איך האָב אַפילו נישט אויף קיין תכריכים.

די חברה־קדישא האָט קיין ברירה נישט געהאַט, מען האָט אים געמוזט געבן אַ ביסל געלט ער זאָל גיין קויפן תכריכים, און מען האָט אים צוגעזאָגט אין אַ פּאָר שעה אַרום זי קומען צונעמען.

הערשל האָט געפּאַקט דאָס געלט און איז אַוועק אויפן מאַרק איינקויפן אויף פּסח. דערווייל זענען געקומען די חברה־נושאים מיט דער מיטה. הערשל איז שוין אויך געווען אינדערהיים. ווי נאָר זיי זענען אַריין אין שטוב, זענען זיי דערציטערט געוואָרן: די געשטאָרבענע שטייט און שמירט די שטוב.

— הערשל, וואָס איז דאָס? תחית־המתים?

— וואָס פרעגט איר? איר זעט דען נישט, אַז זי לעבט?

— האָסט אונדז אָפּגענאַרט?!

— איר דאַרפט זיך נישט ערגערן, איך האָב אייך נישט אָפּגענאַרט — טרייסט זיי הערשל — נישט מער — איך האָב ביי אייך גענומען האַנט־געלט און האָב עס אויסגעגעבן אויף עפּעס אַנדערש, נאָר איך גיב אייך דאָס וואָרט, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועל איך זי אין ערגעץ נישט אַוועקפירן, אַזוי אַז זי איז במילא אייערע.

## א האַלבן פּסח האָב איך שוין

ערב פּסח איז הערשל אַרומגעגאַנגען אָן אַ גראָשן געלט און האָט אַפילו אויף קיין ברויט נישט געהאַט. באַגעגענען אים עטלעכע רייכע חסידים און פרעגן מיט אַ געלעכטערל:

— נו הערשל, קערסט מאַכן דעם שיינעם פּסח?

— וואָס פרעגט איר? — ענטפערט זיי הערשל — אַ האַלבן פּסח האָב איך שוין אין שטוב!

— אַזוי? — וווּנדערן זיך די חסידים — ווי קומט צו דיר אַ האַלבער פּסח אַפילו? ווער האָט עס דיך מיטאַמאָל באַגליקט?

— וואָס וווּנדערט איר זיך? — זאָגט הערשל — באַרעכנט זיך, פון וואָס באַשטייט דער פּסח? פון אויסראַמען דעם חמץ און אַריינגעמען די מצה, איאָ?

איז דאָס ערשטע האָב איך ערלעך אָפּגעטאָן, איך שווער אייך, אַז ביי מיר איז שטוב איז קיין פּיצל ברויט נישטאָ. האָב איך שוין אַ האַלבן פּסח?

## קליינע טרינקער

ערב פּסח איז הערשל געקומען צום רבין און גע־קלאָגט זיך פאַר אים, אַז ער האָט נישט אין וואָס די הגדה צו זאָגן. מאַכט צו אים הער רבי:

— וויסטו וואָס? איך האָב אַ סידור, דאָרט איז אויך דאָ די הגדה, נעם אים דיר...

אויף איבעראַיאָר פּסח קומט ער ווידער צום רבין מיט דער זעלבער בקשה.

— סטייטש — פרעגט דער רבי — וואָס הייסט, דו האָסט נישט אין וואָס די הגדה צו זאָגן? איך גע־דענק דאָך גאַנץ גוט, אַז איך האָב דיר פאַראַיאָרן געגעבן מיין סידור, וואָס זשע ווילסטו נאָך? איין הגדה איר דיר קאַרג?

— פאַרשטייט איר מיך, רבי, די מעשה דערפון איז אַזוי געווען: פאַראַיאָרן, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו זאָגן און בין צוגעקומען צו דעם אָרט, וווּ עס ווערט דערציילט וועגן רב אליעזר ברב עזריה, וועגן רב עקי־בא ברב טרפון, האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט. איך האָב דערזען פאַר זיך אַזעלכע טייערע געסט, האָב איך זיי זייער שיין אויפגענומען, און מיר האָבן פאַרזוכט צו קאַפּעלעך. נאָר אַזוי ווי איך האָב געהאַט ווייניק וויין, האָבן מיר אים באַלד אויסגעטרונקען. חול־המועד,

איך וויל זיי נאָכאַמאָל אויפנעמען, איז נישטאָ מיט וואָס. ס'איז מיר געוואָרן אַ בזיון. זאָג איך צו זיי:

— קומט, חברה, אין ווינשענק, וועלן מיר מאַכן אַ כוסה!

מיר זענען אַוועק אין ווינשענק און האָבן גענומען צו פּיינע ביסעלעך משקה. מיר, וואָס איך בין שוין געווינט צום טרונק, האָט עס נישט געשאַדט, און איך בין בשלום פאַרגאַנגען אַהיים. מיינע געסט אָבער זענען, ווי עס ווייזט אויס, קליינע טרינקער, איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט, האָט זיך זיין פאַרדרייט דער קאָפּ, און זיי האָבן שוין אַהיים נישט געקאָנט טרעפן, זענען זיי געבליבן אין ווינשענק, און זיי ליגן דאָרט, נעבעך, עד־היום...

דער רבי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דער סידור איז פאַרזעצט אין ווינשענק, און ער האָט געמוזט שיקן הערשלען אים אויסקויפן.

## פון וואָס מאַכט מען בראָנפן?

— ס'איז געגאַנגען אַ שמועס: פון וואָס מאַכט מען בראָנפן? איינער זאָגט, פון קאָרן, אַ צווייטער — פון קאַרטאָפליעס, אַ דריטער — פון גערשטן. הערשל רופט זיך אָן:

— בראָנפן מאַכט מען נאָר פון ברויט, איך האָב ראיות דערויף.

— דו רעדסט, ווי אַן אַלטער בראָנפּן־טרייבער... וואָסערע ראיות האָסטו?

— פון בראָנפּן ווערט מען פריילעך? דאָס ווייסט איר נישט לייקענען? און איך, אַז איך פּאַק אַריין אַ ברויט אין שטוב, און מען עסט זיך אָן, איז מען אַזוי פריילעך, אַז מען טאַנצט אַזש, גלייך ווי פון בראָנפן...

## דער פּראָסט איז אַ נואף

אין איינעם אַ ווינטער־טאָג, ווען אינדרויסן איז געווען אַ שרעקלעכער פראָסט און אַ זאַווערוכע, און ביי הערשלען אין שטיבל איז שוין עטלעכע טעג נישט געווען געהייצט, איז הערשל געקומען צום רבין בעטן געלט אויף האָלץ. דער רבי האָט אויסגעהערט זיין בקשה און געזאָגט:

— אויב דו וועסט מיר דערציילן וועגן דיין נויט, אַז דו האָסט נישט קיין הייצונג, מיט אַ פאַרשטעלטער שפּראַך, אַזוי אַז עס זאָל קיין רייד נישט זיין וועגן ענין הייצונג, וועל איך דיר געבן געלט.

הערשל פאַרטראַכט זיך. דער רבי וואַרט. פּלוצעם טוט הערשל אַ געשריי:

— אוי, רבי, דער פּראָסט איז אַ מיאוסער נואף!

— פונוואַנען ווייסטו דאָס? — וווּנדערט זיך דער רבי.

— מיין ווייב איז געגאַנגען אין מאַרק, לויפט ער

איר נאָך, זי יאָגט אָן אַ נשמה אַהיים, ער נאָך איר גלייך אין שטוב אַריין...

— נו, וואָס זשע האָסטו געטאָן?

— איך האָב גענומען זוכן אַ שייטל האָלץ אים אַרויסצוטרייבן, איז אין שטוב נישט געווען קיין שייטל האָלץ!

---

## ער האָט אויף פסח

איינמאָל, פאַר פסח, רופט זיך אָן דער רבי:

— ווער סע וועט מיר דערציילן, אַז ער האָט שוין אויף פסח, און פון זיינע רייד וועט זיין געדרונגען, אַז ער האָט נישט אויף פסח, דעם וועל איך בייהילפיק זיין.

כאַפּט זיך אַרויס הערשל און דערציילט:

— איך האָב היינטיקס יאָר אַן אויסגעשפּילטן פסח, יעדעס פיצעלע איז ביי מיר באַוואָרנט: אינדיקעס האָב איך, מיין ווייב בלאָזט זיך. שמאַלץ האָב איך, מיין ווייב האָט צעלאָזט דעם פיסק. אייער האָב איך, אַלע פיר ווענט לייגן זיך ביי מיר. האָלץ האָב איך, דער מלמד זאָגט, אַז מיין יינגל האָט נישט קיין קאָפּ, נאָר אַ שייט האָלץ. און חוץ אַלעמען, בין איך אַ גרויסער בטוח אויך, גאָט אַליין לייגט ביי מיר אין דעם דאַך.

---

## א שיינער פסח

— הערשל, האסטו געהאט א שיינעם פסח?

— עס וואלט געווען נישקשה, גאר איך האב נישט געקאנט זאגן די גאנצע הגדה...

— וואס זשע, האסטו פארגעסן עברי?

— כ'האב זיך אפגעשטעלט ביי די מכות, און דערביי בין איך געבליבן...

---

## א קורצע שמונה עשרה

איינמאל נאכן דאווענען פרעגט דער רבי ביי הערשלען:

— וואס גייסטו אזוי גיך אויס שמונה עשרה? ס'איז א בזיון! פארוואס געדויערט עס ביי מיר צוויי מאל אזויפיל צייט, ווי ביי דיר?

— ווי קאן איך זיך גלייכן צו אייך? — האט הערשל געענטפערט — איר האט, קיין עין־הרע נישט, א סך געלד און זילבער, און א שטוב מיט אלדאס גוטס. איידער איר רעכנט דאס איבער און בעט דעם רבונו־של־עולם פאר אלץ, גייט דערווייל די צייט, און די שמונה עשרה געדויערט ביי אייך לאנג. אבער איך, וואס איז מיין פארמעגן? א ווייב מיט א ציג! בארעכן איך מיר איינס און צוויי: ווייב־ציג, ציג־ווייב, און אויס־געגאנגען שמונה עשרה.

---

## ער גייט אוים נאָך אַ קערבל

אין מעדזשיבעזש איז געווען איינער אַ ווילדער פרומאַק. אַ מענטש בטבע זייער אַ שלעכטער און אַ פאַרקויפטער צום קערבל, איז ער אין הלכות פרומ־קייט געווען שטאַרק אָפּגעהיט, באַזונדערס ביי דער שמונה עשרה. דעם עולם אין בית־המדרש פלעגט נמאס און מיאוס ווערן צו וואַרטן, ביז ער וועט אַמאָל אויס־גיין שמונה עשרה, אַלע האָבן שוין פון לאַנג אָפּגע־דאַוונט, און ער שטייט נאָך אַלץ און שאָקלט זיך.

— הערשל — רופט זיך אָן אַ יונגערמאַן, וואָס איז שטאַרק אין כעס געווען אויף דעם דאָזיקן פרו־מאַק — אפשר האָסטו עפעס אַן עצה צו דעם אומ־גליק, צו זיין שמונה עשרה?

— יאָ! איר ווילט מיך פאָלגן? גיט אים אַ קערבל, וועט ער תיכף אויס־גיין. ער גייט אוים נאָך אַ קערבל...

---

## איך טרעט אויף מיין ערד

דער רבי איז אין כעס געוואָרן אויף הערשלען און האָט אים געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט:

— זאָלסט זיך נישט דערוועגן צו טרעטן אויף מיין ערד!

אין אַ פּאָר שעה אַרום — הערשל איז ווידער דאָ. דער רבי איז אויסער זיך:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן עזות? איך האָב דאָך דיר באַפוילן...

— רבי, איך האָט געהייסן נישט טרעטן אויף איי־ער ערד, בין איך נישט עובר געווען.

— דהיינו? ווי אַזוי?

הערשל האָט אויסגעטאָן אַ שוך און אים איבער־געקערט, האָט זיך אויסגעשאָטן אַ ביסל ערד.

— איר זעט — האָט ער געזאָגט — איך בין אַוועק צו זיך אַהיים, אָנגעגראָבן ערד און אריינגעשאָטן אין די שיך, אַזוי אַז א י ך ט ר ע ט א ו י ף מ י י ן ע ר ד...

---

## ס׳איז גלייכער אינעווייניק

ביים רבין איז פאָרגעקומען אַ וויכוח: וואָס איז גלייכער, פנימים, דאָס הייסט, די זאַך אינעווייניק, אָדער חיצונים, דאָס הייסט, די זאַך פון אויסגווייניק. אַשטייגער, כאַ טרעפט אַ שיין עפּעלע, און אינעווייניק איז דאָס פויל, און, פאַרקערט, מיר זעען מיאוסע זאַכן, און אינעווייניק זענען זיי גאָר אַן אַנטיק. פונדעסטוועגן האָט מען ליב אַ שיינעם מענטשן, און מע טראַכט נישט אַז ס׳איז גאָר די כלי. אַזוי האָט מען זיך געטאַ־פּערט, דער האָט געזאָגט אַזוי, און דער צווייטער פּונקט דעם היפּוך. רופט זיך אָן הערשל:

— און איך זאָג אייך, א ז ו ו י נ ט י ק א י ז ג א ָ ר פ נ י מ י ם!

פונוואַנען ווייסטו דאָס?

— איך האָב אַליין אויסגעפּרוּווט.

— ווי אַזוי איז?

— הערט אַ מעשה: איך בין געפֿאָרן אין וועגווינטער, אין אַ גרויסן פֿראָסט. איך בין איבערגעפֿרוירן געוואָרן. אויף דער זעלבער פֿור איז געשטאַנען אַ פֿאַס בראָנפֿן אפֿשר פֿון זעכציק עמער. איך האָב זיך צוגעטוליעט צו איר, אַרומגענומען זי, ווייס איך וואָס, ס׳האָט מיר גאָרנישט געהאָלפֿן, איך בין שיער אומגעקומען פֿון קעלט. האָט איר אייך דעם בראָנפֿן, חיצונים, פֿון אויסגעווייניק. מיר זענען געקומען אין קרעטשמע, האָב איך אויסגעטרונקען דאָס ערשטע קעלישעקל, האָט עס מיך דערוואַרעמט, און ס׳איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, האָס איז פּנימים: פֿרעג איך אייך, איז נישט גלייכער אינעווייניק?

---

## צעקייט דעם תירוץ

הערשל איז געזעסן פֿאַרטיפֿט אין מחשבות. פֿרעגט אים דער רבי:

— וועגן וואָס טראַכסטו, הערשל?

— איך האָב זייער אַ האַרבע קשיה, און איך קאָן זי בשום אופֿן נישט פֿאַרענטפֿערן...

— אדרבא, זאָג מיר, אפֿשר וועל איך דיר געפֿינען אַ תירוץ?

— איך בעט אייך, רבי, וואָס טוט מען, אַז מען האָט נישט אויף קיין מאַלצייט?

דער רבי האָט פאַרשטאַנען, וואָס הערשל מיינט, און האָט אים געגעבן עטלעכע גראָשן. אין אַ וואָך אַרום קומט ער ווידעראַמאָל מיט דער אייגענער קשיה. איז דער רבי אין כעס געוואָרן און זאָגט אים:

— איך האָב דאָך דיר שוין אויף דער קשיה געפונען אַ תירוץ, וואָס זשע ביסטו נאָכאַמאָל געקומען מיט איר?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, רבי — ענטפערט הערשל, — אַז איך בין געקומען אַהיים און גענומען צעקייען דעם תירוץ, איז מיר גאָרנישט געבליבן, בין איך געקומען צו אייך נאָך אַ נייעם תירוץ.

## אָפּגעריסן מיט געוואַלד

אַ פּאָר גבירישע יונגעלייט האָבן אויסגעוואָרפן הערשלען:

— ווי שעמסטו זיך נישט צו טראָגן אַזאַ צעריסענע קאַפּאָטע?

— איך האָב נישט קיין געלט אויף קיין אַנדערער...

— אַז מען מוז, רייסט מען אָפּ מיט געוואַלד!

— איר זענט גערעכט, איך וועל אייך פאָלגן, נאָר געדענקט, וואָס איר האָט געזאָגט!

הערשל איז אַוועק אין אַ שניטקראָם און זיך געהייסן אָפּשניידן שטאָף אויף אַ קאַפּאָטע. אבי מען האָט אָפּגעשניטן, האָט ער עס אויסגעכאַפּט פונעם משרתס הענט און איז אַרויס איבערהויסן מיט אַ געוואַלד. דער

משרת איז אים נאָכגעלאָפן, ביז זיי זענען געקומען צו די יונגעלייטס הויז. הערשל איז אַריין אַ פאַרסאַפּע־טער:

— נו איך האָב אָפּגעריסן אַ קאַפּאָטע מיט גע־וואַלד, איצט רעדט מ י ט א י ם...

---

## סע געפעלט אייך נישט, שטעלט אריין זייד!

— רבי — האָט הערשל געזאָגט — איך בין בײ אייך אַזאַ צייט, וויל איך, איר זאָלט מיר געבן געלט אויף אַ זיידענער קאַפּאָטע.

— אַזוי? דו מיינסט, אַז עס קומט דיר? נו, פרעג זיך אָן, וויפל דאַרף עס קאָסטן.

הערשל האָט זיך אָנגעפרעגט נאָך דעם זעלבן טאָג און איז געקומען מיט אַ תשובה. האָט דער רבי איינ־געפונען, אַז ס'איז אַ סך געלט, און געפּסקנט:

— האַלב קאָן איך דיר געבן, און דו טו, ווי דו פאַרשטייסט.

הערשל איז מסכים געווען. יום־טוב איז ער געקו־מען אין אַ נייער קאַפּאָטע, נאָר אויף האַלב, דאָס הייסט, די פעדערשטע זייט איז געווען ניי, און די פליי־צע אַלט און צעטריפּעט, אפגים, פון דער וואָכעדי־קער קאַפּאָטע. מען האָט דערציילט דעם רבין. האָט ער אים אַריינגערופן און באַטראַכט פון פאָרנט, זייער פיין. הייסט ער אים זיך אויסדרייען און ווערט אויפ־געבראַכט:

— אויף דעם האָסטו געדאַרפט געלט?

— איך פארשטיי נישט, וואס איר זענט אין כעס — האט זיך הערשל געחידושט — איר האט מיר גע־געבן האלב פון דעם, וויפל עס באטרעפט, האב איך געמאכט אויף האלב; נישט מער דאס זייד האב איך געשטעלט פון פארנט, דא זע א י ד, ווייל איך הנאה האבן, און פון הינטן מעג זיין, ווי עס איז, מ י ך ארט עס נישט. א יי, ע ס ג ע פ ע ל ט א י ך נ י ש ט, ש ט ע ל ט א ר יי ן ז יי ד!

---

## צום רבינס דינסט

מען האט געפאקט דעם גבאי מיטן רבינס דינסט. האט זיך געטאן חושך, אומעטום האט מען גערעדט וועגן דעם, אויפן גבאי האט מען געטייטלט מיט די פינגער, מען האט געווארט, וואס פאר א פסק וועט דער רבי ארויסטראגן. רופט זיך אן הערשל:

— איך וויים נישט, וואס איז דער רעש, דער גבאי האט געהאנדלט ווי דעם רבינס א לייב־מענטש.

— הערשל, וואס רעדסטו? דו געפינסט אויף אים א זכות? און וואס האט עס צום רבין?

— דער רבי איז באשאפן געווארן צו גאטס דינסט?...

— קלאר, ווי דער טאג...

— און דער גבאי צום רבינס דינסט.

---

## די קו איז אייערע

שבת בייטאָג איז הערשל געשטאַנען אין רבינס חדר ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אינדרויסן. פּלוצעם פרעגט ער:

— רבי, אַז מען זעט אום שבת אַ קו זיך טרינקען, מעג מען זי ראַטעווען?

— מען טאָר נישט... וואָס קוקסטו דאָרטן?

— אַ קו איז אַריינגעפאַלן אין טייך...

— מילא, נו...

— איי־איי־איי, זי איז אַריין אין אַ גרוב, אַ צער־בעלי־חיים...

— וואָס קאָן מען העלפן?

— זאָגט איר, אַז מען טאָר נישט?...

— וואָס גייט עס דיר אַזוי אָן?

— מען זעט זי שוין נישט... אַראָפּ... פאַרפאַלן. איי, אַן עבירה, אַן עבירה...

— וואָס באַוויינסטו זי אַזוי?

— עס וועט אייך באַנג טאָן, רבי.

— וואָס איז דען?

— די קו איז אייערע!!!

---

## אָבער דאַרף מעג ער?

מען האָט הערשלען געשיקט נאָך מילכיקס פאַרן רבינס טיש. זאָגט אים אָן דער שמש:

— גאָר גערענק, קיין פעטן קעז טאָר דער רבי נישט!

— אָ ב ע ר ד א ר ן מ ע ג ע ר ?

---

## איך וויל קיין היזק נישט ליידן

דער פרנס־חודש איז אריין צוזאַמען פון הערשלס צו אַ שאַרף וואָרט, און געווען איז ער אַ ייד אַ גבר, האָט הערשל אָפּגעלייזט פון אים שיינע עטלעכע שטע־קנס אין פּלייצע. אויף מאָרגן האָט זיך דער פרנס־חודש באַרעכנט, אַז עס לוינט נישט צו זיין צעקריגט מיט הערשלען, האָט ער אים געשיקט רופן, איבערגע־בעטן און געשענקט אים אַ מתנה אַ קאַפּאָטע, נאָך נישט קיין אָפּגעטראָגענע, פון גוטן שטאָף.

איינמאָל האָט הערשל אָנגעטאָן די נייע קאַפּאָ־טע, גענומען דעם שטעקן אין האַנט און איז אַוועק שפּאַצירן הינטער דער שטאָט. באַגעגנט אים דער פרנס־חודש משרת און פרעגט אים:

— וואָס טויג דיר אַזאַ טייערע קאַפּאָטע, זי איז אויף דיין מיסט געוואַקסן געוואָרן? ווייסטו וואָס, פאַרקויף זי מיר.

— אך, פאַרוואָס נישט? מיטן גרעסטן פאַרגנ־יגן! איך קאָן זי דיר פאַרהאַנדלען פאַר דעם פּרייז, וואָס זי קאָסט מיך אַליין.

— שוין געמאַכט — איז מסכים דער משרת.

ביי די ווערטער האָט הערשל געכאַפּט דעם שטעקן

און גענומען אים אַפּציילן איבער דער פּלייצע. דער משרת איז אַנטלאָפן צום באַלעבאָס און זיך באַקלאָגט פאַר אים. יענער איז געוואָרן אויסער זיך. ער האָט באַפוילן תיכף ברענגען הערשלען און האָט זיך צע־שריגן:

— וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַן עזות צו שלאָגן מיין משרת אינמיטן העלן טאָג אומזיסט און אומגעשט?

— עס הייבט זיך אפילו נישט אָן — דערוווידערט הערשל — איך האָב אים דען געשלאָגן? איך האָב אים פאַרקויפט די קאַפּאָטע פאַר דעם פּרייז, וואָס זי קאָסט מיך אליין.

— וואָס מיינסטו צו זאָגן?

— די דאָזיקע קאַפּאָטע האָב איך באַקומען פון אייך אַ מתנה, נאָר איידער איר האָט זי מיר געגעבן, האָט איר מיר פריער אָפּגעציילט צוואַנציק שטעקנס אויף מיין פּלייצע. אייער משרת איז איינגעגאַנגען צו קויפן ביי מיר די קאַפּאָטע פאַר דער פּרייז, וואָס איך האָב באַצאָלט, האָב איך אים געוואָלט צוציילן דעם פּרייז.

דער פּרנס־חודש האָט זיך צעלאַכט, נאָר פונ־דעסטוועגן האָט אים פאַרדראָסן אויף הערשלס אָנצי־הערעניש און אויף דעם, וואָס ער האָט געשלאָגן זיי־נעם אַ מענטשן, און ער האָט געפּסקנט, ער זאָל אָפּ־געבן דעם משרת די קאַפּאָטע.

הערשל איז אַרויס פון די כלים.

— ווו איז דאָס געהערט געוואָרן — האָט ער געטענהט — אַזאַ אומרעכט?!

— פאַרוואָס איז דאָס אַזאַ אומרעכט?
— מיך קאָסט די קאַפּאָטע צוואַנציק שמעקנס אויף מיין בידנער פּלייצע, און אייער משרת האָט נאָר זעקס באַקומען, זאָל ער באַקומען די איבעריקע. איך בין אַן אָרעמאַן, איך וויל קיין היזק נישט ליידן!...

---

## הייסט שפּאַנען, זיי שטייען אויף לעבודת הבורא

הערשל איז געפאָרן מיטן רבין אין אַ ווייטן וועג, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף נאַכטלעגער אין ראַרעדיק. דאָס שטעטל האָט געשמט פאַר אַ נעסט פון גנבים. פאַרטאָג האָט הערשל דערהערט, ווי מען קלאַפּט אין לאָדן. ער עפנט אויף, זעט ער, ווי דער שמש גייט פון שטוב צו שטוב, קלאַפּט אין די לאָדנס צו די באַלעבאַטים און רופט:

— יידן, שטייט אויף לעבודת הבורא!

הערשל האָט תיקף אויפגעוועקט דעם רבין און זאָגט אים:

— רבי, מיר מוזן שוין אָפּפאָרן פון דאַנען.

— וואָס איז געשען? — האָט זיך דער רבי דער־שראָקן.

— נאָט זעט — ענטפערט הערשל און פירט אים צו צום פענצטער.

— וואָס ווילסטו? — קאָן דער רבי נישט פאַר־שטיין — דער שמש רופט אין שול אריין...

— רבי, הייסט שפּאַנען! מ י ר ז ע נ ע ן

אין ראַרערעק. קוים שטייען זיי אויף לעבודת הבורא, ווערן די פערד נישט סטייען!

---

## אויף חכמות דאַרף מען אויך האָבן

הערשל האָט געבעטן ביים רבין אויף שבת, האָט ער אים געגעבן. איבעראַכטאָג בעט ער ווידער, איז דער רבי ברוגז געוואָרן און האָט אים געשטראָפט:

— איך האָב דיר גערופן אַהער, קיין מעדזשיבעזש אויף חכמות, נישט אויף מאָגען געלט.

— איר זענט אפשר גערעכט — פאַרענטפערט זיך הערשל — נאָר אויף חכמות דאַרף מען האָבן פונקט, ווי אויף שבת.

---

## קרייען צו קרייען איז נישט גלייך

יום־טוב האָבן חסידים פאַרבראַכט ביים רבינס טיש. הערשל, אַלס לץ, האָט געשאָטן מיט חכמות אין ווערטלעך, און וועמען ער האָט געטראָפן, האָט יענער געמוזט אָפּשווייגן. איינער אַ רייכער חסיד האָט זיך אויך געפּרוּווט ווערטלען. ביי זיך אין שטעטל האָט ער געשמט פאַר אַ חכם, אַזוי פלעגט מען אים זאָגן, חנפענענדיק אים. האָט ער זיך דאָ געוואָלט באַווייזן, נאָר קיינער האָט אים נישט געהערט. ראַ-

שית, זענען די חכמות געווען פלאַטשיקע, והשנית, האָט מען מאַקע געוואָלט הערן הערשלס אַ וואָרט, איז דער חסיד אין כעס געוואָרן און רופט זיך אָן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין? אויסער הערשלען קען שוין גאָר קיינער קיין וואָרט נישט אויסרעדן?

— ע, מיין ליבער פריינד — האָט הערשל אים אָפגעשמעלט — איר ווייסט, אַפנים, נישט די מעשה מיט דער הון?

— וואָסער מעשה? וואָסער הון?

— דאָס איז אַ משל, און דעם נמשל וועט איר אַליין פאַרשטיין. די הון איז געקומען מיט טענות: סטייטש, מיין פלייש איז איידעלער פונעם האָנס, איך לייג אייער, און דער האָן נישט, פונדעסטוועגן איז ער חשובער פון מיר. האָט מען איר געזאָגט: — דאָס איז דערפאַר ווייל ער קען קרייען. האָט די הון זיך מיישב געווען און אויך גענומען קרייען, האָט מען זי תיכף אַוועקגעטראָגן צום שוחט. פרעגט זי: פאַרוואָס קומט עס מיר? מיט אַ קוק, דער האָן קרייעט דאָך אויך. — קרייען צו קרייען איז נישט גלייך — האָט מען איר געענטפערט. דער האָן קרייעט, ווייל עס קרייעט זיך אים, און דו קרייעסט, ווייל דו ווילסט ווערן חשוב, ווייל דיך קיינער נישט הערן, און מען טראָגט דיך אַוועק צום שוחט.

מער האָט זיך דער יונגערמאַן נישט געחכמעט.

## ביים עסן קלייבט מען נישט איבער

אינעם גרויסן זאַל פון אַן אכסניא האָבן זיך צו־נויפגעקומען אַ קאָמפּאַניע חסידים און מען האָט גע־פּראַוועט אַ פריילעכע סעודה. הערשל איז פאַרבייגע־גאַנגען, האָבן זיי אים אַריינגערופן, געוואָרפן זיך מיט אים, געוואָלט אויסהערן זיינע חכמות, נאָר צום טיש האָבן זיי אים נישט פאַרבעטן. ער האָט זיי דווקא גע־זאָגט, אַז פאַר קיין עסן גייט קיין טאָנץ נישט, נאָר מען האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק. ערשט, אַז מען האָט זיך שוין געהאַט גוט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, האָט מען אים מכבד געווען מיט די שיריים, וואָס זע־נען געבליבן אין די טעלער. הערשל האָט זיך אָפּגע־זאָגט דערפון. האָבן די חסידים אים אָנגעהויבן צו מוסרן:

— פע, הערשל, ביים עסן קלייבט מען נישט אי־בער...

— איר זענט אפשר גערעכט — האָט הערשל געזאָגט — אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב נישט קיין חשק צו די דאָזיקע מאכלים? איך בין שטאַרק הונגעריק, איך וואָלט אַצינד געקאָנט אויפעסן אַ האַלבן פוד קאַרטאָפּליעס מיט שמאַלץ.

— איינער אַליין? — וווּנדערן זיך די חסידים.

— מיט אַ שותּף.

— וואָס זשע פאַר אַ משוגענער וועט זיין מיט דיר אַ שותּף? אויב דו מיינסט, אַז עמעצער פון אונדז, האָסטו, מחילה, אַ גרויסן טעות.

— וואָס אַרט עס אייך? לאָמיר זיך וועטן אויף צען קערבלעך, אַז איך וועל מיינס אויספירן. פאַרן שותּף זאָרגט זיך נישט, איך וועל אים צושטעלן.

די חסידים האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער זאַך, מען האָט איינגעלייגט דאָס וועט־געלט ביים בעל־אכסניא און אים געהייסן אָפּקאָכן אַ האַלבן פּוד קאַרטאָפליעס. איידער מען האָט זיך גערירט, זענען די קאַרטאָפליעס פאַרטיק געוואָרן. מען האָט זיי איבערגעשמאָלצן און דערלאַנגט צום טיש אין אַ קעסל. הערשל האָט פריער פאַרזוכט, דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען אין אַ טעלער עטלעכע קאַרטאָפליעס און האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין.

— איך קום באַלד — האָט ער געזאָגט — איך וועל אַריינברענגען אַ שותּף.

דער עולם וואַרט. פּלוצעם עפנט זיך די טיר, אין הערשל שלעפּט אַריין אַ היפּשן חזיר און שטעלט אים אַוועק לעבן קעסל. דעם דבר־אחר האָט מען לאַנג נישט געדאַרפט בעטן; ער האָט זיך תּיכּף גענומען צו דער אכילה. הערשל האָט זיך אויך געזעצט צו זיין טעלער. די חסידים זענען געבליבן געפּלעפט פונעם אויפטו. אויפן צענערל האָבן זיי שוין אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און הערשלען האָבן זיי פאַרגעוואָרפן:

— ווי שעמסטו זיך נישט? אַ חזיר פאַר אַ שותּף?

— ביים עסן קלייבט מען נישט איבער — האָט זיי הערשל דערמאָנט.

---

# הערשל צאָלט אָפּ די חסידים

הערשל איז איינמאָל געפאָרן מיט אַ קאָמפּאַניע חסידים. די חסידים האָבן זיך פריילעך געמאַכט און די גאַנצע צייט אָפּגעשפּעט פון הערשלען. אים האָט עס, פאַרשטייט זיך, גוט געאַרט, נאָר ער האָט געשוויגן און געטראַכט ביי זיך: וואַרט, וואַרט, עס וועט אַ רוח אין אייער טאַטן! עס וועט אייך טייער קאָסטן, איך הייס דאָך עפּעס הערשל אָסטראָפּאָליער, איר וועט מיך האָבן צו געדענקען!

דערווייל רופט זיך אָן אַ חסיד:

— דו ווייסט, הערשל, אַז דו ביסט אונדז שולדיק אַ סעודה?

— איך? וואס פאַר אַ נס האָט געטראָפן?

— דו ביסט געוואָרן אַ לץ ביים רבין, און מיר האָבן עס נישט באַגעצט. וואָס מיינסטו, מיר וועלן שווייגן, מיר וועלן דיר מוחל זיין?

— יאָ, יאָ, אַ סעודה! — האָבן אונטערגעכאַפּט נאָך עטלעכע חסידים — זאָל ער פאַרקויפן די טייערע בגדים זיינע, פאַרזעצן דעם ווייבס פערל, נאָר אַ סעודה זאָל ער מאַכן...

— וואָס? ער האָט נישט קיין פערל? זאָל ער קויפן!

הערשל הערט אוים און איז מסכים:

— איר זענט גערעכט, איך בין אייער בעל־חוב, איך בין אייך שולדיק אַ סעודה, און איך וועל אָפּצאָלן.

זיי זענען אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג און אַרום האַלבן

טאָג געקומען צו אַ קרעטשמע. הערשל איז אָבער אין דער קרעטשמע נישט אַריינגעגאַנגען, ער האָט געפּו־נען אַ תּירוץ: ער איז דאָ שולדיק געלט, און אָפּצוגעבן האָט ער נישט, ווײַל ער נישט האָבן צו טאָן מיטן קרעטשמער. די חסידים לאַכן, ס׳עט טוט זיי הנאה, און זיי גיבן אים אַן עצה:

— גיי דיר ווײַטער מיטן שליאַך, מיר וועלן זיך אָפּרוען, עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן און וועלן דיך אָניאָגן בײַ דער צווייטער קרעטשמע.

מער האָט הערשל נישט באַדאַרפט. ער איז אַוועק־געגאַנגען. אין אַ שעה דרײַ אַרום איז ער געקומען צו דער צווייטער קרעטשמע. ער האָט אַרויסגענומען פֿו־נעם קלומעקל די שבתדיקע קאַפּאָטע, זיך איבערגעטאָן און איז אַרײַן פֿרײלעך און האָפֿערדיק אין קרעטשמע. אָפּגעזוכט דעם קרעטשמער, גיט ער אים אָפּ אַ ברייטן שלום־עליכם און רופֿט זיך אָן צו אים:

— זייט וויסן, אַז פֿאַרבײַ אייער קרעטשמע דאַרף באַלד דורכפֿאָרן אַ בויה מיט זייער רײַכע פֿאַרשוינען. זיי האָבן מיך געשיקט אַהער אײַך צו מעלדן, איר זאָלט אָנגרייטן די שיינע געפֿילטע פֿיש, מיט די פֿעטע פֿליישן, מיט די בעסטע ווײַנען און אַלצדינג זאָל זײַן לרוב, פֿון דער ברייטער האַנט, און וועגן געלט וועט מען זיך מיט אײַך נישט דינגען, נאָר איינס און צוויי, אײַלט זיך צו, ווײַל ס׳איז שוין באַלד פֿינצטער, און זיי ווילן פֿאַר־ברענגען די גאַנצע נאַכט, ביז אין ווײַסן טאָג אַרײַן. מיט אַ פּאָר טעג צוריק זענען אויף זיי אָנגעפֿאַלן גז־לנים אין וואַלד, און זיי זענען ניצול געוואָרן, ווילן זיי מאַכן לכּבוד דעם אַ גרויסאַרטיקע סעודה. מען האָט

און דיז נאָך אין וועג געזאָגט, אַז ביי אייך קריגט מען, וואָס דאָס האַרץ גלוסט. זעט זשע, סע זאָל זיי געפעלן, איר וועט נישט דערלייגן!

דער קרעטשמער האָט תיכף אַריינגערופן די קרעטשמערקע און איר אָנגעזאָגט די פרייליכע בשורה. מען האָט זיך באַלד געשטעלט קאָכן, מען האָט אויך אויפגעראַמט אין שטוב, ווערליק מען ריכט זיך אויף טייערע געסט. הערשל האָט געהייסן אָנצינדן אין אַלע לייכטער ליכט און האָט אַליין געגרייט צום טיש. דער־נאָך איז ער אַוועק באַגעגענען די קאָמפּאַניע.

די חסידים זענען שוין צוגעפאָרן צו דער קרעטש־מע. זיי זעען, הערשל לויפט זיי אַנטקעגן. האָבן זיי זיך תחילת דערשראָקן און פרעגן אים:

— הערשל, וואָס איז געשען, וואָס לויפסטו אַזוי? אַ נשמה?

— ס'איז גוט, ס'איז גוט! — שרייט הערשל — גאָט האָט אונדז באַשערט...

— וואָס? אַן אוצר??

— איר האָט געוואָלט אַ סעודה, האָט אונדז גאָט באַשערט... אין דער קרעטשמע, פון וואַנען איך גיי איצט, הוליעט מען שוין אַ גאַנצע וואָך, און ווער עס פאָרט, ווער עס גייט פאַרביי, לאָזט אים דער באַלעבאָס נישט דורך, מען מוז ביי אים עסן פינעם שענסטן און פונעם בעסטן, און אַלץ בחינם!

— ער איז אַ משוגענער?

— ס'אַ גאַנצע מעשה. אויף אים זענען אָנגעפאַלן גזלנים, און ער איז ניצול געוואָרן, פּראַוועט ער עס אַזאַ מין סעודה. ווען איך בין אָנגעקומען אַהין, איז

ערשט געהאַט אָפּגעפּאָרן אַ בויד מיט פאַרשוינען, זיי
האָבן זיך ביי אים אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, און מען
האָט ביי זיי קיין קאָפּיקע נישט גענומען, פאַרקערט,
מען האָט זיי נאָך געדאַנקט. זיי האָבן נישט באַוויזן
אַרויסצוגיין, האָט מען ווידער געגרייט די טישן, טאָ=
מער, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, עס פאָרן אָן נייע פאַרשוי=
נען. איר וועט ביי דעם קרעטשמער זיין גאָר געשעצט
און געקרוינט, דעם רבינס מקורבים! בין איך זיך מיי=
שב געווען און בין אייך געלאָפן אַנטקעגן צו וויסן געבי:
אַן עבירה אַדורכצולאָזן אַזאַ סעודה. נאָר איין זאַך
זאָלט איר געדענקען: וועגן קיין געלט
טאָר מען אַפילו נישט רעדן.
איר וועט אים מבייש זיין. אַז מע שמועסט, ס'איז
אַ מצוה=זאַך...

די חסידים איז די מעשה געפעלן געוואָרן. זיי
האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער קרעטשמע און גייען
אַריין אינעווייניק: הערשל האָט קיין ליגן נישט גע=
זאָגט, ס'איז לויטער אמת, די שטוב איז באַלויכטן,
ווי אויף אַ שמחה, די טישן זענען געגרייט מיט אַלדאָס
גוטס, די באַלעבאַטים זענען אויס יום=טובדיק. האָבן זיי
קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט, אויסגעזעצט זיך
און זיך גענומען משמח זיין און זיך וווויל טאָן.

דער באַלעבאָס קריכט פון דער הויט, ער וויל די
געסט צופרידן שטעלן, לייגט ער אַלעמאָל פאָר נייע
מאכלים און בעסערע וויינען, און דעם אַלטן ווישניק
פונעם קעלער האָט ער שוין אויך אַרויסגענומען. די
חסידים פרעסן און זויפן, זינגען און גייען אַ ריקודל.
די נאַכט שטייט נישט, ס'איז שוין טאָג. האָט זיך פלו=

צעם אַרײַנגעשמועלט דער באַלעגאָלע מיט דער בײַטש און געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, אַז ס'איז צײַט צו פאָרן, מער וועט ער נישט וואַרטן.

הערשל האָט נאָך דערהערט דאָס וואָרט פאָרן, איז ער אויסגערונען געוואָרן. די חסידים זענען שיכור, קוים וואָס זיי פּלאָנטען מיט די פיס; זיי זענען אַרויס אין דרויסן און הייבן אָן צו קריכן אויף דער פור, און דער באַלעגאָלע איז שוין אויף דער קעלניע. נאָר פּלוצעם — אַ צרה, אַ שלאַק. דער קרעטשמער לאָזט נישט אַוועקפאָרן, ער מאָנט געלט, און נאָך וואָס פאַר אַ געלט! ווערליק פאַר אַזאַ סעודה, און ווערליק בײַ נגידים, וואָס האָבן געשיקט אַ באַזונדער שליח... ס'איז געוואָרן אַ געשריי, אַ געפּילדער. די חסידים זענען מיטאַמאָל ניכטער געוואָרן און האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צום באַלעבאָס מלא רציחה:

— סטײַטש, הערשל האָט אונדז בפירוש געזאָגט, אַז ס'איר פּראַוועט אַן אומזיסטע סעודה. *איר זענט ניצול געוואָרן פון גזלנים*...

— ווער? וואָס? — איז דער קרעטשמער אויסער זיך — אײַער מענטש איז געקומען באַשטעלן אַ רײַכע סעודה *פון אײַערטוועגן*, דאָס זאָגט *איר ניצול געוואָרן פון גזלנים*. ער האָט מיך געבעטן, סע זאָל זײַן פון דער בריטער האַנט, לרוב, נישט קאַרגן גאָרנישט, אין קיין געלט וועט קיין מניעה נישט זײַן... איך וועל אײַך נישט אַרויסלאָזן...

מען נעמט זוכן הערשלען, זײַן געבײן איז נישטאָ.

און דער קרעטשמער האָט דערווייל געפּאַקט עטלעכע באַקאַנטע פּויערים פון דאָרף, מען זאָל אים העלפן היטן די געסט, זיי זאָלן נישט אַנטלויפן און קיין געלט. דער סוף איז געווען, אַז די חסידים האָבן געמוזט באַצאָלן. אַזוי האָט זיי הערשל אָפּגעדאַנקט פאַר זייער אָפּלאַכן און האָט זיי צוגעגרייט אַ סעודה אויף לאַנג צו געדענקען.

---

## הערשלס ענטפערס אויף יענער וועלט

הערשל איז שטאַרק קראַנק געווען, טאַקע נוטה־למות, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער זיין פריילעכקייט נישט פאַרלוירן און האָט געהאַלטן אין איין ווערטלען און וויצלען זיך. פרעגט אין דער רבי:

— דו קלייבסט זיך שוין, דאַכט זיך, אין ווייטן וועג אַריין און פליסט נאָך אַלץ אינדערלופטן, בּיזוואַנען איז דער שיעור? זאָג מיר נאָר, מיט וואָס פאַר אַ מעשים טובים וועסטו קומען אַהינצו, וואָס וועסטו טענהן אויף יענער וועלט?

— איך וועל וויסן, וואָס צו טענהן — פאַלט ביי זיך הערשל נישט אַראָפּ.

— אדרבא, וואָס וועסטו ענטפערן, אַז מען וועט דיך פרעגן, מה שמך — ווי הייסטו?

— געצל!

— סטייטש, וועט מען דיר זאָגן, דו הייסט דאָך גאָר הערשל?

— אַז איר ווייסט, וואָס זשע פרעגט איר?

— נו, און אַז מען וועט דיר פרעגן, עסקת באַ־מונה — האָסטו געהאַנדלט ערלעך?

— וועל איך ענטפערן: האַנדל נישט מיט מיר.

— און אַז מען וועט דיך פרעגן, מה תקנת בעולם — וואָס האָסטו פאַרריכט אויף דער וועלט?

— וועל איך ענטפערן: אַמאָל אַ פּאָר תחנונים, אַמאָל אַ העמד.

— דאָס איז אַלץ מעשה־ליצנות — האָט זיך דער רבי צעלאַכט — וואָס קלערסטו אָבער אויף אַן אמת צו ענטפערן אויף יענער וועלט?

— איך קלער ענטפערן אַזוי: רבונו־של־עולם, סע שטייט געשריבן, אַז דו האָסט באַשאַפן דעם מענטשן מיט פינף „על־כרחות": „על כרחך", דאָס הייסט, געצוווּנגענערהייט, קעגן דיין ווילן, ווערסטו באַשאַפן, געצוווּנגענערהייט ווערסטו געבוירן, לעבסטו, שטאַרבסטו, דאַרפסטו אָפּגעבן אַ דין וחשבון. פיר „על כרחות" בין איך ערלעך איבער־געקומען: באַשאַפן געוואָרן, געבוירן געוואָרן, געלעבט און געשטאָרבן. נישט אמת, רבי?

— און אַז אמת, וואָס וועסטו טאָן מיטן פינפטן: דין וחשבון?!

— מיטן פינפטן וועט מיר זיין גרינגער. איך וועל זאָגן: גאָטעניו, שענק אים מיר אַוועק, זיי מיר אים מוחל...

— אַזוי, מוחל זיין? אויף וואָס קוקנדיק?

— איך האָב עס כשר פאַרדינט. גלייבט מיר, פאַר די פיר בין איך אויך גענוג אויסגעשטאַנען!

# דער פרײלעכער קבצן

## ביי מיר איז שענער געמאָלט

דער גביר פון שטעטל באַגעגנט הערשלען אין מאַרק און זאָגט אים אָן מיט גדלות:

— מעגסט שוין אריינגיין צו מיר אַ קוק טאָן, ווי איך האָב אויסגעמאָלט די שטוב, האָסט נאָך אַזעלכעס נישט געזען.

הערשל גייט. דער גביר פירט אים פון איין חדר אין צווייטן. איינער איז שענער פונעם אַנדערן, טאַקע וואונדערלעכע געמעלן אויף די ווענט און אויף דער סטעליע. הערשל ווערט אָבער ווייניק וואָס נתפעל און אַלעמאָל וואַרפט ער אַריין אַ וואָרט:

— ביי מיר איז שענער געמאָלט...

דעם גביר האָט עס פאַרדראָסן, נאָר ער האָט זיך איינגעהאַלטן און געשוויגן.

— לאָמיך אים — טראַכט ער זיך — ווייזן דעם גרויסן זאַל, וואָס וועט ער דערויף עפּעס זאָגן?

זיי קומען אַריין אין זאַל, עס בלענדט ממש אין די אויגן פון די פאַרבן. הערשל באַטראַכט אַלץ און שאָקלט מיטן קאָפּ:

— ביי מיר איז שענער געמאָלט, בפירוש שענער...

דאָ האָט דער גביר מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אויסגעשריגן:

— וואָס איז דאָס ביי דיר אַזוי שיין געמאָלט?

— ביי מיר איז געמאָלט — האָט הערשל שטיל געענטפערט — אַז איך האָב איצט קיין ברויט נישט אין שטוב...

## איר מיינט, עס איז גרינג צו ווערן אַ קבצן...

עטלעכע גבירישע יונגעלייט זענען געשטאַנען אין מאַרק און האָבן געלאַכט פונעם פשוטן עולם: דער איז אַ קבצן, און יענער איז אַ דלפון, דער איז אַן אביון, און יענער איז געוואָרן אַן אָרעמאַן. הערשל הערט אויס די דאָזיקע רייד און רופט זיך אָן:

— איר לאַכט פון קבצנים? איר מיינט, אַז עס איז גרינג צו ווערן אַ קבצן? מעגט איר מיר גלייבן, אַז איך האָב מיט מיינע אויגן געזען, ווי נגידים, גבירים, ואדירים האָבן פאַרקױפט מױערן, הײזער, פּאָלוואַרקן, גיטער, דאָס טייערסטע מעבל, געלד און זילבער, זיי האָבן אויספאַרקויפט אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט, דאָס לעצטע העמד פונעם לייב האָבן זיי אַוועקגעגעבן אײדער זיי זענען געוואָרן קבצנים. און איר לאַכט פון קבצנים. אײן וועט זיך געפינען אַנמוטשעז, ביז איר וועט איבערקומען אויף זייער שטאַנד.

---

## אויפן אויוון — ווי אין שניי

אין אײנעם אַ ווינטערדיקן טאָג איז הערשל אַרויס געגאַנגען אין מאַרק, אויסגעקליבן אַ פּוסטן פּלאַץ און זיך געשטעלט עפּעס מעסטן מיטן שטעקן און מאַכן צייכנס איבערן שניי. דער עולם שטייט און קוקט און וווּנדערט זיך. פּלוצעם לייגט זיך הערשל אַוועק אויפן שניי און גרייט זיך, אַפּנים, כאַפּן אַ דרעמל.

— הערשל, וואָס טוסטו? — פרעגט מען אים.

— איך האָב באַקלערט אויף דעם אָרט — ענט־פערט הערשל, — צו בויען זיך אַ שטוב, ווען איך וועל האָבן געלט. דערווייל האָב איך אויסגעמאָסטן די ערד און אויסגעפלאַנעוועט אַלע חדרים. און אָט דאָ איז מיר געפעלן צו שטעלן די קיך, האָב איך זיך צוגעלייגט אויפן אויוון...

— אין שניי??

— גלייבט מיר, אַז אינדערהיים אויפן אויוון איז בײַ מיר אַזוי קאַלט, ווי אין שניי...

---

## וואָס דאַרפט איר זוכן אַ שכן?

הערשל האָט געוווינט ביי יענעם אין שכנות אין, געוויינלעך, קיין דירה־געלט נישט געהאַט צו צאָלן. דער באַלעבאָס האָט זיך מיט אים אָפט געקריגט. אים געזידלט און געוואָלט אַרויסוואַרפן פון דער דירה.

— איך וועל מיר זוכן אַן אַנדער שכן — האָט ער געצווענגט פאַר מענטשן.

— ס'אַ נאַרישקייט פון אייער זייט — האָט הער־של געזאָגט — איר טאָרט עס נישט טאָן!

— פאַרוואָס? עס לוינט אייך נישט?

— עס וועט אייך נישט לוינען. דאַרפט איר זוכן אַ שכן, וואָס איר וועט זיין אין ספק, צי וועט ער צאָלן, צי נישט — ביי מיר ווייסט איר אויף געווים, אַז איך צאָל נישט.

---

## איך בין שיכור, זאָל מיר קיינער נישט זען...

הערשל האָט זיך אַמאָל אָנגעשיכורט און איז געליגן ביי זיך אויף דער פּריזבע און געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אַריין. גייען פאַרביי מענטשן און פרעגן אים:

— וועמען שעלטסטו עס אַזוי?

— דעם באַלעבאָס פון דער דירה!

— פאַרוואָס קומט עס אים?

— מיד פאַרדריסט, פאַרוואָס ער האָט געמאַכט די פּריזבע אינדרויסן, אַז איך ליג שיכור, זאָל יעדערער זען. קראַנק איז ער געווען שטעלן די פּריזבע איגעוויניק אין שטוב, אַז איך בין שיכור, זאָל מיך קיינער נישט זען.

---

## פאַר אַ פופציקער אַ שטוב

— איך נעם זיך אונטער פאַר אַ פופציקער אויסבויען אַ שטוב — האָט זיך הערשל באַרימט אין מאַרק פאַר אַ עולם. מען האָט געלאַכט און געוואָלט זיך דערוויסן דעם סוד, ווי קאָן מען עס אַזוי וואָלוול בויען.

— גיט מיר אַן אַדערויף אויפן פופציקער — האָט הערשל געפאָדערט — וועל איך אייך דערוויזן, אַז איך בין גערעכט.

מען האָט אים געגעבן דעם אַדערויף, און הערשל האָט דערוויזן:

— איך האָב דריי טעכטער, ליג איך מיט זיי ניין

איילן אין דער ערד, האָבן מיר שוין דעם גרונט, דעם פונדאַמענט, אַוועקגעלייגט. מיין ווייב קאָן צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, וועט זי צונויפפירן פיר ווענט אויך. היינט וואָס איך טו, לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. פעלט מיר נאָך אַ דאַך, וועט מיר אַ פופציקער קלעקן.

## ליכטיקער קאָן שוין נישט זיין

זומער איז דאָס געווען, עס זענען געשטאַנען שרעקלעכע היצן. האָט זיך אין שטעטל אָנגעהויבן אַ שרפה. עס האָט געברענט אַ גאַנצן טאָג. דאָס פייער האָט זיך איבערגעוואָרפן פון איין דירה אויף דער צווייטער, און אַזוי ביז טיף אין דער נאַכט. אַ גאַנצע גאַס האָט געפלאַקערט, הערשלס שטוב האָט זיך אויך אָנגעכאַפט. מען האָט גענומען אַרויסשלעפן די בעבעכעס, טראָגן עמער וואַסער, הערשלס ווייב האָט געבראָכן די הענט, געוויינט און געקלאָגט:

— וואָס טוט מען? ווי איז מיר און פינצטער איז מיר!

און הערשל איז געשטאַנען ביי דער זייט, צוגעקוקט דעם אומגליק, געטאָן, וואָס ער האָט געקאָנט, און געטרייסט דאָס ווייב:

— נאַרישע יידענע, וואָס שרייסטו, וואָס ליאַרעמסטו? וואָס איז דיר פינצטער? אַ שטאָט ברענט, און דיר איז קאַרג. ס'איז, דאַכט זיך, ליכטיק, וואָס ליכטיקער קאָן שוין נישט זיין....

# גייט אַליין אין די הייזער

אין שטעטל איז געווען אַ שרפה. אַ סך קבצנים זע־נען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַ ביסל געלט האָט מען געזאַמלט אויפן אָרט, נאָר עס האָט נישט גע־קלעקט צו לינדערן אַלעמענס צרות. דער עולם האָט באַטראַכט, מען זאָל אַרויסשיקן שליחים אין די נאָענטע שטעטלעך. האָבן זיך אַרויסגערופן אַ פּאָר יונגעלייט, און צו זיי איז אויך צוגעשטאַנען הערשל אָסטראָפּאָ־ליער, און מען האָט זיך געלאָזט אין וועג. ווי עס פירט זיך, האָט מען מיטגענומען אַ כתב פונעם רב, אַז זיי זענען נשרפים און זענען נויטבאַדערפטיק, און מען בעט זיי העלפן.

זיי זענען געקומען צו איינעם אַ גביר, מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט זיך גאָר שיין אויספּייגען, נאָר זיי האָבן געהאַט אַ ביטערן טעות. יענער האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן:

— פונוואַנען ווייס איך, אַז איר זענט נשרפים? אַלע יאָר ברענט איר...

— מיר זענען אָרעמעלייט, ברענען מיר צו בי־סעלעך — זאָגט הערשל.

— און די גבירים?

— ווי קאָנען מיר זיך גלייכן צו זיי? זיי ברענען אַ וועלט.

אַזאַ ענטפער איז געפעלן געוואָרן דעם גביר, ער האָט זיך אָבער פאָרט געוואָלט אויסדרייען, האָט ער זיך אָנגעהויבן טשעפּן צום כתב, אַז ער איז אַ נאָכגע־מאַכטער.

— סטייטש? — רעדט אים איין הערשל, מ׳ר זענען געווען אין צען הייזער אפשר, און ס׳איז קיינעם אויפן געדאַנק נישט געקומען צו האָבן דעם מינדסטן חשד.

— אָט גלייב איך אייך באַלד...

— אדרבא, איר קאָנט מיט אונדז גיין און אַליין זען.

— זאָל איך גיין מיט אייך אין די הייזער? אַן עזות פון א יידן!

— ווייסט איר גאָר וואָס? נאַט אייך דעם כתב און גייט אַליין אין די הייזער!

---

## דאָנערשטיק איז אַ שלעכטער טאָג

דאָנערשטיק האָט דאָס ווייב געבעטן ביי הערש־לען געלט אויף שבת. טוט ער אַ זיפץ און זאָגט:

— הערסטו, דאָנערשטיק איז א שלעכטער טאָג פאַר מיר...

— פאַרוואָס?

— איך האָב נאָך קיינמאָל קיין גוטן דאָנערשטיק נישט געהאַט. דאָנערשטיק בין איך געבוירן געוואָרן פאַרשטייט זיך, אז דאָנערשטיק האָט מען מיך געמלט. דאָנערשטיק האָב איך חתונה געהאַט, און פון דעמלט אָן בעטסטו אַלע דאָנערשטיק אויף שבת... און קיין געלט איז נישטאָ. פיג, א פאַרשאָלטענער טאָג!...

---

## דאָס פּיסקל האַקט מען אָפּ

הערשלס ווייב איז אין כעס געוואָרן אויף אים, וואָס ער ווערט אַלט זיך, און קיין געלט אויף דער הוצאה האָט ער נישט. זי האָט אָנגעהויבן שרייען און זידלען זיך. ער האָט זי געפּרוווט איינשטילן, איבערבעטן, נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ:

— דו ביסט געגליכן צו אַ גאַנדז!

— איז געפעלט איך דיר אפשר נישט?

— פאַרוואָס זאָלסטו מיר נישט געפעלן? אַלצדינג איז אין דער גאַנדז גוט — דער פ ל ו ם ט ע ״, דאָס פליישׁ, דאָס העלדזל, די פיסלעך, די פעדערן, נ אָ ר ד אָ ס פ י ס ק ל ה א ק ט מ ע ן אָ פּ און מען וואַרפט עס אַ ר ו י ס!

---

## די ביימער אויף די פענצטער

ווינטער אין דער קעלט איז ביי הערשלען געווען נישט געהייצט. האָט זיך דאָס ווייב געקלאָגט פאַר אים:

— זע נאָר, ווי עס האָט פאַרזאָגט די פענצטער מיט אייז. זע נאָר, ביימער וואַקסן אויף זיי.

— פון די ביימער אויף די פענצטער זאָלסטו נישט לאַכן — האָט הערשל באַמערקט — ווען זיי איז דאָ אַ שיינע מעשה: אַז עס זענען באַשאַפן געוואָרן

ביימער, זענען זיי געווען צוויי מינים: פרוכטן־ביימער און גלאַט ביימער. האָבן זיך די גלאַט ביימער באַקלאָגט, אז מען וועט פאַרגעסן אין זיי, ווייל מען קאָן נישט געניסן פון זייערע פּירות. דעמלט איז זיי אָפּגעגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו באַווייזן זיך ווינטער אויף די פענצטער; זיי דערמאָנען אונדז, אז עס איז קאַלט, מען דאַרף הייצן, און אז אָן זיי קאָן מען זיך נישט באַגיין, און זיי קומען נאָר צום קבצן, ווייל דער גביר הייצט אויס, פאַרטרייבט ער זיי...

---

## פאַרוואָס און פאַר וואָס

הערשלס ווייב איז צוגעשטאַנען צו אים:

— גיב מיר א פּאָר גילדן!

— וואָס דאַרפסטו אזוי נייטיק געלט? — פרעגט זי הערשל.

— איך וויל איינזעצן גענדז!

ווערט הערשל ברוגז:

— פאַרוואָס זאָלסטו זיי איינזעצן?

— פאַרוואָס זעצן לייט איין גענדז — טענהט הערשלס ווייב.

ענטפערט הערשל :

— מילא, לייט האָבן פאַר וואָס איינצוזעצן, אָבער פאַרוואָס וועסטו זיי איינזעצן?

---

## פארגעסן אנידערצוליי̈גן

הערשל איז געגאנגען אין באָד אריין, און מען האָט ביי אים האָרט אוועקגעגנבעט אַ העמד. איז ער געקומען אַהיים און זאָגט צום ווייב.

— זיי אַזוי גוט, גיב מיר אַ ווייס העמד.

דאָס ווייב איז געוואָרן אויפגעבראַכט:

— וואָס הייסט? איך האָב דאָך דיר ערשט מיט־געגעבן אין באָד אריין אַ ווייס העמד!

— מען האָט עס מיר פאַרביטן — פאַרענטפערט זיך הערשל.

— אזוי, פאַרביטן? — חידושט זיך דאָס ווייב — וו זשע איז דאָס פאַרביטענע?

— פאַרשטייסט מיר, יענער האָט עס, אפנים, פאַרגעסן אַנידערצולייגן...

---

## הערשל נייט דעם דלות אַ קאַפּאָטע

הערשל איז אינגאנצן אַרויסגעפאלן פון דער קאַפּאָטע, ס'איז ממש געווען אַ בזיון צו ווייזן זיך פאַר מענטשן, און קיין געלט אויף אַ נייער קאַפּאָטע האָט ער, געוויינלעך, נישט געהאַט. ער האָט אָבער געוווּסט, אז דאָס ווייב האָט ערגעץ אַ קניפּל. וואָס טוט מען? — טראַכט ער — ווי אַזוי באַקומט מען ביי איר אַרויס די עטלעכע גראָשן? געטראַכט און געטראַכט און געפאַלן אויף אַ געדאַנק. ער איז אַרויס

אויפֿן בוידעם און האָט אָנגעהויבן רעדן, בייזערן זיך, גלייך ווי ער טענהט זיך מיט עמעצן אויס. איין מאָל און צוויי מאָל, ביז דאָס ווייב האָט דערהערט, ווי ער רעדט, איז זי צוגעגאַנגען צום בוידעם און געפֿרעגט:

— מיט וועמען רעדסטו עס דאָרטן אויפֿן בוידעם?

— מיטן דלות — ענטפֿערט הערשל.

— ווי קומט ער אַהין?

— ער זאָגט, ס'איז נמאס געוואָרן די שטוב, איז ער אַרויף אויפֿן בוידעם.

— וואָס וויל ער פֿון דיר?

— אַ נייע קאַפּאָטע. ווען איך זאָל אים אויפֿנייען אַ נייע קאַפּאָטע, וואָלט ער פֿון אונדז אָפּגעטראָטן אויף אייביק.

און מיט די ווערטער איז הערשל אַראָפּ פֿונעם בוידעם.

פֿרעגט דאָס ווייב ביי הערשלען:

— פֿאַרוואָס זאָלסטו אים נישט מאַכן קיין נייע קאַפּאָטע?

— ווו האָב איך געלט?

— ווייסטו וואָס? איך האָב אָפּגעשפּאָרט אַ הרייערל, נאַ דאָס דיר און גיין נעם אים אָן אויף אַ קאַפּאָטע, אפֿשר וועט ער טאַקע אָפּטרעטן פֿון אונדז.

הערשל לאָזט זיך גיין. רופֿט אים דאָס ווייב צוריק:

— האָסט אים פֿאַרגעסן אַראָפּנעמען אַ מאָס!

— ביסט געערכט — איז הערשל מסכים אַ...

גייט ווידער אַרויף אויפֿן בוידעם, רעדט ווידער מיטן דלות און קערט זיך אום מיט אַ קלאָרער תשובה:

— מען דאַרף נישט נעמען קיין מאָס: דער דלות איז פּונקט אַזאַ, ווי איך, עס זאָל פעלן אַ האָר...

הערשל איז אַוועק אין אַ שניט־קראָם, אָנגינגו־מען שטאָף אויף אַ קאַפּאָטע, געלאָזט זי אויפֿנייען, אָנ־געטאָן די נייע קאַפּאָטע און איז צופרידן. דאָס ווייב אָבער לאָזט אים נישט רוען:

— הערשל, וואָס גיסטו נישט אָפּ די קאַפּאָטע דעם דלות, ער וועט אין כעס ווערן, זענען מיר אומגליק־לעך.

קריכט הערשל אויפֿן בוידעם, טענהט מיט עמעצן און קומט צוריק מיט דער קאַפּאָטע.

— נו? — פרעגט אים דאָס ווייב — פאַרוואָס האָסטו נישט אָפּגעגעבן?

— שלעכט — ענטפערט הערשל — די קאַפּאָ־טע איז אַראָפּ פון דער מאָס.

— האָסט דאָ אַליין געזאָגט, אַז דו מיטן דלות האָבן איין מאָס...

— יאָ, נאָר אַז מיר האָבן אויסגעגעבן דאָס דריי־ערל, איז דער דלות גרעסער געוואָרן...

---

## איך האָב אייך אָפּגעפירט קיין לעטיטשעוו

הערשלס ווייב האָט ביי אים געמאָנט אויף דער הוצאה, און ער האָט נישט געהאַט. זי האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטן: גיב און גיב, איך וויל פון

נאַרגישט ווען, די קינדער זענען הונגעריק... איז הערשל אַרויס פון די כלים און אַ רוף געטאָן אַ קינד:

— גיי אַריין צום שכן און לייַ מיר אַ בייטש.

דאָס ווייב איז דערציטערט געוואָרן, זי האָט געמיינט, ער וויל זי שלאָגן. נאָר הערשל האָט זי גאָר נישט איינזינען געהאַט, די גויט האָט אים געטריבן צוטראַכטן אַ נײַ שטיקל. ער האָט גענומען די בייטש, איז אַרויס אין גאַס און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט דער בייטש אין דער ערד און שרייען:

— איך פיר אָפּ פאַרשוויגענע פון מעדזשיבעזש קיין לעטיטשעוו פאַר האַלב געלט!

עס האָבן זיך געפונען עטלעכע בעלנים. האָט הערשל גענומען ביי זיי די פאָר גילדן, אָפּגעשיקט מיטן קינד אַהיים און געזאָגט:

— איצט קומט!

— וווּ זשע זענען די פערד?

— וואָס אַרט אייך? קומט! איך פיר אייך אָפּ קיין לעטיטשעוו.

מען איז אַרויס פון שטאָט, די פערד זענען נישטאָ. טראַכטן די מענטשן: מסתמא זענען די פערד ביי דער בריק. איז מען געגאַנגען ווייטער, ביז מען איז געקומען קיין גלובאָקע, דאָס איז האַלב וועג צווישן מעדזשיבעזש און לעטיטשעוו. די פערד זענען אַלץ נישטאָ. אומקערן זיך צוריק האָט נישט געלוינט, איז מען שוין אַזוי פאַרגאַנגען ביז לעטיטשעוו. אַז מען איז געקומען אויפן אָרט, האָט מען זיך אַרויפגעוואָרפן אויף הערשלען מיט אַ געשריי:

— האָסט אונדז אָפּגענאַרט, גיב אונדז תיכּף אָפּ דאָס געלט!

— פאַרוואָס האָב איך אייך אָפּגענאַרט? — האָט הערשל דערוווּנדערט — איך האָב אייך צוגעזאָגט אָפּ־פירן, האָב איך אייך אָפּגעפירט קיין לעטיטשעוו!

— מיר האָבן געמיינט מיט פערד...

— זענען ביי אייך פערד בילכער פון אַ מענטש?

אַז דאָס ווייב האָט אים געפרעגט, ווו האָט ער גע־נומען געלט, האָט ער איר געזאָגט: איך האָב געפירט פאַרשוינען קיין לעטיטשעוו. פאַרשטייט זי נישט:

— מילא, אַ בייטש האָסטו געהאַט, אָבער ווו האָסטו גענומען פערד?

— נאָר איינער — האָט זיך הערשל צעלאַכט — אַבי עס איז דאָ אַ בייטש, פערד געפינט מען שטענדיק.

## די פור קומט אים אנטקעגן

פון איין שטעטל אין צווייטן פלעגט הערשל גיין צופוס; זעלטן, זעלטן איז ער געפאָרן מיט פערד־און װעגעלע. מען האָט אים אַמאָל געפרעגט, ווי אַזוי גייט עס אַ מענטש נאָר צופוס.

— איך בין נישט אומשטאַנד אויסצוהאַלטן אַ פערד — האָט הערשל געענטפערט.

— יאָ, אָבער איבערכאַפּן זיך מיט אַ פרעמדער פור?

— זעסט איר, דערמיט האָב איך קיין האַגה נישט,
קוים גיי איך אַרויס פֿון שטאָט,
קומט מיר די פֿור אַנטקעגן...

## עס לוינט אים נישט

הערשל איז געגאַנגען פֿון בערדיטשעוו קיין זשי־טאָמיר. אין וועג האָט אים אָנגעיאָגט זרח דער באַלע־גאָלע און לייגט אים פֿאָר:

— הערשל, זעץ זיך אויף, איך וועל דיך צופֿירן.

— איך וויל נישט. עס לוינט מיר נישט...

— פֿאַרוואָס? איך וועל ביי דיר קיין געלט נישט נעמען.

— אָבער דער וועג וועט ווערן לענגער.

— ווי אַזוי איז? די זעלבע דרייסיק ווערסט איז אונדז געבליבן, צופֿוס, מיט דער פֿור, וואָס איז דער אונטערשיד?

— ס'א גרויסער אונטערשיד. דו, אַז דו פֿאָרסט, דרייט זיך די ראָד די גאַנצע צייט, אַלע דרייסיק ווערסט, און איך שאַר דאָך נישט כסדר מיט די פֿיס, איך שפּאַן אַריבער, וועט זיך אויסטראָגן נישט מער, ווי האַלב: פֿופֿצן ווערסט. פֿאַרשטייסטו שוין, אַז עס לוינט מיר נישט.

## איינגעשפּאָרט איז גלייך ווי פּאַרדינט

דאָס ווייב האָט דערקוטשעט הערשלען, לּמאַי ער פּאַרדינט נישט, און ס׳איז נישטאָ אַיף דער הוצאה. האָט זיך הערשל אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין.

— וווהין גייסטו?

— זוכן אַ פּאַרדינסט.

— ווען וועסטו קומען?

— פּאַרנאַכט.

— פּאַרנאַכט, ער איז דאָ. דאָס ווייב האָט זיך דערפרייט, מסתמא, האָט ער געבראַכט עפּעס געלט. ער פרעגט זי, וואָס קאָסט צופאָרן הין און צוריק פון מעדזשיבעזש קיין לעטיטשעוו. זאָגט זי אים, אַז פיר גילדן.

— אָט דאָס האָב איך פּאַרדינט — גיט איר הערשל צו וויסן — איך בין געגאַנגען צופוס. אמת, איך האָב אין לעטיטשעוו גאָרנישט געמאַכט, נאָר איינגעשפּאָרט איז גלייך, ווי פּאַרדינט.

---

## אַ ווייב איז ערגער<br>פון צען אויסגעלאַסענע אין דער משפחה

הערשל האָט זיך צעקריגט מיטן ווייב. זי איז אים דערגאַנגען די יאָרן, לּמאַי ער פּאַרדינט נישט, לּמאַי איז ער אַזאַ עזות־פּנים קעגן קהל און קעגן די גבירים, לּמאַי איז ער אַן אָפּטער גאַסט אין שענקל. איז ער

שמאַרק אין כעס געוואָרן אויף איר, איז אַרויס פֿון די כלים און מאַכט צו איר:

— הערסטו? דו בייסט מיר ערגער פֿון צען קינדער — הולטייעס! ווען איך זאָל האָבן צען אויסגעלאָסענע זין, אָדער ברידער צי שוועסטער, וואָלט מיר אַזוי שלעכט נישט געווען, ווי איך האָב נאָך דיך אַליין.

— וואָס מיינסטו? — איז דאָס ווייב געבליבן אָפּהענטיק.

— אָט וועל איך דיר דערציילן, וועסטו וויסן: צוריק מיט יאָרן, ווען איך בין נאָך געווען יונג, ערשט נאָך דער חתונה מיט דיר, בין איך איינמאָל געווען אין וועג און בין געוואָרן זייער מיד און הונגעריק. אַזוי ווי איך גיי, קומט מיר אָן אַנטקעגן אַן אָרעמאַן אַ פּוסגייער. שטעל איך אים אָפּ און פֿרעג ביי אים:

— זאָג מיר פֿעטער, איז ערגעץ דאָ נישטאָ נאָענט אַ ישוב, וווּ עס וווינען ייִדן, איך זאָל ביי זיי קענען אָפּעסן און זיך אויסרוען?

— יאָ — ענטפֿערט ער — אָט דאָ נישט ווייט וווינט אַ ייִד. ער איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט, נאָר קאַרג סכנות נפֿשות, קיין לעפֿל וואַסער קאָן מען ביי אים נישט אַרויסקריגן, סיידן, ווען עס קומט צו אים אַ שדכן, נעמט ער אים אויף מיטן גרעסטן כבוד, ווייל ער פֿאַרמאָגט זיין אייגנס אַן עלטערע בתולה און זוכט פֿאַר איר אַ חתן.

איך האָב זיך מיישב געווען און בין אַריינגעגאַנגען צו דעם קאַרגן גביר און האָב זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אים נישט אַלס שדכן, נאָר ווי אַ יונגערמאַן, וואָס זוכט אַליין אַ כלה און וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט אַ גוטן

שידוך צו מאַן. מאָל זיך אויס, אַז איך בין אים זייער געפעלן געוואָרן. איך בין אָפּגעווען אַ פּאָר טעג, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל, איך זאָל ווערן זיין אייידעם. איך בין צו מזל אַ חתן געוואָרן פאַר זיין טאָכטער...

— האָסט געהאַט אַ ווייב, און ביסט געוואָרן אַ חתן? — שלאָגט אים איבער דאָס ווייב.

— מילא, נו, איצט וועל איך שוין קיין חתן נישט ווערן... הער זשע אויס די מעשה ביזן סוף. איך בין צו מזל אַ חתן געוואָרן. די חתונה האָט מען אָפּגעלייגט אויף אַ קורץ שטיקל צייט. און איך האָב דערווייל געלעבט אין אמתן ווילטאָג. אַז עס איז געקומען דער טאָג פון דער חופה, האָב איך דאָך שוין קיין אַנדער ברירה נישט און איך מוז דערציילן דעם אמת. רוף איך אָפּ דעם מחותן אין אַ זייט און זאָג אים:

— הערט זשע, מחותן לעבן, אַזוי ווי היינט איז דער יום־החופה, בין איך אייך מחויב צו וויסן געבן וועגן מיין גאַנצן יחוס, כדי איר זאָלט דערנאָך, חס־ושלום, קיין שום טענות צו מיר נישט האָבן.

ער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן, און איך לייג אים אויס אַ צעטל:

— איך האָב אַ ברודער, איז ער אַן אויסגעלאַסע־נער יונג.

— וואָס מאַכט עס אויס? — ענטפערט ער קאַלט־בלוטיק.

— מיין שוועגערין איז אויך אַן אויסגעלאַסענע...

— אַז עס אַרט מיך נישט דער ברודער, וואָס האַרט מיך אָרן די שוועגערין?

— איך האָב צוויי פּעטערס, זענען זיי הולטייעס!
— מער קיין אומגליק זאָלט איר נישט האָבן.
— איך האָב אַ שוועסטער, האָט זי געהאַט אַ ממזר..
— א ממזר? ס'אוודאי נישט גוט... נו, מילא, נו...
— אין מיין משפּחה זענען דאָ צען אויסגעלאַסע־נע הפקר־יונגען און הולטייעס!
— נו, וואָס זשע איז? — שמייכלט דער מחותן
— וואָס האָט עס צו אייך? מען נעמט אַרויס די קו, און מען פאַרברענט די שטאַל.
— א ו ן  אַ  ו ו י י ב  ה אָ ב  א י ך  א ו י ך!
ווי ער האָט נאָר דערהערט, אַז איך האָב אַ ווייב, איז ער געוואָרן אָנגעצונדן, האָט זיך אָנגעהויבן צו זידלען און האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים קאַרק און אַ־רויסגעוואָרפן. פרעג איך דיך, זאָג אַליין, ביסטו מיר נישט ערגער פון צען אויסגעלאַסענע אין דער משפּחה.

---

## וואָס זאָל איך שוין זאָגן?

— הערשל — קלאָגט זיך פאַר אים זיין ווייב — איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן, ס'איז מיר נמאס, ווי דער טויט. ביז וואַנען איז דער שיעור צו ליידן הונגער, נו־טע?
— וואָס זאָל איך שוין זאָגן — ענטפערט הערשל
— דו האָסט זיך כאָטש פאַר וועמען צו באַקלאָגן, און איך, לא־די, וואָס ס'איז מיר שווער, מוז איך נאָך דיי־נע רייד אויסהערן...

## טייערע געסט

הערשל איז אַרײַנגעגאַנגען אין אַן אַכסניא און געזאָגט צום באַלעבאָס:

— זײַט זיך מטריח, גרייט צו אַ גוטע וועטשערע, איך וועל באַלד האָבן געסט.

— פון וואַנען ווייסט איר? — פרעגט דער בעל־אַכסניא.

— אַז איך זאָג, מסתמא ווייס איך, מאַכט נישט קיין שהיות, ס'איז טייערע געסט!

דער בעל־אַכסניא האָט אים געפאָלגט. און כּדי הוה, איידער מען האָט זיך געריכט, זענען אָנגעקומען הערשלס ווייב און קינדער און, דערזען דעם געגרייטן טיש, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט און געגעסן פון די בעסטע מאכלים. אַז מען האָט זיך געזעגנט באַצאָלן, האָבן זיי זיך פאַררופן אויף הערשלען. לאַכט ער:

— מיין ווייב און קינדער זענען בײַ אײַך קיינמאָל נישט געווען, זענען זיי אייערע געסט, און איר זענט זיי מחויב אויפצונעמען. הייגט וואָס האָט עס צו מיר? איך בין אַ קבצן. ווי קאָן איך אָפּצאָלן פאַר אַזוינע וועטשערעס?

דער באַלעבאָס איז געוואָרן שטאַרק אין כּעס און האָט הערשלען געמאַכט מיט דער בלאָטע גלייך, און אויך געזידלט זיין משפּחה. מאַכט הערשל:

— הערט זשע, פעטער, איר קענט מיך נישט, איך האָב מיט אײַך געפּראַוועט שטיק. גרייט צו אַ פּאָר חדרים, מיר וועלן דאָ נעכטיקן און אײַך באַווייזן, וואָס פאַר אַ טייערע געסט מיר זענען.

יענער וויל אפילו נישט הערן, נאר הערשל רעדט שוין מיט אים נישט. ער גייט צו צו זיין קעסטל, נעמט ארויס פון דארט א זעקעלע און גייט צו צום ווייב און זאגט איר אויף א קול:

— מיין ווייב, דאס זענען די רענדלעך, וואס איך האב אפגענומען ביים פריץ פאר אן אלטן חוב, וועסט זיי באהאלטן אונטערן קישן.

דאס ווייב קוקט אויף אים, ווי אויף א משוגענעם, נאר ער טוט איר א ווונק, זי זאל שווייגן, און טרייסלט מיטן זעקעלע אזוי, אז די רענדלעך זאלן קלינגען. תיכף זענען באשאפן געווארן חדרים, און דער באלעבאס איז געווארן וייך, ווי טייג, און צוגעלאזט, ווי א הארץ־פריינד.

ביינאכט האט זיך דער בעל־אכסניא אריינגע־גנבעט אין חדר, וווּ הערשלס ווייב איז געשלאפן, און האט ארויסגעשלעפט דאס זעקעלע פון אונטערן קישן. זי האט רווקא געפילט, נאר הערשל האט איר אנגע־זאגט, זי זאל זיך אין אזא פאל נישט ווייזנדיק מאכן. אינדערפרי האט ער אויפגעהויבן א געוואלד, געטא־דערט ביים באלעבאס דאס זעקעלע רענדלעך און בא־קומען ביי אים שיינע עטלעכע קערבלעך, אבי ער זאל שווייגן. ביים געזעגענען זיך דערמאנט הערשל דעם בעל־אכסניא.

— האב איך קיין ליגן נישט געזאגט, אז איך וועט האבן טייערע געסט!

און אין זעקעלע זענען געווען „רענדלעך" פון אל־טע טעלער. נאר דער בעל־אכסניא האט זיך געשעמט מודה זיין, אז ער איז דער גנב.

## הערשל און די גנבים

1

צו הערשלען זענען ביינאַכט אַריין גנבים אין שטוב. זיי זוכן, נישטערן, קערן איבער די שטוב, טאַפּן אומעטום. דערווייל האָט זיך הערשלס ווייב אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערהערט, אַז פרעמדע מענטשן דרייען זיך אַרום. איז זי פאַרצאַפּלט געוואָרן און וועקט אים שטי־לערהייט:

— הערשל, הערשל, שטיי אויף...

— איך שלאָף נישט...

— דו הערסט? ווי איז מיר, גנבים זענען דאָ אין שטוב.

— שאַ, — זאָגט הערשל — שווייג. מיר פלאַמט דאָס פּנים פאַר בזיון, זיי האָבן, נעבעך, נישט וואָס צו נעמען.

2

צו הערשלען זענען ביינאַכט אַריין גנבים. זיי האָבן לאַנג געזוכט און גאָרנישט נישט געפונען. דאָס ווייב האָט זיך אויפגעכאַפּט און וועקט הערשלען:

— שטיי אויף, גנבים זענען אין שטוב...

— שווייג —זאָגט איר הערשל — לאָז זיך נישט הערן, אפשר וועלן זיי עפּעס איבערלאָזן..

3

גנבים זענען על־פּי־טעות אַריין צו הערשלען. זיי האָבן לאַנג זיך געפּאָרעט אין דער פינצטער און האָבן

גאָרנישט נישט געפונען. פאַר גרויס פאַרדראָס האָבן זיי אַרויסגענומען די טאַבאַק־פּושקעס און גענומען צו שמעק־טאַבאַק. הערשל, וועלכער איז נישט געשלאָפן און האָט אַלצדינג צוגעזען, איז אַראָפּ פונעם טעלע־גער, צו צו אַ גנב און אַריינגעשטעקט די האַנט אין זיין פּושקע. דער גנב האָט זיך דערשראָקן און זיך געוואָלט לאָזן לויפן, נאָר הערשל האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אים באַרואיקט:

— שאַ, שאַ, שרעק זיך נישט. אַדרבא, לאָמיר זוכן איינעם, אפשר וועלן מיר פאַרט עפּעס געפינען...

4

הערשל האָט זיך אומגעקערט שפּעט ביינאַכט אַהיים און דערזען, ווי אין פענצטער פון זיין שטוב קריכט אַ גנב. גייט ער צו און גיט אַ געשריי:

— פעטער, ס'איז אומזיסט אייער טירחה.

— וואָס הייסט? — איז דער גנב מבולבל גע־וואָרן און זיך געוואָלט לאָזן לויפן.

— ס'איז אומזיסט אייער טירחה — האָט אים הערשל דערקלערט — איך האָב שוין אַליין אַלצדינג פון דער שטוב אַרויסגעטראָגן.

---

## איך שלאָף אויף איין פעדער

אין אַן אכסניא, וווּ הערשלען איז אויסגעקומען איבערצונעכטיקן, האָט מען אים געגעבן אַ קליין קי־שעלע אַ הארטס. הערשל האָט אַרויסגעשלעפּט איין פעדער און גייט זיך לייגן שלאָפן.

— וואָס טוט איר — פרעגט מען אים! — מע גיט אייך אַ קישעליג, נעמט איר איין פעדער?

— אויף איין פעדער — ענטפערט הערשל — וועט טאַקע זיין האַרט, אָבער גאָר האַרטער וועט זיין אויף אַ גאַנץ בינטל אַזוינע פעדערן.

---

## אויף אַן איבערבעט איז ערגער

הערשל האָט זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ באַנק אין בית־המדרש. מאַכט צו אים אַ יונגערמאַן:

— אַ האַרטע באַנק, הערשל, האַ? אויף אַן איבערבעט איז וואודאי בעסער.

— האָסט אַ טעות — איז נישט מסכים הערשל.

— ביסט ביים זינען, וואָס רעדסטו?

— ס'איז ביי מיר קיין ספק נישט, איך האָב אַ קלאָרן חשבון. איידער דו ביסט צוגעגאַנגען, האָט מיך עפּעס אַ שטאָך געטאָן. איך דריי מיך איבער, עס קוועטשט, בין איך אויפגעשטאַנען און גוט באַטראַכט די באַנק, לאָזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ פעדער געלעגן, איך האָב אים אַראָפּגעשאַרט און האָב ווידער דערפילט גלאַט האָליץ, אַז ס'אַ מחיה... היינט שטעל זיך פאָר, אויב איין פעדער קוועטשט אַזוי, איז אַן איבערבעט קאָן מאַכן לעבער אין לייב...

---

# דאָס גרויסע אויג

הערשל האָט געגעסן אָנבייסן אין אַן אכסניא מיט אים זענען געווען נאָך עטלעכע פאַרשוינען, אויך פון וועג און אַלע הונגעריק. האָט די באַלעבאָסטע דערלאַנגט צום טיש אַ יויך. ביי איינעם איז די יויך געווען שטאַרק פעט מיט אַ סך אויגן. הערשל האָט זיך געווענדעט צו דער באַלעבאָסטע, אַז ער איז אויך אַ בעלן אויף אַזויפיל אויגן. רופט זי זיך אָן:

— דאָס קאָסט טייערער, איך האָב אַריינגעטאָן אַ לעפל שמאַלץ אין טעלער.

— ווייסט איר וואָס? איך צאָל פאַר יעדן אויג אַ זעקסער, נאָר זשאַלעוועט נישט קיין פעטס.

די באַלעבאָסטע האָט געוואָלט וואָס מער פאַרדינען, האָט זי אַריינגעטאָן דריי לעפל שמאַלץ, איז אין טעלער געוואָרן איין גרויס אויג. הערשל האָט פאַסמאַקעוועט די יויך און הנאה געהאַט. ביים צערעכענען זיך האָט ער באַצאָלט אַ זעקסער און געזאָגט אַזוי:

— הערט זשע, איר האָט זיך גענייט אַ בייטעלע אויף צוואַנציק מאָל אַזויפיל, און דערפאַר האָט איר פאַרשפּילט. איר מיינט, אַז שולדיק איז ד אָ ס ג ר ו י ס ע א ו י ג א י ן ט ע ל ע ר? עס הייבט זיך נישט אָן. ש ו ל ד י ק א י ז א י י ע ר ג ר ו י ס א ו י ג...

## הערשלס טכוירענער טולופּ

ווינטער אין אַ שטאַרקער קעלט איז הערשל אַרומ־געגאַנגען אין זיין אַלטער צעריסענער קאַפּאָטע און איז איבערגעפרוירן געוואָרן. פרעגט מען אים:

— ווי גייט מען עס אַזוי אָנגעטאָן, האָסט נישט קיין שום וואַרעמען בגד?

— נאַ דיר גאָר, איך האָב נישט, איך ניי מיר אַ טכוירענעם טולופּ...

— דו אַ טכוירענעם טולופּ? וואָס רעדסטו?

— איך האָב שוין אַלצדינג, נאָר קנעפּלעך פעלן מיר...

— קנעפּלעך? אויך אַ געשעפט! וואָס האַרף עס קאָסטן? אָבער ביז די קנעפּלעך ווו האָסטו גענומען?

— אָט וועל איך אייך דערציילן: טכוירן האָב איך אַ פולע קאַמער. אויבערשלאַק און אונטערשלאַק? איז מיין ווייב אַזאַ שלאַק, אַז עס וועט מיר נאָך בלייבן... פעלן מיר נאָר קנעפּלעך. ווייסט איר וועלכע? אָט די געלע, די קיילעכדיקע... די גאָלדענע...

---

## דריי זאַכן אויף אַ גאַנץ יאָר

— האָסט געהאַט אַ גוטן פּסח היינטיקס יאָר? — פרעגט מען הערשלען.

— גוט צו גוט איז נישט גלייך — ענטפערט ער.

— מיט הינער, מיט שמאַלץ, מיט וויין — מיט אַלצדינג לרוב?

— איר קאָנט פֿאַרשטיין וויאַזוי לרוב, אַז די דריי זאַכן זענען מיר געבליבן אויף אַ גאַנץ יאָר.
— אויף אַ גאַנץ יאָר? וועלכע דריי זאַכן?
— ערשטנס, דאָס אָרט פֿון די מצות... צווייטנס, דער מרור, איך האָב ביטערניש אויף אַ גאַנץ יאָר..
און דריטנס, די מלכה, מיט איר בין איך געווים בטוח...

## פֿון קאָפּ ביז פּיס

הערשל גייט אין גאַס און זינגט זיך אַ לידל!
מיינע שונאים זאָל זיין ביטער,
און מיר איז צוקער־זיס.
טאָמער איז דער קוליש אַ ביסל שיטער,
נאָר מיר איז גוט פֿון קאָפּ ביז פּיס!

שטעלט מען אים אָפּ און מען חוזקט:
— וואָס איז אויף דיר דאָס גוטסקייט? און נאָך פֿון קאָפּ ביז פּיס?
— איר זעט נישט? — חידושט זיך הערשל — דאָס היטל איז ביי מיר צעריסן, די קאַפּאָטע איז צע־טריפּעט, די שיך זענען צעפּליקט. ס'איז מיר גוט פֿון קאָפּ ביז פּיס!

## הערשל פֿאַרריכט אַליין די שטיוול

הערשל איז געגאַנגען אין אַ פּאָר אַלטע צעפּליקטע שטיוול. איינמאָל אין אַן אָסיען־טאָג איז ער שטאַרק דורכגענעצט געוואָרן. האָט ער זיך אָנגעהויבן זוכן

עצות, ווי צו פאַרריכטן די שטיוול. ער איז אַריינגעקו־מען צו אַ שוסטער, געוויזן אים די פּאָר טייערע גיי־ערס און געבעטן, ער זאָל אים מאַכן פון די שטיוול אַ לייט. דער שוסטער האָט געבעטן אַ גרויסע פּרייז, ווייל ס'איז טאַקע געווען אַ סך אַרבעט, און הערשל האָט קיין קאָפּיקע נישט ביי דער נשמה; בלייבט ער אַזוי שטיין פאַראומערט, טוט אַ שטילן זיפץ און בעט ביים שוסטער, ער זאָל אים לייען אויף עטלעכע רגעס די אָל, ער וועט אין ערגעץ נישט אַוועקגיין און וועט זי אים באַלד אומקערן. — געזונטערהייט — זאָגט דער שוס־טער און ס'איז טשיקאַווע צו וויסן, וואָס וועט דער ייד טאָן מיט דער אָל.

הערשל האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַראָפּגעצויגן פון אַ וואָליע אַ שטיוול, איבערגעקערט אים, אויסגעגאָסן דאָס וואַסער און גענומען מיט דער אָל בויערן אַ לאָך.

— וואָס טוט איר? — שרייט אויס דער שוסטער

— איר מאַכט דאָך נאָך ערגער!

— איך וויל אַליין פאַרריכטן די שטיוול — ענ־טפערט הערשל.

— אַזוי פאַרריכט מען? — לאַכט דער שוסטער.

— פאַרשטייט איר מיך, מיין ליבער פריינד, באַצאָלן אייך מלאכה־געלט בין איך נישט אימשטאַנד, דערפאַר האָב איך געבעטן ביי אייך אַן אָל, היינט שטיוול פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ לאָך, הורך וועלכער עס רינט מיר אַריין דאָס וואַסער, האָב איך מיך מיישב געווען, איך וועל מאַכן פון דער צווייטער זייט שטיוול פונקט

אַזאַ לאַר, בכדי דאָס וואָסער זאָל האָבן וווּ אַרויסצוּרי־
נען, וועט אויסקומען: וואָסער אַריין, וואָסער אַרויס,
פאַרט די צרה נישט אַזוי גרויס. ווי געפעלט איך דער
געדאַנק, דער אויפטו?

— ס'אַ קלוגער געדאַנק, לאַכט דער שוסטער —
ס'איז אַן אויפטו פון אַ קבצן... פון אַ פריילעכן קבצן,
ווייזט אויס.

— געווים, אַ פריילעכער קבצן, הערשל אָסטראָפּאָ־
ליער האָט ליב פריילעך צו זיין.

— הערשל אָסטראָפּאָליער? וואָס זשע שווייגט
איר? גיט אַהער די שטיוול!

— איך האָב נישט מיט וואָס צו באַצאָלן, דאָס
איז שוין נישט קיין געלעכטער...

— ס'אַ געלעכטער! איר האָט שוין באַצאָלט מיט
אייער „אויפטו"...

און ער האָט אים פאַרריכט די שטיוול בחינם און
האָט דאָס נאָך געהאַלטן פאַר אַ כבוד.

---

## עס שלעפּט זיך דאָס שטיקל ברויט

הערשל האָט גענומען אַ שטיקל ברויט און עס צוּ־
געבונדן אויף אַ לאַנג שטריקל צו דער קאַפּאָטע. אַזוי
איז ער אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן, און דאָס ברויט
שלעפּט זיך אים נאָך. מענטשן גייען דורך, קוקן אויף
אים און לאַכן. ביז איינער האָט אים געפרעגט:

— הערשל, וואָס האָסטו צוגעבונדן צו דער קאַ־
פּאָטע? מען לאַכט דאָך פון דיר!

— פאַרשטייסטו מיך — האָט הערשל אים דער־קלערט — יידן האָבן אַ טבע שטענדיק צו פרעגן, ווי האַלט עס מיט פּרנסה. וואָס ענטפערט מען? האַנקען גאָט, האָס שטיקל ברויט שלעפּט זיך... און כּדי איך זאָל פאַרשפּאָרן צו רעדן, האָב איך צוגעבונדן אַ שטיקל ברויט, וועט עס שוין דינען פאַר אַן ענטפער.

— יאָ — פרעגט אים אַ צווייטער — אָבער עס ליגט דאָך אין בלאָטע?!

— וואָס זשע ווילסטו? האָבן ברויט און זיך די הענט נישט פאַרשמירן?

---

## זי איז אָבער ווערט

הערשל האָט געגעסן שבת ביי אַ גביר. מען האָט דערלאַנגט ווייסע פּעכלדיקע זייער געשמאַקע בולקע. הערשל האָט זיך צוגעכאַפּט צום קוילעטש, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז דער באַלעבאָס איז זייער אַ קאַרגער. דער גביר האָט נישט געקאָנט צוזען הערשלס לוסט צום עסן, און ער רופט זיך אָן:

— חב ייד, איר ווייסט, אַז די בולקע קאָסט זייער טייער?

— זי איז אָבער ווערט — האָט הערשל געענט־פערט.

---

## הערשלס נדן

הערשלס מיידל איז אַ כּלה געוואָרן, האָט ער אויפֿן קנס־מאָל געהייסן פֿאַרשרייבן אין די תּנאָים, אַז ער גיט איר נדן דאָס שטעטל מאַכנאָווקע. מען האָט גישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, און מען האָט אים איבערגעפֿרעגט:

— מאַכנאָווסקע געהער דען צו אייך, וואָס איר שטעלט עס אַריין אין נדן?

— ווער זאָגט אייך דען, אַז עס געהער צו מיר?

— איר הייסט דאָך שרייבן, אַז איר גיט איר אַוועק מאַכנאָווקע!

— אויף צו גיין אין די הייזער, מיינע ליבע פֿריינד, אויף צו גיין אין די הייזער. דאָס וועט זיין איר חזקה...

---

## ביי הערשלען אויף קעסט

הערשלס איידעם איז געווען ביי אים אויף קעסט. און ס׳איז אים געווען זייער שלעכט. האָט ער זיך געקלאָגט פֿאַר מענטשן, אַז ער האָט פּשוט נישט וואָס צו עסן. מען האָט הערשלען געמוסרט, למאַי ער באַציט זיך אַזוי שלעכט צום איידעם. זאָגט הערשל:

— וואָס בין איך שולדיק, אַז ער איז אַ פֿוילער? איך זשאַלעווע אים דען? אדרבא, ער שטייט אויף אינדערפֿרי, זאָל ער צוגיין צו דער שאַפֿע, זיך אַרויסנעמען אַ פּאָר פּוטער־קיכלעך, דערנאָך זאָל ער אָנגיסן אַ גלאָז הייסע קאַווע מיט מילך און איבערבייסן.

ער קומט פונעם בית־המדרש, זאָל ער אָפּעמן א גוטן פאַרגעריכט, א שיסל יויך מיט לאָקשן, א מע־לער פלייש, א מערן־צימעס. ווער לאָזט אים נישט? פאַרגאַכט איז ווידער נישט שלעכט א גלאָז קאַווע, א פּאָר אייער, אמאָל סמעטענע. ווער זשאַלעוועט אים דען? זייט איר עהות, צי איך וועל אים שטערן, חס־ושלום. זאָל ער עסן, וואָס זיין האַרץ גלוסט, עס איז פאַר אים גאָרנישט פאַרשלאָסן!

אין דעם קומט אָן הערשלס איידעס און הערט זיי־נע רייד. מישט ער זיך אַריין:

— וואָס רעדט איר, שווער? וואָס קומט אַרויס, אַז עס איז נישט פאַרשלאָסן? אין שטוב איז האָך ליי־דיק, עס איז גאָרנישט נישטאָ...

— אַזוי? ליידיק? אָט דאָס, זעסטו, איז נישט גוט...

— וואָס זשע טוט מען?

— מען זוכט...

— ווו זאָל איך זוכן?

— די וועלט איז גרויס! ווייסטו וואָס? לאָמיר זוכן אינגיינעם!

---

## הערשל צאָלט חובות

הערשל האָט געדאַרפט חתונה מאַכן א טאָכטער און האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף אויסשטייער, האָט ער געמוזט לייען פּוֹפּציק קערבלעך. אָפּגעבן דעם חוב צו דער צייט איז ער נישט אימשטאַנד געווען,

און דער פאַרשוין, ביי וועלכן ער האָט געליען, איז צו אים צוגעשטאַנען און האָט אים נישט געלאָזט רוען. מאַכט הערשל צו אים:

— ווייסטו וואָס? אויב דו דאַרפסט אַזוי גיימיק דאָס געלט, גיב מיר נאָך צוויי קערבלעך, האָב איך אַ פּלאַן, ווי אַזוי דיר דיין חוב אָפּגעבן, און עס וועט מיר נאָך עפּעס בלייבן.

יענער האָט זיך געוואָלט דערוויסן דעם פּלאַן, אפשר וועט ער טאַקע באַקומען דעם חוב, האָט ער ביי הערשלען גענומען דאָס וואָרט, אַז ער וועט דאָס געלט נישט אַריינלייגן אין קעשענע, און האָט אים געגעבן די צוויי קערבלעך.

— נו, לאָמיר זען, וואָס דו וועסט טאָן מיטן געלט — האָט ער געזאָגט.

— וועסט שוין זען, קום מיט מיר.

הערשל איז אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק און האָט געקויפט פינף הינער — גוטע קוואָטשקעס. דער מענטש וואַנדערט זיך און עס פאַרדריסט אים:

— אָט דאָס איז דיין פּלאַן? הינער קויפן?

— אָט וועל איך דיר דערקלערן — זאָגט הערשל — די דאָזיקע פינף הינער וועלן לייגן אייער, יעדער הון, לאָמיר רעכענען, צו דרייסיק שטיק. האָסטו אַ קוואָטלן פון הונדערט מיט פופציק אייער. די הינער וועל איך אַוועקזעצן אויף די אייער, וועלן זיך אויספּיקן הונדערט מיט פופציק הינדעלעך, וועל איך זיי אויסהאָדעווען און פאַרקויפן, וועל איך האָבן גענוג געלט צו באַצאָלן דיר דעם חוב.

דער מאָגער האָט זיך צעלאַכט. שאָקלט הערשל מיטן קאָפּ:

— יאָ, דו לאַכסט! דיר איז אוודאי גרינג צו לאַכן, ווייל איך האָב ד י ר שוין אָפּגעצאָלט.

וואָס וועל איך אָבער טאָן מיט די איבעריקע חו־בות?

## ס׳איז שוין נאָכן לעצטן

— הערשל ביסט מיר שולדיק געלט. גיב אָפּ דעם חוב!

— דו קענסט אָן דעם נישט אויסקומען?

— וואָס האָט עס צו דיר? דו ביסט מחויב אָפּ־צוגעבן אפילו דאָס לעצטע!

— וואָס זשע זאָל איך טאָן, מיין פריינד, אַז ס׳ א י ז ש ו י ן נ אָ כ ן ל ע צ ט ן?

## ווען דער טיש זאָל געבן געלט

הערשל איז שולדיק געווען געלט. דער מלווה איז אים דערגאַנגען די יאָרן; וווּ ער האָט אים נישט גע־טראָפן — אין מאַרק, אין שול, ביים רבין, אומעטום האָט ער געמאָנט דעם חוב. איינמאָל איז ער געקומען צו הערשלען אַהיים. הערשל האָט אים אויפגענומען גאַנץ פיין, פאַרבעטן זיצן. יענער האָט פריער גערעדט געלאַסן, דערנאָך האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און

אָנגעהויבן דאָס לידל: געלט! הערשל פּרוּווט אים איינ־שטילן, עס העלפט נישט, ער שרייט און קלאַפּט אין טיש:

— מיין געלט זאָל מיר זיין, די רגע זאָל מיר זיין געלט!

הערשל שטייט און שמייכלט.

— דו לאַכסט נאָך פון מיר? — ווערט דער מלווה נאָך מער אָנגעצונדן.

— איך לאַך פונעם איינפאַל צו קלאַפּן אין טיש. מענטש איינער, דער טיש איז שוין ביי מיר אַוודאי אַ יאָר צוואַנציק. ווען איך זאָל וויסן, אַז ער גיט געלט, וואָלט איך אים שוין פון לאַנג צעקלאַפּט אויף שטיק־לעך...

---

## גרעבער דאַרף מען נישט

הערשל האָט געליען צוואַנציק גילדן אויף יום־טוב אָפּגעבן מיטאַמאָל איז אים געווען שווער. נאָר דער מלווה, ווי עס פירט זיך, האָט זיך נישט געלאָזט רעדן, נישט מסכים געווען צו וואַרטן קיין איבעריקן טאָג, אים מבייש געשטעלט און נישט געקאַרגט קיין גראָב וואָרט דערביי. הערשל האָט דאָך אָבער פאָרט נישט קיין געלט, זאָגט ער צו אים:

— ווייסט איר וואָס? איבעראַכטאָג איז אַ יאָריד, גיט מיר אַ גמילת־חסד אַ פּאָר הונדערט גילדן, וועל איך עפּעס איינהאַנדלען, פאַרדינען די צוואַנציק גילדן און אייך אומקערן דאָס גאַנצע געלט ביז אַ פּרוטה.

— אַזוי? — איך האָב דיך קוים דערלעבט! טאָ־מער איז מיר קאַרג צוואַנציק, זאָל איך איינשטעלן צוויי הונדערט גילדן. איך האָב אַזוי אויך מיין געלט אַריינגעוואָרפן, ווי אין אַ קרענעצע.

— אויב איר האָט אַריינגעוואָרפן אין אַ קרענעצע, איז קיין אַנדער עצה נישטאָ... נאָר אַזוי ווי איך זאָג... פרעגט ביי מענטשן...

— נישטאָ? נאָך דיר געבן געלט? אָט אַ ייִד אַן עזותניק! רעדט מיר נאָך אין דער גאַל!

— באַרעכנט זיך אַליין — דערוויזט אים הערשל — אַז מען וואַרפט אַריין אין אַ קרענעצע אַ קליין קווערטל און מען וויל עס אַרויסנעמען, וואָס טוט מען? מען שיקט דעם נאָך אַ גרויסן עמער.

— יאָ, אָבער דער עמער איז צוגעבונדן צו אַ גראָבן שטריק!

— גלייבט מיר, גרעבער פון אייך דאַרף מען נישט...

---

## דער רעגן און דער דונער

— איך האָב געהערט, אַז נעכטן ביי נאַכט ביסטו אַרונטער אונטערן רעגן פון דער פּאַמעניצע, וואָס דיין ווייב האָט אויסגעגאָסן אויף דיין קאָפּ.

אַזוי האָט זיך איינער אַ באַלעבאַטישער יונגער־מאַן אָנגערופן צו הערשלען פאַר מענטשן אין די אויגן. און דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט גראָד געהאַט אַ

ווייב אַ שלאָק; מען האָט אפילו געשמועסט, אַז ער לייזט פון איר אָפּט פּעמש.

— דאָס איז אמת — האָט אים הערשל געענט־פערט — נאָר פריער האָב איך געהערט דעם דונער, וואָס דיין ווייב האָט געמאַכט, ווען זי האָט דיר גע־פּליאַסקעט אין די באַקן. נאָכן דונער איז שוין במילא געווען דער רעגן.

---

## איצט האָט איר אַ ברירה

הערשל איז געווען אויף אַ רייכער חתונה. ער האָט גוט פאַרבראַכט און אַלעמען פאַרשאַפט פאַרגעניגן מיט זיינע ווערטלעך און שפּיצלעך. נאָר איינעם פון די מחותנים, אַ בייזן יידן, וואָס האָט זיך אַליין גע־רעכנט פאַר אַ חכם, זענען בישט געפעלן געוואָרן הער־שלס שטיק, און ער האָט אים געזוכט צו טרעפן. אַז מען האָט דערלאַנגט צום טיש געבראָטענע אינדיקעס, גאַנצע און געפילטע, האָט דער דאָזיקער מחותן גע־נומען אַ פּאַלומעסיק, אַוועקגעשטעלט לעבן הערשלען און געזאָגט:

—נאַ, הערשל דער אינדיק איז דיינער. נאָר, גע־דענק, וואָס דו וועסט טאָן מיט אים, וועל איך טאָן מיט דיר!

דער עולם האָט געגאַפט פון דער חכמה און ארומ־געריננגלט הערשלען. אַלע האָבן געוואָלט וויסן, וואָס וועט ער טאָן? שניידן, שינדן, בייסן? וועט ער בלייבן צום נאַר. הערשל האָט צוגערוקט דעם פּאַלומעסיק,

אַ שמעק געטאָן דעם אינדיק, עס שמעקט פיין, אַ קוק געטאָן אויפן מחותן און געזאָגט:

— ס'איז מיר אַ רחמנות אויף אייך...

דער מחותן איז געוואָרן גאָר האָפּערדיק:

— זיי מיר נישט קיין בעל־רחמנות, נעם זיך צום אינדיק! און איך וועל האַלטן וואָרט!

— מהיכא־תיתי — איז מסכים געווען הערשל — עס זאָל אייך גאָר נישט באַנג טאָן. — און האָט אַריינגעשטעלט אַ פינגער דעם אינדיק אין הינטן, אַרויסגעשלעפּט אַ שטיק געפּילעכטס און אָפּגעסמאַקעט דעם פינגער, — איצט האָט איר אַ ברירה... צו האַלטן וואָרט...

דער מחותן איז נישט געסטייעט.

---

## איך נעם אויף די קאַפּאָטע

אין אַ שטעטל איז געווען אַ גבירישע חתונה. הערשל איז געווען זיכער, אַ זער וועט זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט און וועט נאָך עפּעס פאַרדינען. נאָר אַז ער איז געקומען, האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזט איבער זיין אָרעמען הולך: דער באַלעבאָס האָט באַפוילן קיין שלעפּערס זאָלן אויף דער חתונה נישט זיין! וויפל ער האָט נישט געטענהט, אַז ער איז הערשל אָסטראָפּאָליער, האָט גאָרנישט געהאָלפן, ער האָט אַפילו געפּאַקט דעם מחותן פון חתנס צד, האָט יענער אַ קוק געטאָן אויף אים, געזען, אַז ס'איז אַ קבצן, און געפּסקנט: גייט געזונטערהייט!

דעמלט איז הערשל אַוועק אין שטעטל, געקריגן אַ זײַדענע קאַפּאָטע און ווידער געקומען. דאָס מאָל האָט מען אים גאַנץ פֿײַן אויפֿגענומען. בײַ דער חופּה־וועטשערע נעמט הערשל און גיסט אָפּ די קאַפּאָטע מיט יויך, וואַרפֿט אויף איר אַרויף אַ שטיק פֿיש, אַ פֿערטל עוף. לאַכט מען און מען פֿרעגט:

— וואָס איז דאָס? וואָס טוט איר?

— מיך האָט מען נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן — דערקלערט הערשל — אימער מײַן אָרעמע הולך. נאָך ווײַבאַלד איך האָב אָנגעטאָן די זײַדענע קאַפּאָטע, בין איך געוואָרן אַ גאַסט. משמעות, אַז זי איז בילכער פֿון מיר, גיב עס איך אויף די קאַפּאָטע...

---

## ווילט איר זי ירשענען?

הערשל פֿלעגט אָפֿטמאָל צונויפֿנעמען אויף הכנסת־כּלה און העלפֿן אַן אָרעם מיידל מיט נדן און אויסשטײַער. מען האָט שוין געוווּסט, אַז אויב ער נעמט זיך אונטער, וועט די כּלה נישט פֿאַרשעמט ווערן. זײַנער אַ נאָענטער גוטער פֿרײַנד, פֿונקט אַזאַ קבצן, ווי ער, האָט באַדאַרפֿט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, און קיין פּרוטה בײַ דער נשמה איז נישט געווען, האָט ער געבעטן הערשלען מאַכן אַ ביסל געלט. הערשל האָט זיך נישט געפֿוילט און אין אַ וואָכן צוויי אַרום איז געשאַפֿן געוואָרן די נייטיקע סומע. מען האָט געשריבן תּנאים און אָפּגעשטעלט דעם טאָג פֿון דער חופּה.

איינער אַ גביר האָט הערשלען צוגעזאָגט אַ פינף־הונדערטער, נאָר מיטן תנאי, אַז ער וועט דאָס געלט געבן שפּעטער, ווען עס וועט שוין האַלטן ביי דער חתונה, איצט האָט ער קיין מזומנים נישט. הערשל איז מסכים געווען און האָט זיין גוטן פריינד אָנגעזאָגט, ער זאָל פאַררעכענען אויך דאָס דאָזיקע געלט.

טרעפט זיך אַן אומגליק, און דאָס מיידל ווערט קראַנק אויף אַ געפערלעכער קרענק און ווערט פאַר־בראַכט אין עטלעכע טעג. דער גביר מאַכט אַ רחמנית־פּנים, נאָר טיף אין האַרצן איז ער צופרידן: פּטור געווארן פון אַ חוב... ערשט נאָך דער לוויה קומט צו גיין הערשל און מאָנט דעם פינאונצוואַנציקער.

— פּשיטא, די כלה איז דאָך געשטאָרבן — טענהט דער גביר.

— נו, איז וואָס? — ווערט הערשל נישט נתפּעל

— ווילט איר זי יעצט שוין חתונה מאַכן?

## זאָל ער חתונה מאַכן פאַר זיין געלט!

הערשל האָט צונויפגענומען אויף הכנסת־כלה פאַר עטלעכע אָרעמע מיידלעך, וואָס האָבן קיין טאַטעס נישט געהאַט, און קיינער האָט נישט אין זינען געהאַט צו פאַרזאָרגן זייער לעבן. ער איז געווען אין אַ פאַר שטעטלעך, אין איינציקע הייזער האָט ער געקריגן מזומנים, אין אַנדערע — צוזאָגן צו אַ באַשטימטער ציים געבן אַזויפיל און אַזויפיל. איינער אַ גביר האָט צו־געזאָגט אַ פופציקער. ער האָט אָבער אַליין אויך חתונה

געמאַכט א מיידל און עס האָט אים געקאָסט אַ סך געלט. האָט ער זיך באַטראַכט און געזאָגט דעם קאַסיר, ער זאָל הערשלען געבן נישט מער ווי האַלב און אים דערקלערן די סיבה דערפון. הערשל איז געקומען, דערלאַנגט אים דער קאַסיר דאָס געלט און זאָגט דערביי:

— פאַרשטייט איר מיך, דער באַלעבאָס האָט חתונה געמאַכט אַ מיידל און האָט זיך שטאַרק אויסגעבראַכט, מוז מען שפּאָרן אין דער הוצאה, האָט ער העריבער באַפוילן געבן אייך האַלב.

— זייט אַזוי גוט — האָט הערשל געענטפערט — גיט אים איבער אַ בקשה מיינע, אַז דאָס צווייטע מאָל זאָל ער חתונה מאַכן פאַר זיין געלט.

---

## איך שטעל מיר פאָר, וויפל איר זענט שולדיק

הערשל איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גרויסע קראָם, וואָס איז פול געווען מיט סחורה און איז געשטאַנען ליידיק, אָן קונים. ער האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק, אַ זיפץ געטאָן, זיך אויסגעקערעוועט און אַוועק. שפּעטער אַ ביסל טוט ער נאָך אַמאָל דאָס אייגענע. און אַזוי אַ דריי־פיר מאָל כסדר. דער באַלעבאָס, וואָס איז געזעסן אויף דער שוועל פון זיין געשעפט, האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט עס, האָט ער אים אָפּגעשטעלט:

— פֿעטער, וואָס קוקט איר אַרײַן אין קראָם אַ־ן וואָס זיפֿצט איר?

— גאָרנישט, וואָס אַרט עס אײַך?

— אָבער פֿאָרט, איר מיינט דאָך עפּעס?

— איך מאַך בײַ מיר אַ חשבון.

— וואָסער חשבון? איך בין אײַך געלט שולדיק?

— חס־ושלום, ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש... מײַן ווײַב האָט געהאַלטן אַ קלייטל, און די גאַנצע סחורה האָט קוים די ווערט געהאַט אַ פּופּציקער, און קיין געלט האָט זי נישט געלייזט, איז זי שולדיק געווען מער, ווי דער קרן האָט באַטראָפֿן. איר האָט, קיין עין־הרע, אַ גרויסע קראָם, שטעל איך מיך פֿאָר, וויפֿל איר זענט שולדיק...

---

## אַ זעלטענער פּלאַן

אין בית־המדרש בײַ דער הרובע האָט מען זיך צערעדט וועגן אָרעם און רײַך, וועגן דעם, פֿאַרוואָס דאָס לעבן פֿון מענטשן איז נישט גלײַך, פֿאַר איינעם איז דאָס אַ יום־טוב, און פֿאַרן צווייטן אַן אָפּקומעניש. רופֿט זיך אָן אַן אָרעמער מקובל:

— איי, ווען אַלע מענטשן זאָלן האָבן פֿון וואַנען צו לעבן, ס'זאָל קיין דלות אויף דער וועלט נישט זײַן!..

כאַפּט אונטער נאָך אַ מקובל:

— געדערכט... דער דלות דערגייט די יאָרן. הערט איר, איך האָב אַ פּלאַן, ווי די זאַך צו ענדערן. ווען מען זאָל מיך פֿאָלגן, וואָלטן אַלע מענטשן צונויפֿגעלייגט

זייערע מאַיאָנטקעס, האָט געלט מיט די פּאַרמעגנס, אין איין קאַסע, און יעדערער זאָל נעמען פֿון דער קאַסע לויט זיינע באַדערפֿעגישן. גלייבט מיר, אַז עס וואָלט געקלעקט... אַ יאָ, ס'אַ פּלאַן?

— אַ פּלאַן, אַ פּלאַן! — זענען אַלע מסכים געווען, און וואָס זאָגסטו, הערשל, וואָס שווייגסטו?

— איך טראַכט, אַז ס'איז אַ וועלטענער פּלאַן, נאָר ווי פֿירט מען אים אויס? ווייסטו וואָס — לייגט פֿאָר הערשל דעם מקבל — לאָמיר זיך צעטיילן מיט דער אַרבעט: איך נעם זיך אונטער פֿועלן ביי די קבצנים, און דו פֿועל ביי די נגידים...

---

## די חשובסטע נאַציע

מען האָט זיך געאַמפּערט, וועלכעס פֿאָלק, וועלכע נאַציע איז די חשובסטע אויף דער וועלט. מאַכט איינער: די יידן, עס שטייט דאָך — אתה בחרתנו, גאָט האָט אויסגעוויילט דאָס יידישע פֿאָלק. רופֿט זיך אָן אַ צווייטער: די ענגלענדער, זיי זענען גרויסע בריה'ס אויף די ימים. קומט אַ דריטער און דערווייזט, אַז די רוסן: זיי זענען גיבורים. און הערשל איז גישט מסכים מיט קיינעם, ער לאַכט פֿון זיי:

— איר הייבט נישט אָן צו ווּיסן, איר ליגט אַלע אין טעות...

— אַז דו ביסט דער קלוגער, וואָס ווייסט, איז מאַך אונדז אויך קלאָר.

— ווייסט איר, ווער ס'איז די חשובסטע נאַציע, וואָס חשובער פון איר איז נישטאָ, וואָס אַלע פֿעלקער זיי און האָבן פֿאַר איר דרך־ארץ? *די אַסיג־נאַציען!*

---

## אַ ברית צי אַ לוויה?

— הערשל, וואָס האַסטו בעסער ליב — אַ רייכן ברית, צי אַ רייכע לוויה?

— פֿאַרשטייט זיך, אַ ברית... פֿון אַ ברית איז נאָך דאָ אַ האָפֿענונג, אַז עס וועט אַמאָל זיין אַ רייכע לוויה, און פֿון אַ רייכער לוויה וועט שוין מער גאָר־נישט ווערן.

---

## די השגה פֿון אַ מלמד

אין בית־המדרש האָט מען זיך געאַמפּערט וועגן דעם ווערט פֿון דער מענטשלעכער השגה. איינער האָט דערוויזן, אַז די גרויסע השגות ברענגען אום דעם מענטשן, אַ צווייטער האָט געטענהט, אַז די השגה איז אַ מין שלאַפֿקייט, וואָס איז געגעבן געוואָרן פֿון הימל, כּדי אויסצופֿרווון דעם מענטשן. הערשל אָסטראָ־פּאָליער האָט געזאָגט:

— השגה איז געווענדט אין שׂכל... *אינעם קוק אויף ווייטער*...

אַזוי ווי ער רעדט, שלאָגט אים איבער אַ מלמד, וועלכער איז אויך בייגעווען ביים שמועס:

— וואָס זשע, הערשל, דו קלערסט די שאלה אָפּ־קומען מיט אַ גלייכווערטל? דאָס איז אַ טיפער ענין, נישט פאַרן שכל פון אַ ליץ...

— אפשר ביסטו גערעכט — וויל זיך הערשל נישט קריגן — איך מיין אָבער, אַז דער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס אָפטמאָל האָט מען די השגה פון יענעם מלמד...

— וועלכן מלמד? — וויל דער עולם וויסן.

— אָט וועל איך אייך דערציילן — ענטפערט הערשל. — אין איינער אַ מדינה איז געפערלעך קראַנק געוואָרן דעם קיסרס איין־און־איינציקע טאָכטער. מע האָט גערופן דאָקטוירים פון דער וועלט, נאָר זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט העלפן. זי צאַנקט פון טאָג צו טאָג, און מען זעט באַשיימפערלעך, אַז די שעהן אירע זענען געציילטע. אַז עס האָט שוין געהאַלטן גאָר שמאָל, האָט זיך אין פּאַלאַץ געמאָלדן אַן אומבאַוווסטער דאָקטער און געזאָגט, מען זאָל אָפּקאָכן אַ לימענע, וואָס איז אַלט עטלעכע יאָר, און דאָס געקעכץ זאָל די פּרינצעסין אויפעסן, וועט זי געזונט ווערן. וואָס האָט מען אַנצווערן? איז געבליבן, מען זאָל אים פאָלגן. יאָ, אָבער וווּ נעמט מען אַזאַ לימענע? אין דער הויפּט־שטאָט האָט מען דאָס מין נישט געפונען, האָט מען אַרויסגעשיקט שרייערס איבערן לאַנד, זיי זאָלן אומעטום אויסשרייען, אַז דער קיסר דאַרף אַזאַ און אַזאַ לימענע. מען איז אויסגעריטן די מדינה אין דער לענג און אין דער ברייט, און אומזיסט, נישטאָ קיין לימענע. אַז מען האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען, האָט איין שרייער פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פאַרוואָרפן יידיש שטע־

טעלע. ביים אָפענעם פענצטער איז געזעסן אַ מלמד, וועלכער האָט פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ אַלטן אתרוג, האָט ער פאָרגעלייגט דעם שרייער, אפשר וועט עס אָנגיין פאַר אַ לימענע. שטעלט אייך פאָר, אַז עס איז אָנגעגאַנגען. מען האָט דעם אתרוג אָפגעקאָכט, די פרינצעסין האָט אויפגעגעסן דאָס געקעכץ און איז געזונט געוואָרן. דער קיסר האָט געמאַכט די שיינע סעודה און האָט געהייסן אַראָפברענגען דעם מלמד אין דער הויפטשטאָט, ער וועט אים קייזערלעך באַלוינען.

— וואָס ווילסטו? — פרעגט ער דעם מלמד — אַ האַלבע מדינה בין איך דיר גרייט אָפצוגעבן!

— איך וויל, אדוני מלך — האָט זיך איינגעשטעלט דער מלמד — איין זאַך: אין שטעטל ביי אונדז זינען דאָ צען מלמדים, זאָל מען ניין אַרויסזעצן, און איך זאָל בלייבן איינער.

אָט דאָס הייסט אַ השגה פון אַ מלמד — האָט הערשל געענדיקט די מעשה. — און דער אומגליק באַשטייט אין דעם, וואָס מען האָט אַזוינע השגות...

---

# נגידים
# זאלן האבן צו געדענקען

# דער אמתער גביר

הערשל איז געווען אין וועג און איז געבליבן אויף שבת אין אַ שטעטל, ווו עס האָט געוווינט אַ גרויסער גביר אַ קמצן, וועלכער האָט, זינט ער לעבט, אפילו קיין שטיקל ברויט קיין אָרעמאַן נישט געגעבן.

די יונגעלייט, וואָס האָבן געהערט וועגן הערשלען, האָבן אים פאַררופן צו זיך, דערציילט אים, ווער דער גביר אַ קמצן, וועלכער האָט, זינט ער לעבט, אפילו און האַלטן שבת ביי דעם פאַרשוין און אים רעכט אָנ=לערנען, ער זאָל האָבן צו געדענקען. הערשל האָט זיך אונטערגענומען די זאַך דורכצופירן. פרייטיקצונאַכטס איז ער אַוועק דאַווענען אין דער שול, ווו דער גביר האָט געדאַוונט. ווען יענער איז שוין געגאַנגען אַהיים, איז אים הערשל נאָכגעגאַנגען פוסטריט. אָט איז דער גביר אַריין אין שטוב. הערשל בלייבט הינטער דער טיר. ער הערט, ווי דער באַלעבאָס מאַכט קידוש, פליט ער אַריין, לויפט צו גלייך צום טיש, גיסט זיך אָן אַ סעלישעק בראָנפן און מאַכט אויך קידוש.

— ווער זענט איר? ווי קומט איר אַהער? — איז אויסער זיך דער גביר.

הערשל דערציילט אַ מעשה, אַז ער איז אַן אורח ביי אַ יידן, וואָס וווינט אויף דער גאַס, און אַז ער איז

אַרוים אויף אַ מינוט אין דרויסן, נאָר אַזוי ווי ער איז זייער אַ קוריציזיכטיקער, האָט ער געטראָפן אַהער.

— נאָר וואָס איז דער אומגליק, אַז איך וועל ביי אייך עסן וועטשערע? איר וועט דען, חלילה, בדלות ווערן? — פרעגט הערשל.

דער גביר האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און האָט אים געגעבן אַן אָרט ביים טיש. מען זעצט זיך עסן, דער באַלעבאָס מאַכט אַ המוציא, גיט יעדן צו שטיקלעך בולקע, הערשלען אויך, און די איבעריקע קלה לייגט ער אונטערן טישטעך. דערווייל טוט ער אַ פרעג ביי הערשלען:

— פון וואַנען איז אַ ייִד?

— פון כאַלעווימש — ענטפערט הערשל.

— ווו איז דאָס ערגעץ, אייער כאַלעווימש?

— אונטער טישוועץ.

די בני־בית האָבן זיך צעלאַכט, און דער באַלע־באָס האָט שוין געמוזט דערלאַנגען הערשלען אַ גרויס שטיק בולקע.

עס איז געקומען די פיש, האָט מען דעם פיי־נעם געפילטן קאַרפ אונטערגעטראָגן דעם באַלעבאָס מיט זיין משפחה, און הערשלען האָט מען מכבד גע־ווען מיט צוויי קליינע פלאָטיטשקעלעך.

הערשל לייגט צו דאָס אויער צום טעלער, הערט זיך צו און שעפטשעט עפעס.

— וואָס טוט איר דאָס? — פרעגט מען אים.

— ס'איז אַ גאַנצע מעשה...

— וואָס פאַראַ מעשה? — וויל וויסן דער גביר.

— איך בין אַמאָל געפאָרן אויפן ים — הער־

ציילט הערשל, — איך האָב ביי זיך געהאַלטן מיין ווייבס פערל. איך האָב זיך געשפּילט מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז זיי זענען פּלוצעם אַרויסגעפאַלן פון מיינע הענט און אַריין אין ים. פרעג איך די פישלעך, אפשר ווייסן זיי, וווּ די פערל זענען...

— נו, וואָס זאָגן זיי? — האָט דער עולם גע־לאַכט.

— זיי זאָגן, אַז זיי ווייסן נישט, נאָר די גרויסע פיש קערן אוודאי וויסן, איך זאָל ביי די קאַרפּן־קעפּ פרעגן.

אויסגעהערט די מעשה, האָט מען שוין הערשלען געמוזט אויסטיילן אַ גוט שטיק פיש.

דערנאָך האָט מען דערלאַנגט צום טיש אַ פּעטיע יויך מיט לאָקשן, און הערשלען האָט מען אַוועקגע־שטעלט אַן ערדענע שיסל מיט אָקרעפּ, און עטלעכע גע־ציילטע לאָקשן שווימען אַרום. מען טוט אַ קוק: הערשל נעמט זיך אויסטאָן, ער האָט שוין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קאַפּאָטע און קלייבט זיך אַראָפּלאָזן די תחתו־נים, מחילה. דער באַלעבאָס האָט זיך דערשראָקן:

— פעטער, וואָס טוט איר? איר זענט משוגע גע־וואָרן?

— איך וויל מיך אויסטאָן שווימען, כדי צו כאַפּן אַ לאָקש!

בקיצור, מען האָט הערשלען געגעבן דעם גרויסן טעלער יויך מיט געזונט לאָקשן. דער גביר זעט שוין מיט וועמען ער האָט צו טאָן, הייסט ער זיך אים צו־רוקן נעענטער: פלייש וועט מען עסן פון איין טעלער. מען דערלאַנגט דעם פאָלומעסיק פלייש, דער באַלע־

באָס געמט שניידן און לייגט לעבן זיך דאָס בעסטע פלייש, און לעבן הערשלען — גאָלע ביינער, צאָפּ אין גלאַט מאָגער פלייש. הערשל קוקט און הייבט אָן צו דערציילן אַ מעשה:

— גלייבט מיר, אַז איך בין אייך געווען אַמאָל אַ נגיד. איך האָב געהאַט מויערן, הייזער, קראָמען און אַ סך גרייט געלט...

דער באַלעבאָס שניידט, און הערשל דערציילט וועגן זיין עשירות. דער באַלעבאָס האָט געענדיקט דאָס שניידן, האָט הערשל אויך געענדיקט זיין געשיכטע:

— נאָר אַז גאָט האָט געוואָלט פון מיר מאַכן אַ תל, האָט מיין עשירות אַזויפיל געדויערט, ווי מען דרייט איבער דעם טעלער...

און מיט די ווערטער טוט הערשל אַ דריי דעם טעלער, און דאָס פעטע פלייש איז אויסגעקומען אויף זיין זייט, און דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע האָבן געמוזט אַריבערשלינגען.

נאָך דער וועטשערע זאָגט דער באַלעבאָס צו הערשלען:

— איך בעט אייך, האַלט ביי מיר שבת, איר זענט מיר געפעלן געוואָרן.

דער גביר האָט הנאה געהאַט פון הערשלס גלייכווערטלעך, אָבער נישט דאָס איז געווען דער מיין, וואָס ער האָט אים געבעטן האַלטן שבת, ער האָט גאָר אין זינען געהאַט אים אָפּטאָן אַ שפּיצל. און זאָל אַ ייד אַ קבצן וויסן, ווי צו חכמענען זיך. שבת נאָכן טיש האָט ער געהייסן דערלאַנגען וויין און האָט אין הערשלס גלעזל אַריינגעשאָטן אַזאַ פּראָשעק, פון וועלכן עס

כאַפּט דער מאָגן. דערנאָך האָט ער אים אַרייַנגעפירט צו זיך אין צימער, פאַרשלאָסן די טיר פון אינעווייניק און זיך געלייגט שלאָפן. הערשל האָט זיך אויך צוגעלייגט, נאָר האָט אים אָבער באַלד צעגומען, און די טיר איז פאַרשלאָסן, און דער באַלעבאָס כראַפּעט. וואָס טוט מען? האָט ער אויפגעעפנט אַ שופלאָד פונעם שרייבטיש, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, און אָפּגעטאָן דאָס זייגערל.

דער גביר איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס אויף הערשלען האָט נישט געווירקט דער פּראָשעק. פאַרנאַכט האָט ער אים ווידער אָפּגעטאָן דאָס זעלביקע און גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער ייִד וועקט אים נישט, מאַכט קיין געוואַלדן נישט.

— אָט אַ מאָגן — טראַכט ער זיך — קיין קויל נעמט אים נישט.

אויף מאָרגן האָט הערשל געפונען די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך מיט אים צונויפגערעדט, און גערופן זיי מיט זיך:

— קומט — זאָגט ער — איך וויל זיך אָפּגעזעגענען מיט אייער גביר. אומזיסט האָט איר גערעדט אויף אים. איך האָב געהאַט ביי אים אַ שבת, אויף אַלע מיינע ליבע, קומט, וועל איך אייך באַווייזן, אַז ער איז דער אמתער גביר.

הערשל מיט די יונגעלייט גייען אַריין צום גביר. יענער איז זייער צופרידן, וואָס דער אורח האָט וועגן אים אַזאַ געהויבענע מיינונג און וואָס ער איז אים געקומען באַדאַנקען פאַר מענטשן אין די אויגן, פּירט

ער אַלעמען איבער די צימערן, ווייזט זיי פאַרשידענע אַנטיקלעך און באַרימט זיך מיט זיין עשירות. ער גייט מיט זיי אַריין אויך אין דעם צימער, וווּ ער האָט זיך פאַרשלאָסן מיט הערשלען. דאָ שטעלט זיך הערשל אָפּ און זאָגט:

— באַלעבאָס סערהצע, איר זענט דער אמתער גביר, און זאָלן מענטשן וויסן, אַז אַזוי איז דאָס!

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס? — פרעגט דער גביר שטאַרק אויפגעלייגט.

— די גמרא זאָגט — ענטפערט הערשל — איזה עשיר, כל שיש לו בית־הכסא סמוך לשלחנו. די טייטש דערפון איז: ווער איז אַ גביר? דער, וואָס האָט אַ בית־הכסא לעבן זיין טיש. הייסט, אַז איר האָט אַ בית־הכסא אין טיש גופא, זענט איר דאָך טאַקע דער אמתער גביר!

און ביי די ווערטער רוקט ער אַרויס דעם שופלאָד...

---

## איר זענט באַוואָרנט...

הערשל האָט געבעטן ביי איינעם אַ גביר אַ נייטיקע נדבה. דער באַלעבאָס האָט אים אָפּגעזאָגט אויף אַ גראָבן אופן. הערשל האָט קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט אַוועקגיין. שטייענדיק ביי דער טיר, האָט ער זיך געזעגנט מיט אַ נביאות:

— זייט געזונט, און איך מין אייך מבטיח, אַז איר וועט זיין אַ גביר, און איי־

דער קינדער וועלן זיין גבירים, און אייערע קינדס־קינדער וועלן אויך זיין גבירים...

דעם באַלעבאָס איז דאָס געפעלן געוואָרן, און ער האָט אַ רוף געטאָן הערשלען:

— הערט נאָר פעטער, מילא, איך, פאַרשטיי איך, אָבער פאַרוואָס זענט איר אַזוי אין מיינע קינדער און אייניקלעך?

— אַז איך זאָג, ווייס איך.

— וויל איך אויך וויסן.

— גיט די נדבה, וועל איך אייך קלאָר מאַכן.

ווי עס האָט זיך אים נישט געגלוסט, האָט דער גביר געמוזט זיך צעבייטלען, עס האָט אים געקאָרטשעט צו דערקונדיקן זיך, אַז די משפחה זייגע איז באַוואָרנט מיט עשירות. באַקומען דאָס געלט, האָט הערשל אים געבראַכט אַזאַ משל:

— אַ קבצן, אַ ביטערער אָרעמאַן, אַז ער גייט אַריין אין אַן אָפטרעט, איר זאָלט מיר מוחל זיין, און פאַרלירט אומגערן אַ גילדן, וועט ער זיך גיין שמירן און אים אַרויסנעמען? ווי אָרעם ער איז נישט, וועט ער לאָזן פאַרפאַלן ווערן דעם גילדן, אַ יאָ? אַ באַלמעלאָכע, וואָס פאַרדינט זיך זיין שטיקל ברויט, וועט לאָזן פאַלן אַ קערבל; אַ פאַרמעגלעכער מענטש — אַ פינפערל, אַ גביר אַ פינפאונצוואַנציקער אפילו... וועגן גאָט שטייט געשריבן: לי הכסף ולי הזהב, ער פאַרמאָגט דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, אַלע רייכטימער פון דער וועלט, איז אויב ער האָט אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ אָפטרעט — הערשל ווייזט דערביי אויפן גביר —

פופציק טויזנט קערבלער, וועט ער זיך גיין שטירן און זיי אַרויסנעמען? איר זענט באַוואָרנט... איר און אייערע קינדער און אייערע קינדס־קינדער וועלן זיין גבירים...

---

## דאָס ערשטע מאָל שענק איך אייך

פּרייטיק איז אין באָד אַריינגעקומען אַ גביר, אַן אורח פון דער פרעמד. ער האָט זיך אויסגעטאָן און האָט געבעטן, מען זאָל אים געבן אַ לייטישן שמייסער, ער זאָל אים אויסשמייסן און אויספּאַרן, ווי עס פירט זיך אין אַ שוויץ־באָד. הערשל איז הערביי געשטאַנען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— אויב איר ווילט אַ לייטישן שמייסער, נעמט מיך, איך וועל אייך צופרידן שטעלן, נאָר פאַר מיין טרחה נעם איך פּריצר געלט.

דער מענטש האָט הערשלען נישט געקענט, האָט ער אים באַצאָלט און זיך איבערגעגעבן אין זיינע הענט. הערשל האָט אים אַרומגעוואַשן און אים געהייסן ליגן אויף דער אייבערשטער באַנק. יענער ליגט צען מינוט, פופצן מינוט, אַ האַלבע שעה, ער האָט שוין קיין כוח נישט צו אָטעמען פון דער היץ, איז ער אַראָפּ און געגאַנגען זוכן הערשלען. ער האָט אים געפונען און וויל וויסן, פאַרוואָס האָט ער אים איבערגעלאָזט און פאַר־געסן אים שמייסן.

— איך האָב נישט פאַרגעסן — גיט אים הערשל צו פאַרשטיין — נאָר דערפאַר, וואָס איר האָט זיך אַליין געלייגט, האָב איך אייך דאָס ערשטע מאָל געשענקט די שמיץ.

---

## שמייסט מיך אָפּ

ערב יום־טוב איז דער גביר געקומען אין באָד אַריין און האָט דאָרט געמאַכט אַ גאַנצע צערודערונג: די פאַרע זאָל מען לאָזן, אַזוי ווי ער האָט ליב; קיין פּראָסטער בשר־ודם זאָל זיך לעבן אים נישט וואַשן; די בעסטע שעפּעלער זאָל מען אים אונטערטראָגן, און בכלל זאָל מען אים אָפּגעבן כבוד. די חברה באַלבעלאָכעס האָבן נישט געוואָלט ליידן דעם גבירס שטיק, נאָר זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט פועלן, ווייל דער בעדער האָט זיך געלייגט פאַר אים אין דער לענג און אין דער ברייט. דערווייל איז אָנגעקומען הערשל, האָבן זיי אים געבעטן, ער זאָל עפּעס אַרויסוואַרפן אַ שטיקל.

וואַרט — זאָגט הערשל — ער וועט ביי מיר באַלד האָבן דעם אמתן בזיון...

ער האָט זיך אויסגעטאָן, אַרומגעוואַשן און פאַרכאַפּט די אייבערשטע באַנק. עס האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט, איז צוגעגאַנגען דער גביר און האָט אים באַפוילן באַפרייען די באַנק — ער וויל זיך שמייסן. הערשל הערט אים, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. איז דער גביר אַריין אין דער רציחה און שרייט:

— עס וועט דיר נישט אָפּגיין גלאַט, פאַר אַזאַ עזות קומט אַ האַרבע שטראָף!

ציט אים אוים הערשל דאָס בעזעמל און זאָגט מיט אַ גנבער=פּנים:

— איך האָב פּיינט צו וואַרטן. באַשטראָפט מיך אויפן אָרט. נאַט אייך דאָס בעזעמל און שמייסט מיך אָפּ!

---

## אַ שרעקלעכער חלום

הערשל איז געפאָרן אויף אַ יאַריד. ס'איז געווען ווינטער, די נאַכט איז פרי צוגעפאַלן, און מיטאַמאָל האָט אַ ווייע געטאָן אַ שטאַרקער ווינט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ זאַווערוכע. הערשל האָט זיך קוים מיט צרות פאַרשלעפּט ביז צו אַ קרעטשמע. ער האָט געטראָפן די באַלעבאָסטע. דער מאַן איז נאָך בייטאָג אַוועק אויפן יאַריד. זי האָט מורא געהאַט אים אַריינצולאָזן. נאָר נאָך לאַנגע ריידענישן האָט ער געפועלט, זי זאָל אים לאָזן אַוועקשטעלן דאָס פערד=און=וועגעלע אין שטאַל, דערנאָך האָט ער זיך אַליין אַריינגעשאַרט אין שטוב. אָנגעוואַרעמט זיך אַ ביסל, בעט ער עפּעס עסן, נאָר די קרעטשמערקע איז געווען זייער בייז אויף אים, האָט זי געזאָגט אַז מען האָט אַלץ אויפגעגעסן.

— אין אַזאַ דרויסן האָט איר געהאַט אורחים?

— וויל נישט גלייבן הערשל.

— זעט איר דאָך, אַז דער רוח האָט אייך אָנגעטראָגן...

הערשל זעט שוין, מיט וועמען ער האָט צו טאָן, פונדעסטוועגן פּרוווט ער זיך:

— גּעשיקט זיך עס, אַז אין אַ קרעטשמע זאָל נישט זיין וואָס צו נעמען אין מויל אַריין?

— אַ פּאָר בייגל איז געבליבן, אַלטגעבאַקענע. אויב איר ווילט, עסט...

הערשל נעמט די בייגל: שטיינער, כאָטש האַק זיי מיט אַ האַקמעסער. ער מאַכט אַ שווייג און פרעגט ביי איר:

— און וווּ קאָן איך זיך צולייגן?

— לייגט זיך אויף דער ערד.

— זאָל זיין אויף דער ערד. נאָר איך וויל ביי אייך בעטן אַ צוועקעלע און אַ שטריקל.

— צו וואָס טויג עס אייך?

— פאַרשטייט איר מיך, צו די בייגל דאַרף מען זיך אָננעמען מיט כּוח, וויל איך זיך אָפּרוען, אויס־גלייכן די ביינער, און אַז איך וועל זיך אויפכאַפּן, זאָל איך האָבן די בייגל אויפגעהאָנגען צוקאָפּנס, איך זאָל זיך קאָנען תיכּף דערקוויקן דאָס האַרץ...

די קרעטשמערקע האָט זיך געוואָלט פון אים אָפּ־טשעפּען. האָט זי אים צוליב געטאָן. ער האָט אַריינ־געקלאַפּט דאָס צוועקל, אויפגעהאָנגען די בייגל און זיך געלייגט שלאָפן.

ביינאַכט איז ער אויפגעשטאַנען, אָנגענאָסן אַ קעסעלע וואַסער און אַוועקגעשטעלט לעבן דער באַ־לעבאָסטע, צום געלעגער פון דער דינסט האָט ער צוגערוקט אַ באַקדייזשקע פול מיט וואַסער און האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט און געמאַכט אַ געוואַלד. די צוויי ווייבער האָבן זיך אויפגעכאַפּט, אַראָפּ פון די געלעגערס, איבערגעקערט דאָס וואַסער, שיר נישט גע־

הרגעט געוואָרן, די שוועבעלער האָט ער אויך באַ־האַלטן. ביז זיי האָבן אָנגעצונדן די שיין, איז זיי שיר די נשמה נישט אַרויסגעפאַלן, זיי זענען צו צו אים:

— וואָס איז געשען?

— אוי, פרעגט נישט... אַ שרעקלעכער חלום... נישט פאַר אייך געדאַכט...

— זאָגט שוין, וואָס?

— עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז מען האָט צוגענומען די בייגל.

---

## אויפן יאַריד

אויפן גרויסן יאַריד, וואָס שטעלט זיך אויס איין מאָל אין יאָר, האָט געטראָפן אַזאַ מעשה: די קליינע סוחרימלעך האָבן שוין אויסגעלייגט זייערע קראָמען און געקומען פאַררופן קונים, איז געקומען דער הור־מאָוויניק פון דער גרויסער שטאָט. אָפּגעדונגען אַ גרוי־סע קלייט, געבראַכט די ווינטיקסטע מינים סחורה און געלייזט אַזוי וואָלוול, אַז נאָכיאָגן אים איז געווען אומ־מעגלעך, ווייל מען האָט ביי אים אַליין געקויפט די סחורה טייערער. וואָס טוט מען? ס'ידן צומאַכן די קלייטלעך! האָט מען דאָך אויף דעם פדיון געוואַרט שטלעכע חדשים, אַהער דערלייגן די נשמה און מיטן קרן נישט אַרויס. מען איז געגאַנגען צום סוחר, מען האָט אים געבעטן רחמנות האָבן, זאָל ער ביי זיי גע־מען באַטש מיט אַ קלייניקייט ווייניקער, ווערליק זייגע יאַריד־פרייזן. ער וויל נישט הערן: איך האָב געקויפט, איז פאַרפאַלן, און איך פאַרקויף, אַזוי ווי איך וויל!

דער עולם האָט זיך באַטראַכט מען זאָל זיך ווענדן צו הערשל אָסטראָפּאָליער, ער זאָל דעם פאַרשוין אָנלערנען און זיי פון דער צרה אַרויסראַטעווען. הערשל האָט אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע און האָט זיי געזאָגט:

— ברענגט מיר שיינע מלבושים און גיט מיר אַ הונדערטער. איך וועל אים אייך דערנאָך אָפּגעבן, און עס וועט זיין רעכט, איר וועט אייערס פאַרדינען, און ער וועט דעם יאַריד האָבן צו געדענקען.

מען האָט הערשלען געגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געפאָדערט, און מען האָט אים געוואָרנט, אַז דער סוחר איז אַ זאיקע.

— א זאיקע? — פרעגט איבער הערשל — גוט וואָס בעסער קאָן נישט זיין! איך וועל אויך זיין אַ זאַיקע. עס וועט זיין וואָס צו הערן!

הערשל איז אַוועק צום סוחר אין קלייט און זיך פאָרגעשטעלט:

— איך ק=ק=ק=ום אָן פ=פ=פ=ון וו=וו=וו=ייט, אי=ד ד=ד=ד=ארף א ס=ס=ס=ד, ג=ג=ג=אָר א ס=ס=ס=ד ס=ס=ס=חורה...

דער באַלעבאָס האָט זיך דערפרייט און אויסגעהיקעט:

איך האָב ג=ג=ג=אָר, ג=ג=ג=אָר א ס=ס=ס=ד ס=ה=ה=חורה, ז=ז=ז=ייער וו=וו=וו=אָל=ל=ל=וול.

— ר=ר=ר=ייז האָט איר?

— די ב=ב=ב=עסטע ר=ר=ר=ייז!!

הערשל האָט זיך דערוווסט, אַז די רייז באַטרעפט נישט מער, ווי הונדערט קערבלעך, האָט ער זי

אַוועקגעהאַנדלט איינגאַנצן. דאָס דינגעניש, דאָס צו־ נויפרעדן זיך, דאָס חשבונען האָט געדויערט א גאַנצן טאָג, און ס'איז קיין חידוש נישט: אַ זאַיקע האָט ליב אַ סך צו רעדן, און הערשל האָט זיך געלאָזט רעדן און זיך זאַיקעט ווי ווייט ער האָט געקאָנט. קיין אַנדערע קונים האָט מען אין קלייט נישט געזען, ווייל ווען ס'איז נישט געקומען, האָט דער באַלעבאָס אָפּגעשיקט, ער איז פאַרנומען. ס'איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט, ווען הערשל האָט פאַרענדיקט דאָס געשעפט, באַצאָלט אַ מזומנעם הונדערטער, געהייסן פאַרפּאַקע־ ווען די רייז און צוגעזאָגט מאָרגן איבערפרי איינקויפן אַנדערע אַרטיקלען.

דער מאָרגנדיקער טאָג איז געווען זייער א שווע־ רער פאַרן סוחר: ע ר האָט געהיקעט, ה ע ר ש ל האָט געהיקעט, די משרתים האָבן געלאַכט, די קלייט האָט מען אָפּגעשלאָסן, און קיין קונה האָט די שוועל נישט אַריבערגעטראָטן. הערשל האָט געדונגען פעפער און צימרינג, און ראָזשינקעס, געדונגען זיך ביזן בלוט אַרײַן פאַר יעדער קאָפּיקע און איינגעקויפט אַלע מינים אין די גרויסע סכומים. ביז מען האָט זיך אויסגע־ חשבונט, איז צוגעלאָפן די נאַכט. דער באַלעבאָס איז געווען צופרידן פונעם פדיון, האָט ער געשיקט נאָך ווײַן און אויפגענומען דעם קונה. הערשל האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט, און מען האָט א פאָר שעה פאַר־ בראַכט.

און אָט איז שוין דער לעצטער טאָג פונעם יאַריד. הערשל איז ווידער דאָ, ער דינגט די פאַרשידנסטע סחורות. מען היקעט ווייטער, ער איז שוין הייזעריק,

נאָר ער האַלט אין איין דינגען. פאַרנאַכט הייסט ער פּאַקעווען גרויסע וועגענער, עס פאָרן אָן באַלעגאָלעס, מען שטעלט זיך צו דער אַרבעט. בעת דער סוחר ביי הערשלען געלט, ענטפערט ער אים, אַז ער פירט מיט זיך נישט קיין סך געלט, און ער וויל, אַז די גאַנצע קראָם זאָל גיין מיט אַ נאַכנאַמע.

— ג־ג־ג־יט כ־כ־כ־אָטש א ב־ב־ב־יסל האַנט־ג־ג־ג־עלט — פאָהערט דער אייגנטימער.

— ז־ז־ז־אָל די ר־ר־ר־ייז ז־ז־ז־יין האָנט־ג־ג־ג־עלט לייגט פאָר הערשל.

דער סוחר זעט, אַז ס'איז שלעכט: ער איז אַריינגעפאַלן, מאַכט ער א געוואלד, ער האָט חרטה, ער וועט נישט געבן אָן קיין געלט די סחורה. הערשל שרייט אויך, און ביידע זאיקען זיך סכנות־נפשות. די קליינע סוחרימלעך האָבן די דריי טעג אויסגענוצט די לאַגע און געהאַט א טייערן יאריד. איצט זענען זיי שוין פריי, שטייען ביי דער זייט און שעפן נחת. דער סוחר טענהט, אַז הערשל האָט אים אומגליקלעך געמאַכט, ער שלעפּט אים צום רב אויף א דין־תורה. אַלע גייען צום רב. ערשט דאָרט הייבט זיך אָן דאָס אמת־דיקע היקעניש. דער רב האָט אויסגעהערט ביידע צדדים און האָט געפּסקנט, אַז הערשל מוז דעם סוחר אומקערן די סחורה, אויסער די רייז, פאַר וועלכע ער האָט באַצאָלט. דער סוחר האָט געמוזט אָפּגעבן די סחורה פאַר האַלבע פרייזן. די סוחרימלעך האָבן צוגענומען ביי הערשלען די רייז און אים באַלוינט מיט אַ הונדערטער פאַר דעם קלוגן איינפאַל זייַנעם און פאַר דער טובה, וואָס ער האָט זיי געטאָן.

## דאָס קויטיקע גרעט פאַר וועטשערע

ווען הערשל איז געגאַנגען איבער דער וועלט, האָט דאָס אים פאַרטראָגן אין א קרעטשמע. ער איז געווען מיד, הונגעריק און איבערגעפרוירן. דער באַלע־באָס איז נישט געווען אינדערהיים, האָט ער געבעטן עפּעס עסן ביי דער באַלעבאָסטע. נאָר זי איז געווען זייער אַ בייזע, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי האָט אים נישט וואָס צו געבן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מסתמא האָט זי געקאָכט וועטשערע און וואַרט אויפן מאַן. האָט ער זיך איינגעבעטן, זי זאָל אים כאָטש לאָזן שלאָפן אויפן אויוון.

אַז ער איז אַרויף אויפן אויוון, האָט אים גלייך פאַרשמעקט א טאָפּ מיט קרעפּלעך. פרעגט ער די באַלעבאָסטע:

— וואָס איז דאָס דער אויוון ביי אייך אַזוי הייס? אפשר, איר האָט געמוזט עפּעס קאָכן?

— דאָס וואַש איך גרעט — דערציילט אים די באַלעבאָסטע א מעשה — האָב איך עס אריינגעשטעלט אין אויוון, עס זאָל זיך אויספּאַרן.

און כדי פאַרשפּאָרן איבעריקע רייד און זיך אָפּטשעפּען פון אים, האָט זי פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און איז אַוועק אין צווייטן צימער שלאָפן.

הערשל איז שטילינקערהייט אַראָפּ פונעם אויוון, אַרויסגענומען דעם טאָפּ מיט קרעפּלעך, אים אויסגע־ליידיקט, דערנאָך אַרויסגעשלעפּט א קויטיק העמד פונעם קלומעקל, אריינגעלייגט עס אין טאָפּ און צו־געדעקט מיט עטלעכע קרעפּלעך פון אויבן, מען זאָל

גישט הינרקעגען, און אַוועקגעשטעלט צוריק אויף זיין אָרט.

ביינאַכט איז אָנגעקומען דער קרעטשמער און קלאַפּט אין טיר. דאָס ווייב איז תיכף אַרויסגעלאָפן, אים אויפגעעפנט, אָנגעצונדן די שיין און געגרייט צום טיש. פאַרנדיק זיך אַזוי, האָט זי אים דערציילט, אַז אן אָרעמאַן האָט זיך איינגעבעטן אויף נאַכטלעגער.

— גוט, גוט — שלאָגט איר איבער דער מאַן — נאָר מאַך עס גיכער. איך בין טויט-הונגעריק.

זי שטעלט אַוועק דעם טאָפּ אויפן טיש, קערט אים איבער אין אַ גרויסער שיסל, פאַלן אַרויס עפּלע־כע קרעפּלעך און אַן אָנגעווייקט העמד.

— וואָס איז דאָס? — האָט זיך דער קרעטשמער צעשריגן.

אויפן געשריי איז הערשל אַראָפּ פונעם אויוון. פרעגט מען אים, צי האָט ער דאָס געטאָן?

— איך וויים? — פאַרענטפערט זיך הערשל — די באַלעבאָסטע זאָגט מיר, אַז זי וואַשט גרעט און פאַרעט עס אין אויוון, האָב איך געוואָלט מיין העמד אויך אויסוואשן. פון וואַנען זאָל איך געווען ווימן, אַז זי וועט דאָס קוטיקע גרעט דערלאַנגען צום טיש פאַר וועטשערע?

---

# איבער אַ קאָפּ פון אַן אָקס

ווי ס'איז באַוווּסט, איז הערשל אַ שטיק צייט געווען שוחט אין אָסטראָפּאָליע. דערמלט איז געווען איינגעפירט, אַז ביים קוילן אַן אָקס האָט דער שוחט

גענומען דעם קאָפּ פאר זיין שחיטה־געלט. טרעפט זיך א מעשה, אַז הערשל האָט געקוילעט א פּעטן אָקס ביי אן אַרענדאר אין א דאָרף לעבן אָכטראָפּאָליע. דער אַרענדאַר איז געווען אַ גראָבער יונג און קאַרג דערצו, איז ער אָפּגעקומען הערשלען מיט א פּאָר גראָשן, און האָט אים נישט געוואָלט געבן דעם קאָפּ. הערשל איז זיך מיישב געווען און האָט אַליין שטילערהייט צוגענומען דעם קאָפּ און איז אַוועקגעפאָרן אין שטעטל אַריין.

שפּעטער א ביסל האָט זיך דער אַרענדאר געכאַפּט, אַז עס פעלט אים דער קאָפּ פונעם אָקס. איז ער אַריין אין דער רציחה, איינגעשפּאַנט דאָס פערד און וועגעלע און נאָכגעיאָגט הערשלען. ער איז פאַרפאָרן קיין אָסטראָפּאָליע און האָט הערשלען נישט געטראָפן אינדערהיים. האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דעם ווייבס אַ קליידל, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ צוויאָק, און זיך אומגעקערט צוריק אין דאָרף.

הערשל איז דערפון געוווירר געוואָרן, איז ער אַוועק צום רבין און געזאָגט עדות, אַז דער אַרענדאר איז אַ גרויסער גזלן, און מען דאַרף זען עפּעס אַ תרופה דערצו. דער רבי האָט געשיקט רופן דעם אַרענדאַר. יענער האָט זיך דערשראָקן, און ס׳איז אים געווען א בזיון. ווי נאָר ער איז אַריין צום רבין, האָט ער דערזען הערשלען און דערוווסט זיך, אַז ער איז דאָס דער עדות, וואָס גייזט אָן אויף אים.

— וואָס ווייסטו אַזוינס וועגן מיר, וואָס דו זאָגסט, אַז איך בין א גזלן? הערט אים נישט, רבי

ער איז א ליגנער, א פּאַסקודניאַק! — מענהט דער ארענדאר.

— זאָג נאָר מיר, דו הולטיי, די האָסט היינט נישט געקומען מיין וייבס קליידל איבער די ין ק אָ פּ?

— אָט האָסטו דיר! עס איז דאָך א קאָפּ פון אן אָקס!

— נו, איז איבער א קאָפּ פון אן אָקס — פרעגט הערשל און וויזט אָן דערביי אויפן ארענדאר — דאַרף איך ליידן?

---

## מען מוז דאָרט האָבן אַן אייגענעם באַלעגאָלע

איינער א באַלעגאָלע איז רייך געוואָרן. מען האָט אפילו געשמועסט, אז פון פירן פגרסא, האָט הייסט גנבהשע סחורה, איז ער דערהויבן געוואָרן. נאָר דאָס געלט איז שטאַרקער געווען פון מענטשלעכע מיילער, האָט מען געשוויגן און אים אָפּגעגעבן כבוד. ווי אַן אויפגעקומענער גביר, האָט דער פּאַרשוין זיך געקויפט אַן אָרט אין מזרח און געזעסן דאָרט מיט גרויס גדלות, שוין גאָרנישט געוואָלט אויסרעדן קיין וואָרט מיט זיינע געוועזענע גוטע־ברידער. חברה באַלעגאָלעס האָט עס פאַרדראָסן. פרייטיקצונאַכטס אין שול הופּט זיך אָן איינער פון זיי צו הערשל אָס־טראָפּאָליער:

— נו, ווי געפעלט ער דיר, הערשל, ווי אַזוי ער האָט זיך עס אַוועקגעזעצט אין מזרח און קוקט אויף קיין מענטשן נישט, ביסט עפּעס א מבין אויף אים?

— ער איז אָנגעמאָסטן פאַרן מזרח! — ענט־פערט הערשל.

— וואָס איז? ווייל ער האָט די אפותיקא מיטאַמאָל געקריגן?

— ווייל ס'איז א פולער מזרח מיט פערד, מוז מען דאָרט האָבן אן אייגענעם באַלעגאָלע.

---

## מען מוז אויסוואַרטן אויף די צען מינוט

דער זעלבער באַלעגאָלע האָט געראַפט חתונה מאַכן א טאָכטער, האָט ער זיך נאָר געוואָלט אייננקויפן אין יחוס, און דער חתן זאָל זיין אַזויגס ווי אַזעלכעס. קיין נדן וועט ער גישט קאַרגן, אײ די כלה איז מיאוס און נאַריש און איבערגעוואַקסן, געלט וועט אַלץ באַשיינען. שדכנים זענען געגאַנגען און האָבן גאַרנישט געקאָנט פועלן. האָט זיך הערשל אונטערגענומען א שמועס טאָן מיט אים, ער זאָל ווייבער ווערן. ער איז געקומען און פאָרגעלייגט גאָר א גרויסאַרטיקן שידוך מיט אָן א שיעור מעלות. דעם באַלעגאָלע איז דאָס גע־פעלן געוואָרן און ער זאָגט צו הערשלען:

— רעדט, און עס וועט גיין א גאַנג. ס'איז דאָס, וואָס איך דאַרף!

— איך מוז אייך אָבער זאָגן — וואָרנט אים הערשל — אַז חוץ אַלע מעלות, האָט דער חתן א חס־רון, אמת, א קליינינקער חסרון, אָבער פאָרט...

— אָט האָסטו דיר! נו, לאָמיך הערן דעם חסרון...

— צען מינוט איר יאָר איז ער משוגע...

— צען מינוט? וואָס איז אינגאַנצן? ס'איז צום אויסהאַלטן, הערט!

— מען מוז אָבער אויסוואַרטן אויף די צען מי־נוט...

— וואָס איז דאָס וואַרטעניש?

— אַז ער וועט זיין משוגע, וועט ער אפשר איינ־גיין אויפן שידוך. קלאָרערהייט געווים נישט!

---

## דער זעלבער ענטפער

אין שטעטל איז געווען אַן אויפגעקומענער גביר, וואָס האָט געהאַט אַ דערוואַקסענע טאָכטער, אַ מיאוסע און אַ שלימזלניצע. ער האָט געזוכט אַ חתן פון אי־רעטוועגן, און ווי דער שטייגער איז, ווערליק אַן אויפ־געקומענער, האָט ער געוואָלט קריכן גאָר אין גרויסן יחוס. הערשל איז געקומען צו אים און האָט אים פאָר־געלייגט אַ שידוך מיט אַ שוסטערס אַ זון, זייער אַ ליי־טישער יונגערמאַן און אַ גוטער פאַרדינער. האָט דער גביר זיך צעשריגן אויף אים:

— דו פאַרך! ווי שטעלסטו זיך גאָר איין מיר פאָרלייגן אַזאַ געמיינעם שידוך? אַרויס פון מיין שטוב!

הערשל איז אַוועקגעגאַנגען. אין עטלעכע טעג אַרום קומט ער ווידער צו גיין.

— ווער האָט דיך געשיקט רופן? — פרעגט אים דער באַלעבאָס — איך האָב דיך שוין איין מאָל אַרויס־געטריבן, האָסט פאַרגעסן?

— אַציגנד, פאַרהאַף איך, וועט איר מיך נישט

אַרויסטרייבן. איך האָב פון אייערשוועגן אַ גרויסאַרטיקן שידוך.

— מיר וועמען איז? — ווערט נייגעריק דער גביר.

הערשל רופט אים אָן גאָר אַ געהויבענע יחוסדיקע משפחה.

— אָט דאָס איז אַ פיינער שידוך! — איז צופרידן דער גביר — אָט דאָס פאַרשטיי איך! ביסט דאָרט געווען? האָסט שוין גערעדט?

— ווי דען? אוודאי האָב איך גערעדט!

— וואָס זשע האָט מען דיר געענטפערט?

— דאָס אייגענע, וואָס איר האָט מיר געענטפערט, ווען איך בין צו אייך געקומען דאָס ערשטע מאָל.

---

## איין קליינקייט!

— הערשל, רעד מיר אַ שידוך!

— פאַרוואָס נישט? אייער מעזינקע איז שוין טאַקע צייט צו דער חופה פירן...

— וואָסער מעזינקע? מ י ר  ר ע ד  אַ  ש י ד ו ך. ווייסט דען נישט, אַז איך בין אַן אלמן?

— אייך? איר ווילט אוודאי אַ לייטישע יידענע?

— וואָסער יידענע? איך האָב גענוג געלט. איך וויל אַ יונגע און אַ שיינע!

— איך האָב איינע אַזאַ, זי איז יונג און שיין,

ווי די וועלט. איך ווייס אָבער נישט, צי וועט זי בײַ אײַך אויספירן דאָס, וואָס זי וויל...

— אוי־וואַ! וואָס וויל זי אַזעלכעס?

— איין קלייניקייט! אַ יונג מיידל איז זי, אַ יונג ווײַבל וועט זי ווערן, וויל זי אויך זײַן אַ יונגע אלמנה.

---

## א פּעסל בראָנפן פאַר פינף קאָפּיקעס

איינער אַ רייכער בראָנפן־הענדלער איז געווען זייער אַ שלעכטער מענטש: ער האָט קיין אָרעמאַן אויף דער שוועל נישט אַרײַנגעלאָזט, אויף קיין קהלשע זאַכן קיין פּרוטה נישט געגעבן, קיין גוט פּנים אַפילו נישט געוויזן. עטלעכע יונגעלייט, וואָס ס'איז זיי אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט דעם פּאַרשוין, האָבן דערציילט וועגן אים הערשלען און געזאָגט:

— אַנו, הערשל, באַווײַז אַ קונץ, מיסט דאָך אַ קלוגער, לאָמיר זען, רייס בײַ אים אויס צפּעס.

— הערשל באַטראַכט די זאַך און ענטפערט:

— איך וועט זיך מיט אײַך אויף יצען קערבלער, אַז איך נעם בײַ אים אַ פּעסל בראָנפן פאַר פינף קאָפּיקעס.

די יונגעלייט האָבן נישט געגלייבט, נאָר זיי האָבן מסכים געווען אויפן וועט, זיי זענען געווען זיכער, אַז ער וועט פאַרשפּילן.

— איצט — מאַכט הערשל — קומט מיט מיר צו דעם בראָנפן־הענדלער, איך דאַרף אײַך פאַר עדות.

מען קומט צו גיין אויפן אָרט, ווענדעט זיך הערשל צום באַלעבאָס בזה הלשון:

איך האָט אוודאי וועגן מיר געהערט.
איך בין, דאַרפט איר וויסן, נישט אַבי ווער,
איך בין הערשל, אַ קבצן און אַ ווערטלזאָגער,
קיינער קאָן זיך אויף מיר נישט באַקלאָגן.
איך האָב ליב דאָס פריילעכע וואָרט,
סע זאָל זיין צו דער צייט און אויפן אָרט.
נאָר איצט איז מיר זייער ביטער:
דער קוליש איז, ווי וואַסער, שיטער,
איך בין אין אַ שרעקלעכער נויט,
סע פעלט מיר דאָס שטיקעלע ברויט.
איר זייט, זאָגט מען, נישט קיין רשע,
האָב איך צו אייך אַ בקשה:
אַ פעסל בראָנפן גיט מיר אויף באָרג,
און האָט נישט קיין צרות, קיין זאָרג,
איך וועל אָפּליזן, עפּעס פאַרדינען,
איר וועט דאָס געלט מיט אַ מצווה געווינען.

דער בראָנפן־הענדלער האָט אָנגעקוועלט פון הערשלס וואָרט רעדן, נאָר פון אויספירן די בקשה וויל ער אַפילו נישט הערן. הערשל האַלט אים אין איין בעטן, ביז ער לייגט אים פאָר צאָלן טייערער פאַרן בראָנפן, ווי עס שטייט די פרייז: אָנשטאָט פיר קאָפּיקעס אַ קוואָרט נאַנצע פינף קאָפּיקעס. דערהערט אַזאַ גאָלדענע פרייז, האָט דער גביר נישט אויסגעהאַלטן און האָט אים געגעבן דאָס פעסל בראָנפן. ביים אַוועקגיין רופט זיך אָן הערשל צו זיינע באַלייטערס:

— זייט=זשע געזונט, מיינע ליבע יונגעלייט, אַזוי ווי איך וועל אָפּלייזן פאַרן בראָנפן, ברענג איך אָפּ דאָס ליידיקע פעסל און דאָס געלט לויט דער פּרייז, ווי מיר האָבן געריידט, פינף קאָפּיקעס אַ קוואָרט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום געפינט הערשל די חברה און זאָגט זיי אָן די בשורה:

— קומט, איך גיי זיך צערעכענען, וועט איר מיט אייערע אויגן זען, אַז איר האָט פאַרשפּילט.

זיי גייען און זענען שוין משׂעקאַווע צו וויסן, וואָס האָט דאָ הערשל אויפגעטאָן. הערשל עפנט די טיר מיט אַ ברייטן גוט=מאָרגן.

איר וואַרט שוין מסתמא אויף מיר גאַנץ לאַנג,
איך האָב אייך געבראַכט היינט חוב מיט אַ גרויסן
דאַנק.

מיט די ווערטער דערלאַנגט ער דעם בראָנפן=הענדלער דאָס ליידיקע פעסל און פינף קאָפּיקעס מזומנים. יענער ווערט אַנגעצונדן:

— וואָס גיט איר מיר פינף קאָפּיקעס? איר מאַכט חוזק פון מיר?

דערציילט אים הערשל אַ מעשה:

איך האָב מיין וואָרט נישט געמיינערט קיין האָר,
ערלעך געהאַלטן, אויף מיר אַזאַ יאָר...
דאָס פעסל בראָנפן האָב איך אַהיים געבראַכט
און האָב מיט מיין ווייב די זאַך באַטראַכט:
פינף מיט אַ האַלבער קאָפּיקע אַ קוואָרט צו
לייזן;

און קיינעם נישט באָרגן אַפילו מיט ביין,
אַמאָל וועל איך פאַרקויפן, אַמאָל
וועט זי אויף זיך נעמען דעם עול.
כּך־הווה, אויפן צווייטן פרימאָרגן,
איך שטאַרב אַ טרונק, וועל איך גיין באָרגן?
צי אפשר גאָר נעמען אומזיסט
און די פּרנסה מאַכן צו נישט?
האָב איך איר מזומנים געגעבן
און האָב זיך דערהאַלטן ביים לעבן.
שפּעטער האָט זיך מיין פּלוניתטע דאָס געמי־
לעכע פאַרוואָלט,
האָבן זי גענומען אַ טרונק בראָנפן און מיר באַ־
צאָלט.

די קאָפּיקעס גייען אַהין און צוריק,
מיר טרינקען בראָנפן מיט מזל און גליק
און צאָלן מזומן. וואָס דאַרפט איר בעסער?
ביז וואַנען ס'איז ליידיק געוואָרן דאָס פעסל...
איז נאַט אייך דעם גאַנצן פדיון אָפּ,
גאָר איין האַלבע קאָפּיקע נעם איך אַראָפּ.
אייך ווייזט זיך אויס, אַז ס'איז ווייניק דער קרן,
נאָר אַנדזער פּרנסה איז אויך נישט מעריער...

---

## ער האַלט גוט צו דעם וויין

אין אַ יאָר, ווען עס זענען נישט געראָטן די וויינ־
טרויבן, האָבן די וויינשענקערס שטאַרק געהעכערט די
פרייזן אויף וויין און געמאַכט דאָס שיינע קערבל. איי־

נער אַ ווײַנשענקער האָט זיך גאָר געהײסן אָפּגילטן פֿאַר יעדער אָקער ווײַן, ער האָט אָנגעגרײט ווײַן פֿון פֿאַראַיאָרן און האָט געשינדן די הויט. דערבײַ פֿלעגט ער אַלעמאָל איבערחזרן:

— איך שטײ נישט אין קײן קונים, איך וויל גאָר נישט פֿאַרקויפֿן. איצט איז אַזאַ צײַט, וואָס מען דאַרף דעם ווײַן צוהאַלטן, אָבער גוט צוהאַלטן!

דער עולם איז געווען אויף אים שטאַרק אויפֿגע־בראַכט און געבעטן הערשלען, ער זאָל אים אָפּטאָן אַ שפּיצל, ווי ער האָט פֿאַרדינט. הערשל איז תּיכּף מסכּים געווען און זאָגט:

— ווייסט איר וואָס? איך וועל אַזוי מאַכן, אַז מיר וועלן אויסטרינקען עטלעכע פֿײַנע אָקעס ווײַן אָן אַ קאָפּיקע געלט, און ער וועט דעם ווײַן גוט צו־האַלטן. איר קריגט מיר נאָר טײַערע קלײדער און אַ גוטן פֿאַראַסאָל מיט אַ רײַזע־טאַש.

מען האָט אים אַלצדינג געקריגן. ער האָט זיך אי־בערגעטאָן אַזוי, אַז ס'איז גאָרנישט געווען צו דערקע־נען, גענומען מיט זיך עטלעכע יונגעלײַט און איז אַוועק צו יענעם ווײַנשענקער. די יונגעלײַט האָט ער געלאָזט אינדרויסן, און אַלײן איז ער אַרײַן אין ווײַנשענק.

— אַ גוט־מאָרגן, איך בין אַ באַוווסטער ווײַן־מע־כאַניקער — האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן באַלע־באָס — איך קאָן פֿײַן שלעכטן ווײַן מאַכן גוטן און פֿײַן גוטן — נאָך בעסערן.

דער ווײַנשענקער האָט זיך דערפֿרײט:

— זענט איר אויף לאַנג געקומען?

— גיין, איך פאָר באַלד אַוועק, האָב איך געוואָלט אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך אין די היגע שענקען.

— איז אפשר וואָלט איר מיך עפּעס אויסגעלערנט, ווי אַזוי צו מאַכן טייערער דעם וויין?

— אך, פאַרוואָס נישט? קומט אַראָפּ אין וויינקעלער, וועל איך אייך דערציילן...

זיי זענען אַראָפּ אין וויינקעלער. הערשל האָט גענומען אַן עגבער, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך אין רייזע־טאַש, אויסגעדרעליעוועט אַ לאָך אין איין פאַס, אַ פּרוו געטאָן דעם וויין, געזאָגט מבינות און געהייסן דעם וויינשענקער צוהאַלטן דערוויל מיט דער האַנט די לאָך. דערנאָך האָט ער דאָס זעלבע געטאָן ביי אַ צווייטער פאַס און געהייסן אים צוהאַלטן די לאָך מיט דער צווייטער האַנט. אַוועקגעשטעלט דעם באַלעבאָס ביי די צוויי פעסער וויין, האָט ער גענומען עטלעכע ליידיקע בוטליעס, אָנגעגאָסן אין זיי וויין און, רעדנדיק אַזוי מיטן וויינשענקער, ווי ער וועט באַלד פאַרריכטן דעם וויין, זאָל ער נאָר האָבן געדולד און צוהאַלטן די לעכער, האָט ער זיך פּאַוואָליניקע אַרויסגעשאַרט דורך דער הינטער־טיר אינדרויסן.

— נו, יונגעלייט — האָט הערשל פריילעך אַ זאָג געטאָן — קומט אויסטרינקען די בוטליעס וויין. קאָסטן קאָסט ער מיך גאָרנישט. איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב קיין קאָפּיקע נישט ביי דער נשמה.

זיי זענען אַוועק, געמאַכט אַ כּוסה און זיך אומגעקערט צוריק צום וויינשענק.

— איצט קומט אַריין — האָט הערשל געזאָגט — וועל איך אייך ווייזן עפּעס שיינס!

כּל־זמן זיי קומען אַריין אין ווײַנקעלער, דערזעען זיי, ווי דער ווײַנשענקער שטייט נאָך אַלץ בײַ די פּעסער און האַלט צו מיט בײדע הענט די אויסגעדרעליעוועטע לעכעצער. ער האָט דווקא געשריגן, האָט קיינער נישט געהערט, קונים פלעגן קומען צו אים זעלטן: מען האָט שוין געוווּסט, וואָס פאַר אַ משוגענער יקרן ער איז. ווידער — לאָזן אויסרינען אַ ביסל ווײַן, איז ער דאָך קאַרג, איז ער שוין אָן הענט געבליבן האַלטנדיק, און ער וואַרט, ביז עמעצער וועט זיך יאַווען.

— נו, וואָס האָב איך געזאָגט? — איז הערשל צופרידן — ער האַלט גוט צו דעם ווײַן! כ'האָב מורא, אַז עס וועט בײַ אים אָפּפאַלן דער חשק אַזוי גוט צו האַלטן...

## א פאַס ווײַן

הערשל איז זיך פאַרזעסן מיט גוטע־ברידער אין ווײַנשענק און איז געקומען אַהיים שפּעט בײַנאַכט. דאָס ווײַב האָט אויף אים געוואַרט, געוואַרט און זיך סוף־כּל־סוף געלייגט שלאָפן מיט אַ בייז האַרץ אויף הערשלען. ער קלאַפּט אָן אין דער טיר, מען ענטפערט נישט, ער קלאַפּט שטאַרקער, מען שווײַגט, ער דערמאָנט די טיר מיט די לאָדן, זי עפנט נישט, נאָר ער הערט, ווי זי שעלט זיך, למאַי וואַרט ער פאַרפאַלן אין שענק. בעט ער זיך בײַ איר:

— עפן מיר אויף! ס'איז מיר קאַלט צו שטיין... וויפל איז דער שיעור?

— גיי אַהין, פֿון וואַנען דו ביסט געקומען...

הערשל זעט, אַז ס'איז שלעכט, זי מיינט עס אויף דער אמתן, שרייט ער צו איר:

— דו נאַר איינער, עפּן אויף גיכער, איך האָב געבראַכט אַ גאַנצע פֿאַס מיט ווייַן!

— וווּ האָסטו גענומען?

— גוטע ברידער האָבן מיך פֿאַרזאָרגט...

— אפֿשר מאַקע — האָט זי זיך אַ טראַכט געטאָן — האָט עמעצער אים פֿאַר אַ שענקער געמאַכט, און ס'איז אַ פּרנסה־זאַך... אויב אַזוי, איז ער אַ טייערער מאַן, און איך לאָז אים שטיין!?

זי איז מיט שמחה אַראָפּגעלאָפֿן און האָט געעפֿנט די טיר ברייט, עס זאָל קאָנען אַריין די פֿאַס. הערשל האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב.

— וווּ זשע איז דיין פֿאַס ווייַן? — פֿרעגט זי אים.

— וואָס, ביסט בלינד? איך טראָג זי מיט זיך, גאָר בעסער, אין זיך! איך האָב היינט אויסגעטרונקען מער פֿון אַ פֿאַס ווייַן, און דו באַמערקסט גאָרנישט...

---

## אי אָפּגעגעסן, אי אַ מלבוש גענומען

ניִשט ווייט פֿון אָסטראָפּאָליע איז געווען אַ קרעטשמע, וואָס האָט געשטיט אויף דער וועלט, אַז דער קרעטשמער לאָזט קיין אָרעמאַן אויף דער שוועל נישט אַרויף, און אַ דורכגייער קאָרגט ער אַפֿילו אַ לעפֿל קאַלטע וואַסער. הערשל האָט שטאַרק ליב גע־

האָט האָבן צו טאָן מיט אַזוינע קרעטשמערס, זוי מבייש שטעלן און זיי צווינגען ברעכן די אייגענע קאַרג־שאַפט. האָט ער זיך אונטערגענומען און באַרימט זיך פאַר אַלעמען, אַז ער וועט ביי דעם האַזיקן פאַרשוין אי גוטן אָפּעסן, אי אַ מלבוש געמינען. מענטשן האָבן נישט געגלייבט, נאָר אַז הערשל זאָגט, וואַרט מען, וואָס וועט דאָ זיין.

הערשל האָט זיך אַריינגעשאַרט אין קרעטשמע שפּעט אויפדערנאַכט מיט אַ נעבעך־פּנימל:

— אַ גוטן אָוונט אייך, באַלעבאָס... קאַלט, אַן עסעדיקע קעלט אינדרויסן...

דער קרעטשמער האָט זיצט אָנגעבלאָזן:

— וואָס דאַרפט איר, רב קרוב? אַוודאי אַ נדבה? טאָמער איז וויניק שלעפּערס בייטאָג, טראָגט אייך נאָך דער רוח ביינאַכט. גייט געזונטערהייט איך גיב קיין נדבות נישט.

— איך פאַרלאַנג פון אייך קיין נדבה נישט — בעט זיך הערשל — איך מאָן ביי אייך קיין עסן נישט, נאָר איין זאַך וויל איך ביי אייך פּועלן: איך בין זייער מיד פונעם וועג און איבערגעפרוירן, לאָזט מיך איבערשלאָפן די נאַכט אָט דאָ, לעבן אויוון. איר וועט פּשיטא פאַרדינען עולם־הבא...

דער קרעטשמער האָט געזען, אַז ער וועט זיך פון דעם ייִד נישט אָפּטשעפּען. איז ער זיך מיישב, וואָס דערלייגט ער? זאָל דער ייִד איבערשלאָפן די נאַכט.

הערשל ליגט שוין אויפן אויוון און זעט, ווי די באַלעבאָסטע שניידט זיך אָפּ די בעגל, נעמט זיי צונויף

אין אַ פּאַפּירל און וואַרפט דאָס אריין אין אויוון, דערנאָך איז זי אַוועק אין שטאַל, צו די בהמות אַוודאי. דער קרעטשמער איז אויך אַרויסגעגאַנגען. אין אויוון האָט זיך געהייצט. הערשל האָט פאַרשטאַנען, אַז מען קאָכט וועטשערע, נאָר מען וואַרט, ער זאָל אַנטשלאָפן ווערן, וועט מען זיך זעצן עסן. ער האָט שטילינקערהייט אָפּגעזוכט אַ פעדער און אָנגעשניטן מיטן מעסער קליינינקע שטיקעלעך, גלייך ווי נעגל, און איינגעוויקלט עס אין אַ פּאַפּירל און אַריינגעוואָרפן אינעם טאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אין אויוון. אַז די באַלעבאַטים זענען אַריינגעקומען, האָט ער זיך תיכף געמאַכט שלאָפנדיק.

אַז האָט שוין די קרעטשמערקע געגרייט צום טיש, דערלאַנגט די יויך. דער קרעטשמער וויל נעמען עסן, שווימט אין שיסל עפּעס אַ פּאַפּירל. ער שלעפּט אַרויס דאָס פּאַפּירל, צעוויקלט עס, אינעווייניק ליגן נעגל. ווי עס איז איר נישט געווען קיין בזיון, האָט די באַלעבאָסטע זיך געמוזט מודה זיין, אַז זי האָט ערשט אָפּגעשניטן די נעגל און געוואָרפן אין אויוון, זענען זיי, ווייזט אויס, אַריין אין טאָפּ. דער קרעטשמער איז געוואָרן אין כּעס אויפן ווייב, עסן האָט ער שוין נישט געוואָלט, איז געבליבן, מע זאָל אויפוועקן דעם ייִד און אים געבן די יויך.

הערשל האָט זיך נישט געלאָזט בעטן און האָט, נעבער, געמוזט אָפּעסן די פעטע וועטשערע. ביינאַכט הערן די באַלעבאַטים, ווי הערשל טוט אַ געשריי: רוק זיך אַרויף! זיי האָבן זיך דערשראָקן, צו וועמען שרייט עס דער דורכגייער? אפשר האָט ער עמעצן אַריינגע-

לאָזט אין שטוב, און זיי זענען אין אַ סכּנה באַגנבעט צו ווערן. זיי האָבן אָנגעצונדן אַ ליכט, אַרומגעזוכט אין אַלע ווינקעלעך, מען זעט קיינעם נישט, און דער פרעמדער ייד שלאָפט, ווי אַ געהרגעטער. האָבן זיי פאַרלאָשן די ליכט און זיך ווידער געלייגט שלאָפן. אין אַ פערטל שעה אַרום ווידער אַ געשריי: רוק זיך אַראָפּ! מען צינדט ווידער אָן אַ ליכט, מען זוכט, פּוסטע חלומות! שפּעטער אַ ביסל הערט מען, ווי דער ייד שרייט: רוק זיך אַהער! און אַזוי אַ גאַנצע נאַכט: רוק זיך אַרויף, רוק זיך אַראָפּ, רוק זיך אַהער, רוק זיך אַהין!

אינדערפרי פרעגט דער קרעטשמער ביי הערשלען:

— וואָס איז דאָס מיט אייך געווען ביינאַכט? וואָס האָט איר געשריגן?

און די קרעטשמערקע גיט צו:

— סיידן אַ האָמאָוויק האָט זיך זאַנאַדעט?!

ענטפערט הערשל:

— אַז איר וועט מיר שענקען עפּעס אַ וואַרעמען מלבוש, וואָס זאָל זיין אין מיין מאָס, וועל איך אייך דערציילן, וואָס פאַר אַ דאָמאָוויק דאָס איז...

דער קרעטשמער איז געווען גענוג קאַרג, ער איז אָבער געווען נייגעריק צו דערוויסן זיך די געשיכטע, אַ חוץ דעם האָט אים דאָס ווייב נישט געלאָזט רוען. האָט ער געעפנט דעם קאַסטן און געשענקט הערשלען אַ לאַנגן וואַרעמען כאַלאַט.

הערשל האָט גענומען דעם כאַלאַט, אים אָנגעטאָן און געזאָגט:

— הערט מיך אויס מיט קאָפּ. די משעה איז אַ קורצע, נאָר איר וועט זי האָבן צו געדענקען. איך טראַג, ווי איר זעט, אַן אַלט ציצרים פּעלצל, דערצו איז דאָס נאָך קורץ. עס דינט מיר אויך פאַר אַ קאָלדרע. האָב איך דערמיט צרות: אַז איך דעק צו די פיס, ווערט מיר קאַלט אין פּלייצע, שריי איך צו דעם: רוק זיך אַרויף... דערוואַרעם איך די פּלייצע, ווערט מיר קאַלט אין די פיס, שריי איך: רוק זיך אַראָפּ... ווערט מיר פאַרקילט אַ זייט, שריי איך שוין גאָר: רוק זיך אַהער, רוק זיך אַהין... היינט, אַז איך האָב אַ לאַנגן און ווערעמען כאַלאַט, וועל איך פאַרשפּאָרן צו שרייען, און איר וועט פטור ווערן פונעם דאַמאָוויק.

אַזוי האָט הערשל אָפּגעגעסן ביים קאַרגן קרעטש־מער און נאָך גענומען אַ מלבוש ביי אים.

## איך וועל מוזן טאָן, וואָס מיין טאַטע האָט געטאָן

הערשל איז געווען אין וועג און האָט זיך אָפּגע־שטעלט אין אַ קרעטשמע אויף נאַכטלעגער. מער קיין אורחים זענען גראָד נישט געווען, דער באַלעבאָס איז אויך נישט געווען אינדערהיים, נאָר די קרעטשמערקע מיט די קליינע קינדערלעך. הערשל בעט ביי איר עפּעס עסן. זי זעט דאָך אָבער, אַז ער איז אַן אָרעמאַן, און אַ „גוטע נשמה" איז זי געווען, זאָגט זי אים אָפּ. הערשל האָט מיט איר קיין לאַנגע שהיות נישט גע־מאַכט, ער האָט בלויז געזאָגט:

— איר ווילט מיך קיין עסן נישט געבן... נו, נו, וועל איך מוזן טאָן, אַזוי ווי מיין טאַטע האָט געטאָן...

דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען איבער דער שטוב און רעדט די גאַנצע צייט צו זיך אַליין:

— יאָ, איך זע שוין, אַז איך וועל מוזן טאָן, אַזוי ווי מיין טאַטע האָט געטאָן. עס וועט גאָרנישט העלפֿן, איך וועל מוזן טאָן, אַזוי ווי מיין טאַטע האָט געטאָן...

די קרעטשמערקע הערט, ווי ער חזרט איבער איינע און די זעלבע ווערטער, האָט זי זיך דערשראָקן.

— ווער ווייסט, וואָס זיין טאַטע האָט געטאָן? — טראַכט זי זיך און דאָ איז זי איינע אַליין אין שטוב, און מען שטייט אין אַ פֿעלד. האָט זי זיך איינגעשטעלט און אים געפֿרעגט:

— איך בעט אייך, וואָס האָט אייער טאַטע אַזעלכעס געטאָן?

ער שווייגט און מורמלט אַלץ די זעלבע ווערטער. די קרעטשמערקע האָט זיך שוין גוט דערשראָקן. זי האָט אויף גיך געגרייט צום טיש און אים געבעטן, ער זאָל גיין עסן. נאָך דער וועטשערע פֿרעגט זי אים:

— אָבער איצט מעגט איר מיר שוין זאָגן, וואָס אייער טאַטע האָט געטאָן.

— מיין טאַטע — האָט הערשל שטיל געענטפֿערט — מיין טאַטע... אַז ער האָט נישט געהאַט קיין וועטשערע, האָט ער זיך געלייגט אַ הונגעריקער שלאָפֿן...

## איינער בויט, און דער אַנדערער וווינט

אַז אויפגעקומענער גביר האָט זיך געבויט אַ נייע שטוב, האָט זיך אים פאַרגלוסט ריבן הערשלען פאַר אַ מבין און בעת־מעשה זיך באַרימען מיט זיין עשי־רות. הערשל איז געקומען, באַטראַכט אַלץ, און ס'איז אים גישט געפעלן: דאָרט, וווּ ס'איז געווען דער זאַל, האָט מען, לויט זיין פאַרשטאַנד, גאָר געדאַרפט שטעלן די קיך. דער באַלעבאָס האָט אים געפרוווט דערווייזן, אַז דער פּלאַן איז גוט געמאַכט, אָבער הערשל האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז עס מוז זיין נאָר אַזוי, ווי ער האָט געזאָגט. רופט זיך אָן דער באַלעבאָס:

— איך בעט דיך, וואָס האָסטו מיר צו זאָגן! אַ דעה, ווו איך זאָל שטעלן די קיך, אָדער דעם זאַל?

ענטפערט הערשל:

— די וועלט זאָגט אַ ווערטל: איינער בויט, און דער אַנדערער וווינט. ווער ווייסט, אפשר וועט מיר אויסקומען דאָ צו וווינען, וויל איך, אַז מען זאָל בויען, ווי איך פאַרשטיי, לויט מיין גוסט.

---

## ווייס, אויסגעשטערנט און פרעסט

הערשל האָט געדאַרפט נייטיק האָבן צו איינעם אַ גביר, נאָר מען האָט אים נישט אריינגעלאָזט. ער האָט זיך לאַנג געאַמפּערט מיט די דינער, ביז ער האָט זיך מיט געוואַלד דורכגעריסן אין שטוב אַריין. דאָרט האָט ער דערזען זיצן ביים טיש דעם גביר אַליין, אַז

עלטערן מענטש מיט אַ ווייסער באָרד און אַ הויכן שטערן. ער איז געווען פאַרטיפט אין אָנבייסן און לח־לוטין נישט געלייגט קיין אַכט אויף הערשלען. ווייזט אויס, אַז ער האָט געהערט דאָס אַמפּערניש ביי דער טיר, און ס'האָט אים פאַרדראָסן, איז ביי אים געבליבן נישט אומצוקוקן זיך אויפן גאַסט. הערשל שאַרט מיט די פיס, עס העלפט נישט, ער הוסט, עס העלפט נישט, ער טוט אַ הילכיקן קלאַפּ מיט דער טיר, עס העלפט נישט. בלייבט ער שטיין אַ רגע פאַרטראַכט און שרייט אויס נישט מיט זיין קול:

— געוואַלד, וואָס זע איך? אינמיטן זומערדיקן טאָג אַ ווינטערדיקע נאַכט!

— וואָס הייסט דאָס? — האָט נישט אויסגע־האַלטן דער גביר.

— טוט אַ קוק — שרייט הערשל און ווייזט אויפן באַלעבאָס — ווייס, אויסגעשטערנט און פרעמט!

---

# א מעשה מיט א דימענט

הערשל איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָט, ווו עס האָט געוווינט אַ ייד אַ גביר און אַ שרעקלעכער קמצן. מיט זיין קמצנות האָט ער זיך כלל נישט געשעמט. די קאַרגשאַפט איז געווען אויף אַזויפיל גרויס, אַז ער האָט קיינמאָל קיין אורח אויף שבת נישט גענומען. נישט איין אורח האָט ער דורכגעטריבן, און מען האָט

שוין צו אים קיינעם נישט געשיקט. הערשל איז אָבער געווען אַ גרויסער בריה אויף אַזעלכע פּאַרשוינען, האָט ער זיך אונטערגענומען האַלטן בײַ דעם גביר שבת און נאָך אַ פּאָר טעג פֿאַר שבת. ווען ער האָט דערציילט עטלעכע באַקאַנטע יונגעלײַט וועגן זײַן ווילן צו ברעכן דעם גבירס געוווּנהייט, האָבן זיי זיך אויסגעלאַכט פֿון אים.

— איר קענט אים נישט — האָבן זיי אײַנגעטענהט מיט הערשלען — איר האָט נאָך אַזעלכעס נישט באַגעגנט. גלייבט אונדז, אַז עס איז אומזיסט אייער טירחה.

— וואָס אַרט עס אײַך — האָט זיך הערשל בײַ זיי געבעטן — איך וויל אים אָפּלערנען, און איר זייט מיר בײַהילפֿיק. איר קריגט מיר אַ נײַע קאַפּאָטע מיט אַ פּאָר שיינע שטיוול, מיט אַ גוטן רייזע-טאַש, און ווײַטער זאָל אײַך נישט אַרן. איר וועט שוין זען דאָס פּאַרטיקע.

די יונגעלײַט האָבן אים צוליב געטאָן און האָבן אים צוגעשטעלט אַלץ, וואָס ער האָט געפֿאָדערט. דער גביר פֿלעגט עטלעכע טעג אין דער וואָך זײַן אין וועג און אויף שבת שטענדיק קומען אַהיים. הערשל האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, ווען דער גביר איז אָפּגעפֿאָרן, און איז אַוועק צו זײַן ווײַב. דאָס איז געווען מיטוואָך בײַטאָג. דאָס ווײַב איז געווען אַזוי גוט, ווי דער מאַן, האָט זי לכתחילה גאָרנישט געוואָלט רעדן מיט אים, נאָר הערשל איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון איר, און זי האָט געמוזט אים אויסהערן.

— איך קום אָן פֿון ווייטע מקומות — האָט איר הערשל געזאָגט — איך בין אַ רייזנדיער סוחר, און איך דאַרף זיך אָנפֿרעגן וועגן אַ געשעפֿט, וואָס מען קאָן אין איין טאָג גליקליך ווערן דערביי.

דערהערט אַזאַ זאַך, איז די פֿרוי זייער נייגעריק געוואָרן צו דערוויסן זיך, ביי וואָס קאָן מען עס אין איין כהרף־עין גליקלעך ווערן. הערשל האָט זיך לאַנג געקווענקלט און איר נישט געוואָלט זאָגן, איז זי נאָך מער נייגעריק געוואָרן און איז צוגעשטאַנען צו אים, האָט אים געבעטן צום טיש און אים אויפֿגענומען מיט לעקעך און בראָנפֿן. הערשל האָט איר פֿריער די נשמה אַרויסגענומען, דערנאָך האָט ער, ווי אומגערן, אַ פֿרעג געטאָן:

— איך בעט אייך, אַזאַ דימענט, ווי דאָס גלעזל בראָנפֿן אויפֿן טיש, וואָס קאָן ער די ווערט האָבן?

און האָט זיך תיכף פֿאַרכאַפּט:

— מען האָט מיר אין שטאָט געזאָגט, אַז אייער מאַן איז אַ מבֿין אויף איידלשטיינער און איז אַן ערלעבער מענטש דערצו... האָב איך געוואָלט... איר פֿאַרשטייט מיך? מער קאָן איך נישט רעדן, מער טאָר איך נישט רעדן...

מער האָט ער שוין נישט באַדאַרפֿט רעדן. דאָס ווייבל איז צוגעזאָגט געוואָרן. הערשל האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר זי האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט, ווייל זי האָט מורא געהאַט, טאָמער פֿאַלט אַריין דער דימענט צו אַן אַנדער סוחר.

— איך האָב זאָגט ער — זיך אָפּזוכן אַ פּייגע אכסניא, איך וויל אייך נישט זיין צו לאַסט.

— וואָס טויגן אייך אכסניות? זייט ביי אונדז און גלייבט מיר, אַז איר וועט זיך פילן, ווי ביי זיך אינדערהיים.

קוים מיט צרות האָט זי ביי אים געפּועלט, ער זאָל בלייבן.

די עטלעכע טעג ביז שבת איז הערשל געווען ביים גביר אויף אַלעם גרייטן און אויף אַלעם בעטן. פרייטיק איז דער באַלעבאָס געקומען אַהיים, האָט אים דאָס ווייב תיכף אָפּגערופן אין אַ זייט און אים איינגערוימט אַ סוד וועגן דעם טייערן גאַסט און וועגן דעם גליקלעכן געשעפט, וואָס עס שטייט זיי פאָר. דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט, דער גביר האָט געפּרווט אַ שמועס טאָן מיט הערשלען, האָט ער אים געזאָגט, אַז שבת רעדט מען נישט קיין חברי־חול. מוז מען וואַרטן. מען האָט אָפּגעפּראַוועט די פרייטיקדיקע וועטשערע, דעם שבתדיקן וואַרעמס. שבת־צונאַכטס נאָך הבדלה רופט דער גביר אַריין הערשלען צו זיך אין אַ חדר מיוחד און זאָגט אים:

— מיין ווייב האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איר האָט זיך אָנגעפּרעגט וועגן דער פּריז אויף אַזאַ און אַזאַ דימענט, איז לאָמיר אַ קוק טאָן אויף אים, אפשר וועלן מיר אויף אַ פולע וואָך מאַכן אַ געשעפט?

— אייער ווייב האָט מיך נישט פאַרשטאַנען — האָט הערשל געענטפערט — קיין דימענט האָב איך נישט, נאָר אַזוי ווי איך פאָר כסדר אַרום און קויף אויף פאַרשידענע סחורות, איז טאָמער מאַכט זיך מיר אַזאַ סאָרט דימענט, דאַרף איך דאָך וויסן די ריכטיקע פּריז, און אַזוי ווי איר זענט אַ מבין און

אַז ערלעכער מענטש, בין איך געקומען צו אייך. וועל איך נאָר אַנטרעפן אויף אַזאַ דימענט, בין איך אייך מבטיח, אַז איך וועל אים ברענגען צו אייך.

---

## הערשל בענטשט

הערשל איז געווען אין וועג, איז אים אויסגעקומען צו בלייבן נעכטיקן אין אַ דאָרף. דער וועטער איז געווען אַ שלעכטער, און ער האָט געמוזט זוכן אַ דאַך איבערן קאָפּ. האָט ער זיך אָנגעפרעגט, ווו דער אַרענדאַר וווינט, און האָט אָנגעקלאַפּט צו אים. דער אַרענדאַר האָט אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן, האָט אים הערשל געזאָגט:

— לאָזט מיך אַריין נעכטיקן, וועל איך אייך בענטשן.

דער ייד האָט זיך באַקלערט און רופט הערשלען:

— אַן עק! איך וועל אייך לאָזן איבערנעכטיקן, נאָר פריער בענטשט. איך קאָן אייך, די שלעפּערס, נאָכדעם וועט איר חרטה האָבן.

— איך וויל אייך בענטשן מיט דריי זאַכן — ענטפערט הערשל. — ערשטנס, איר זאָלט ליגן אַ הילצערנע פּאָדלאָגע אין שטוב, צווייטנס, איר זאָלט קיינמאָל נישט שטאַרבן, און, הדריטנס, אַז איר וועט שוין יאָ אַמאָל שטאַרבן, זאָל מען אייך ליגן לעבן מיר.

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס איר מיינט מיט די ברכות — איז זיך מודה דער ייד.

— אַז איר וועט מיר געבן אַ גוטן נאַכטלעגער

און וועט נישט זשאַלעווען קיין וועטשערע, וועל איך אייך אינדערפרי פּותר־חלום זיין.

דער ייד האָט שטאַרק געוואָלט וויסן הערשלם מיין, האָט ער אים אַריינגעפירט אין קאַמער, געגעבן אַ ביסל היי אויף אויסצושפּרייטן און אים אַריינגעשיקט אַ שטיק ברויט מיט ציבעלע.

אינדערפרי, הערשל קלייבט זיך אין וועג אַריין, דער אַרענדאַר איז דאָ:

— נו פעטער, וואָס הערט זיך מיטן בענטשן?

דערקלערט אים הערשל:

— אייער גוט האַרץ האָב איך נעכטן אַרויסגעזען, קאָן איך אייך אַצינד זאָגן די טייטש פון די ברכות: אַ הילצערנע פּאָדלאָגע זאָלט איר לייגן אין שטוב, ווייל איר האָט נישט די ווערט, וואָס די ערד טראָגט אייך. איר זאָלט קיינמאָל נישט שטאַרבן, ווייל אַזאַ מענטש, ווי איר, איז גאָר קיין מענטש נישט, דאַרף ער פּגרן. און אַז איר וועט שוין פּגרן, ווינטש איך אייך, מען זאָל אייך לייגן לעבן מיר, כדי מיינע ווערים זאָלן אייך עסן, נישקשה, זיי וועלן ביי אייך האָבן מער וואָס צו עסן, ווי ביי מיר. און אַז אַלץ וועט מקוים ווערן, וועט איר אַ סימן האָבן, אַז איך בין גערעכט געווען.

---

# געשטאָרבן

אין אַ שטעטל האָט געלעבט אַ גביר, זייער אַ קאַרגער און פאַרדאַרבענער מענטש. ער איז אָבער געווען אַ קלוגער און האָט זיך געקאָנט גוט פאַרמאַסקירן, אַזוי אַז פרעמדע מענטשן זאָלן מיינען, אַז ער איז גאָר אַ גוטהאַרציקער. אויף שבת פלעגט ער נעמען אַן אורח, גאָר אַך־און־וויי איז שוין געווען צום אָרעמאַן, וואָס איז צו אים אַריינגעפאַלן. ער פלעגט אים דווקא זעצן פון אויבן אָן, אים כלומרשט אָפּגעבן כבוד, נאָר אַז עס איז געקומען צום עסן, פלעגט ער אים אָנהייבן אויספרעגן, פון וואַנען ער איז, וועמען קען ער אין פאַרשיידענע שטעטלעך, וואָס טוט זיך ביי דעם, ביי יענעם, וואָס הערט זיך בכלל אויף דער וועלט. ער האָט געקענט די גאַנצע געגנט און אומעטום האָט ער געפירט געשעפטן, האָט ער געהאַט וועגן שטאָף, וועגן וואָס צו רעדן. דער אורח האָט געמוזט ענטפערן באריכות. דער גביר האָט געהערט און געשמאַק געגעסן. אַז עס איז שוין כמעט גאָרנישט געווען אויבן טיש, פלעגט ער זיך פּלוצעם אַ כאַפּ טאָן: — וואָס עסט איר נישט, איר האָט דאָך גאָרנישט געגעסן, איי־איי, זיך פאַררעדט און אין עסן פאַרגעסן... וואָס האָט דער גאַסט געזאָלט טאָן? זאָגן אַ דאַנק און גיין צו הונגעריקער שלאָפן און פאַרזאָגן אַ צענטן נישט זיין קיין אורח ביי דעם האָזיקן באַלעבאָס.

טרעפט אַ מעשה, הערשל פאַלט אַריין פונקט אין דעם שטעטל און דערוויסט זיך וועגן דעם גביר און זיינע שטיק. בעט ער פרייטיקצונאַכטס דעם שמש אין

שול, ער זאָל אים אַריינשטעלן אויף שבת נאָר צו דעם פאַרשוין און נישט צו קיין אַנדערן. דער שמש האָט אים געפּרוּווט אָפּרעדן, פאָרגעלייגט אים אַ בעסער אָרט, הערשל וויל פון גאָרנישט הערן. האָט דער שמש אים צוליב געטאָן און אויסגעפירט זיין בקשה.

הערשל איז געגאַנגען פון שול מיטן גביר אַהיים. מען האָט זיך געזעצט צום טיש. דער באַלעבאָס האָט געגעבן הערשלען אַן אָרט פונקט אַנטקעגן זיך, נאָכ־דעם האָט ער אים באַקאַנט מיט די בני־בית, אַלץ אַזוי שיין און פיין און בנעימותדיק. מען האָט געמאַכט קידוש, און די קעכנע האָט אַריינגעטראָגן אַ גרויסן פאָלומעסיק שמעקנדיקע פיש. אַלע האָבן אויסגעצויגן די גאָפּלען נעמען זיך אַ חלק, נאָר מען האָט דרך־ארץ און מען וואַרט, דער פאָטער זאָל אָנהייבן. דער גביר קלייבט זיך אָפּ אַ פעטן קאַרפּן־קאָפּ, שטעקט אַריין העם גאָפּל און בלייבט שטיין, פאַרטראַכט זיך אַ רגע און פרעגט ביי הערשלען:

— פון וואַנען קומט איר, פעטער?

— פון כמעלניק — ענטפערט הערשל.

— פון כמעלניק? קערט איר אוודאי קענען שעיה דעם פּראָמילניק. וואָס מאַכט ער עפּעס, ווי גייט עס אים?

— שעיה דער פּראָמילניק? — פרעגט איבער הערשל — ער איז געשטאָרבן!

אָפּגעזאָגט און געגומען אַ גרויס שטיק פיש.

— געשטאָרבן? הערסט, מלכה? — שרייט דער גביר צום ווייב, — שעיה, אַן אַלטער פריינד מיי־נער, ער האָט געלאָזן אַ גרויסע אפּותיקא, עס וועט

שוין ווערן אַ תּכלית פון זיין מאַיאָנטעק. די איינציקע האָפענונג איז אויפן עלטערן זון, וואָס מאַכט ער עפעס, חיים?

— וועלכער חיים?

— שעיהס עלטערער זון, חיים! דער, וואָס האַלט די אַרענדע...

— חיים? פון דער אַרענדע? געשטאָרבן!

אָפּגעזאָגט און גענומען זיך אַ צווייט שטיק פיש.

— געשטאָרבן? ווי איז מיר, ער איז מיר שול־דיק אַ ממון מיט געלט, איך בין אומגליקלעך, איך בין אויסגעשטעלט. און חיימס שותף, ירחמיאל דער וויניצער, איז געבליבן ביי דער אַרענדע?

— וועלכער ירחמיאל?

— ירחמיאל דער וויניצער, אַ גרויסער ייד, אַ שוואַרצער, ווער קען נישט אין כמעלניק ירחמיאלן, חיימס שותף?

— אָ, זאָגט זשע אַזוי, אַ גרויסער, אַ שוואַרצער! איך קען אים.

— וואָס הערט זיך ביי אים?

— וואָס זאָל זיך הערן? ער איז געשטאָרבן!

— געשטאָרבן? ירחמיאל איז אויך געשטאָרבן? מלכה, מיין געלט איז פאַרפאַלן!

הערשל עסט הערינג, און דער גביר כאַפּט זיך און קאָן צו זיך נישט קומען.

— פעטער — פרעגט ער ווייטער, און האָט קול ציטערט אים — אפשר ווייסט איר, וואָס טוט שעיהס ברודער, אַברהם דער געוועזענער?

— וועלכער אברהם?

— אברהם פונעם געוואגט. ער וווינט ביים טייך.

— ער האט אן אייגענע דירה?

— וואס איז די נפקא־מינה — און אייגענע, א פרעמדע דירה? איר קענט אים?

— איך האב אים געקענט, ער איז געשטארבן.

— וואס ושע? גאנץ כמעלניק איז געשטארבן — איז דער גביר אויסער זיך.

— בשעת איך עס, איז די גאנצע וועלט גע־שטארבן — עגטפערט הערשל, — און איר האט זיך פארערדט און אין עסן פארגעסן...

---

## א מזומן אויף יענער וועלט

הערשל איז געקומען אין א שטאט. האט מען אים איין אכסניא דערציילט, אז דא וווינט א גביר, וואס איז שרעקליך פרום, קריכט נישט ארויס פון קלויז, איז אפגעהיט אין אלע מצוות, נאר אלץ ביז צו דער קעשענע, קיין נדבה, קיין שטיצע ארעמעלייט, קיין קאפיקע אויף קהלשע זאכן. וויבאלד עס שמעקט מיט געלט, טרייסלט ער זיך אפ. אזא פארשוין האט פאראינטערעסירט הערשלען, און ער האט ביי זיך געפועלט, אז ער מוז ביי אים נעמען א נדבה.

ער קומט ארויף צום גביר און בעט געלט, וויל יענער אפילו נישט הערן:

— איר זייט נישט קיין היגער? איר ווייסט נישט, אז איך גיב נישט קיין נדבות?

— מילא נו. האב איך נישט געטראפן. איך זע

אָבער אַרויס, אַז מען וואַרט אויף אייך מיט בענטשן מזומן.. איר זענט דאָך אַן ערלעכער ייד...

— ווו? ווער וואַרט?

— אויף יענער וועלט — טוט אַ זאָג הערשל און לאָזט זיך גיין.

דער גביר האָט אים אומגעקערט און וויל זיך דערוויסן, וואָס מיינט ער מיטן בענטשן. האָט הערשל געהייסן זיך געבן פריער די נדבה, וועט ער אים דערקלערן. באַקומען די פּאָר גילדן, האָט ער אים צוליב געטאָן און דערציילט אַזאַ מעשה:

אַמאָל איז געווען אַ גרויסער נגיד, נאָר טאַקע אַן אַדיר, און זייער אַן ערלעכער: געדאַוונט, געפאַסט תעניתים, געזאָגט תהילים, געהאַלטן פון אַלע דינים, אַ חוץ צדקה. מצוות, וואָס זענען פאַרבונדן מיט געלט, האָט ער נישט געטאָן. אַז ער האָט געדאַרפט שטאַרבן, האָט ער געשיקט רופן דעם רב און האָט אָנגעזאָגט:

— רבי, איך וויל, אַז מיין גאַנץ געלט, דאָס גאָלד און זילבער, זאָל מען מיר מיטגעבן אין קבר אַריין.

דער רבי האָט געזען, אַז מען זאָל זיין פאַרלאַנג אויספילן. נאָך קבורה איז געקומען דער מלאך און פרעגט דער נגיד, וואָס האָט ער אַזעלכעס אויפגעטאָן אויף דער וועלט. הייבט ער אָן איבעררעכענען, אַז ער האָט אַזוויפיל געדאַוונט, אַזוויפיל געפאַסט, שלאָגט אים איבער דער מלאך:

— און צדקה, שטיצע קבצנים?

— דאָס נישט — ענטפערט דער נגיד — נאָר איך האָב געבראַכט מיין גאַנצן מאַיאָנטעק מיט זיך, אָט איז ער אין קבר.

מען האָט באַטראַכט פֿון אויבן, אַז קיין גן־עדן האָט ער נישט פֿאַרדינט, קיין גיהנום קומט אים נישט: ער איז פֿאָרט געווען פֿרום, איז זאָל ער בלייבן אין דער ערד. איצט מאַכט אַ חשבון: קורח איז אויך אַריין אין דער ערד מיט אַלע זיינע אוצרות, האָבן מיר שוין צוויי, כּדי צו בענטשן מזומן, דאַרף מען דריי, איר האָט פֿאַרדינט צו זיין דער דריטער... מע וואַרט אויף אייך.

---

## א מעשה אויף א מעת־לעת

מען האָט הערשלען איבערגעגעבן, אַז אין אַ שטעטל איז דאָ אַ גביר, וואָס האָט ליב צו הערן מעשיות, און ווער עס דערציילט אים אַ שיינע מעשה, איז ביי אים נושא־חן און קאָן אַ סך פּועלן. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז הערשל איז געווען אין דעם שטעטל, האָט זיך דערמאָנט און איז אַוועק צום גביר און זיך פֿאָרגעשטעלט:

— איך בין הערשל אָסטראָפּאָליער, מסתּמא ווייסט איר וועגן מיר, וועגן אייך האָט מען מיר געזאָגט...

— געזאָגט — געשמאָגט — האָט אים איבערגעשלאָגן דער גביר — איר האָט אַ מעשה צו דערציילן, דערציילט, נישט, גייט אייך געזונטערהייט! איך האָב ליב, אַז עס מעלקט זיך...

— איך האָב אַ מעשה אויף אַ מעת־לעת.

— אַ מעת־לעת כסדר?

— מיט הפסקות...

— דערציילט, איך הער...

— אַמאָל זענען געווען צוויי ברידער, איינער אַ רייכער, און דער אַנדערער אַן אָרעמער. דער רייכער פלעגט פון צייט צו צייט העלפן דעם אָרעמען, דערנאָך איז דאָס אים נמאס געוואָרן: אַ לעבעדיקן זאַק קאָן מען דען אָנשטאָפן? אַזוי האָט ער געטענהט און האָט אים געקויפט אַ קו, און זאָל ער פון איר ציען די חיונה. מען האָט געבראַכט די בהמה אַהיים, דאָס ווייב איז אַרויס מעלקן, האָט די קו איר דערלאַנגט אַ זעץ אין בויך. לויפט זי אַריין מיט אַ געוואַלד אין שרייט צום מאַן:

— דיין ברודער האָט דיר געקויפט אַ קאַלב! גיי מעלק אים אַליין...

דער מאַן איז אַוועקגעגאַנגען צום ברודער און האָט אים דערציילט די געשיכטע, האָט יענער אים געגעבן אַן עצה:

— איך האָב געקויפט אַ קו, גאָר זי איז מיד פון וועג, ווילסטו, זי זאָל זיך תיכף מעלקן? גיב איר פריער עפּעס עסן.

און דאָ האָט זיך הערשל אָפּגעשטעלט. דער באַלעבאָס האָט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש און געהייסן דערלאַנגען צום טיש. הערשל האָט אָפּגעגעסן, לאָזט ער אים נישט רוען:

— גיי ווייטער, וואָס איז געוואָרן, מען האָט געפאָלגט דעם רייכן ברודער?

— וואָס איז געוואָרן? מען האָט דער קו פֿאַרמישט אַ ציבער... נאָכן עסן, דאָס ווייב וויל זי מעלקן, זי לאָזט נישט צו. איז דער מאַן ווידער געגאַנגען צום ברודער און דערציילט אים. האָט ער אַ טראַכט געטאָן און געגעבן אַן עצה:

— עסן אַליין איז וויניק. זי איז פֿאַרט מיד. זאָל זי איבערנעכטיקן, זיך גוט אויסרוען, וועלן מיר זען.

און הערשל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער באַלעבאָס האָט די האַזיקע אָנצוהערעניש אויך פֿאַרשטאַנען און געלאָזט הערשלען איבערנעכטיקן. אויף מאָרגן, ער לאָזט אים נישט רוען:

— נו, ווייטער, וואָס איז געוואָרן מיט דער קו?

— אויפֿן אַנדערן טאָג, דאָס ווייב גייט אַריין מעלקן, האָט זי די בהמה שיעור נישט דורס געווען. דער רייכער ברודער האָט זיך דערוווסט וועגן דעם, איז ער געפֿאַלן אויף אַ שׂכל:

— מען מוז איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל זיך הערקינדיקן, צי איז דאָס אַ קו, צי איז דאָס אַ קאַלב. אַ קאַלב, שמועסט מען, האָט מורא פֿאַר בליאַסקענדיקע זאַכן און פֿאַר ליכטיקע פֿאַרבן, באַזונדערס פֿאַר דער רויטער פֿאַרב. טאָ אָן מיין נייע זיידענע קאַפּאָטע, נעם מיין רויטן גאַרטל און גיי אַריין אין שטאַל, וועלן מיר זען...

און הערשל האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער באַלעבאָס האָט אים געשענקט אַ זיידענע קאַפּאָטע און אַ רויטן גאַרטל און אַלץ געטאָן:

נו, ווייטער, וואָס איז געוואָרן דער סוף?

— דער סוף איז געווען — האָט הערשל, אָנגע־

טאָן און דער זייַדענער קאַפּאָטע און אינעם רויטן גאַרטל, אויף גיך אָפּגעזאָגט — דער אָרעמער ברודער איז אַריין אין שטאַל, האָט זיך דער קאַלב אַ וואָרף געטאָן און אים איבערגעקערט, נאָך אַ רגע, וואָלט ער אים דערהרגעט, ער איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער, ווייל ס'איז טאַקע געווען אַ קאַלב, און מעלקן האָט ער זיך בשום אופן נישט געוואָלט. און דאָ איז די מעשה געענדיקט אויף שטענדיק. דער מעת-לעת איז אַריבער, האָט נישט קיין פּאַריבל, זוכט אייך אַן אַנדער קו, און מיך לאָזט צורו...

אָפּגעזאָגט און אַוועק.

---

## אַ פאַרכישופטע קו

אַן אַרענדאַר האָט געבראַכט אויפן יאַריד אַ קו צו פאַרקויפן און האָט געשטעלט אַ פּרייז, וואָס איז גאָר נישט געהערט געוואָרן. דער יאַריד איז געווען אַ שוואַכער, מען האָט אַרויסגעפירט ווייניק כודאָבע, האָט מען, אויף דעם אַרענדאַר קוקנדיק אָנגעהויבן אַרויפציען די פּרייזן. אַ סך קונים פון מיטלען און אָרעמען גראַד זענען נישט אויסשטאַנד געווען צו צאָלן אַזוי פיל, כאָטש פאָר אַהיים מיט ליידיקע הענט. הערשל האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט ער געזאָגט:

— וואַרט, ער וועט ביי מיר פאַרקויפן די קו לויטן מקח, וועלנדיק אַ ציג, נאָר איר זאָלט צוקוקן אין שווייגן. און, אַז מען וועט דאַרפן, צוהעלפן.

ער איז צוגעגאַנגען צום אַרענדאַר און אַ פרעג געטאָן:

— פעטער, וואָס ווילט איר פאַר דער ציג?

— וואָסער ציג? איך פאַרהאַנדל אַ קו, זעסט נישט?

— דאָס איז אַ קו? ס'איז דאָך אַ ציג!

— גיי, גיי ווייטער, מאַך זיך נישט נאַריש.

הערשל איז אַוועק, זיך איבערגעטאָן, ווידער צוגעגאַנגען צום אַרענדאַר און פרעגט אים:

— פעטער, וואָס ווילט איר פאַר דער ציג?

— אַ פרישער משוגענער, וווּ זעסטו אַ ציג?

— אָט שטייט דאָך אַ ציג!

— ס'איז אַ קו, גיי אין דער ערד אַריין!

הערשל איז אַוועק, ווידער זיך איבערגעטאָן, ווידער געפרעגט, וויפל ער וויל פאַר דער ציג. הערנאָך האָט ער אונטערגעשיקט עטלעכע יונגעליים, זיי זאָלן אויך פרעגן די פרייז אויף דער ציג. דער אַרענדאַר האָט געשאָלטן, געזידלט, געמאַרדעוועט זיך, נאָר עס האָט אים גאָרנישט נישט געהאָלפן. עס האָבן אין איין גיין קונים אויף דער ציג, ביז עס האָבן זיך אים שיר די געדאַנקען נישט איבערגעקערט. העלט איז צוגעקומען הערשל, אָנגעטאָן, ווי דאָס ערשטע מאָל, און לאָזט אים נישט אָפּ:

— נו, פעטער, איר פאַרקויפט די ציג?

— דער רוח ווייסט זי, דאָס ווייב מיינס, זי האָט מיר צוגעבונדן צום שטריקל אַ קו, מיט מיינע אויגן געזען, און דאָ שרייט מען, אַז ס'אַ ציג, סיידן אַ גלגול?

— סע קען זיין אַ כּישוף, פֿירט זי אָפּ אַהיים די ציג...

— די ציג? טפֿו זאָל עס ווערן!

— אָדער פֿאַרקויפֿט זי...

— גיט אַהער געלט, און לאָמיר פּטור ווערן פֿונעם גלגול.

און דער אַרענדאַר האָט פֿאַרקויפֿט בחצי־חינם די פֿאַרכּישופֿטע קו.

---

## דאָס וווּנדער־פֿעלעכל

הערשל האָט געקויפֿט אַ קעלבל, נאָר אויסוואַקסן בײַ אים האָט עס נישט דערלעבט, עס איז געפּגרט. אין דער צײַט האָט ער זיך געלאָזט אין וועג. האָט ער אָפּגעשונדן דאָס קעלבל, אויסגעטריקנט דאָס פֿעלעכל און אַרײַנגעלייגט אין זאַק. — נישקשה, עס וועט צונוץ קומען — האָט ער געטראַכט — איך וועל ערגעץ אָנטרעפֿן אויף אַ יאַריד, וועל איך עס פֿאַרהאַנדלען. צו נוץ געקומען איז עס אויף אַן אַנדער אופֿן, און אין דעם איז די מעשה.

מיד פֿונעם וועג, האָט הערשל זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דאָרף. ווו האַלט מען סטאַנציע? בײַם אַרענדאַר. דער באַלעבאָס איז נישט געווען אינדערהיים, בעט ער בײַ דער אַרענדאַרקע עפּעס אין מויל אַרײַן. וויל זי אים נישט געבן, זי האָט גאָרנישט, און נעכטיקן קאָן זי אים אויך נישט לאָזן, דער מאַן איז נישטאָ. הערשל האָט קיין ברירה נישט געהאַט, האָט ער זיך צוגעשפּאַרט אײַ־

קליגע אויפֿן היי. עס שלאָפֿט זיך אים אָבער נישט, איז ער אַרויסגעגאַנגען אין הויף, דערזעט ער, ווי די פֿענצטער אין אַרענדאַרס שטוב לויכטן זיך. ער גייט צו נענטער, קוקט אַרײַן: די אַרענדאַרקע האָט געגרייט צום טיש, בײַם טיש זיצט אַ שיינער געזונטער גלח, און זי נעמט אים אויף מיט וואַרעניקעס און מיט ווישניק און טאַנצט אַרום אים.

הערשל האָט שטילערהייט אויפֿגעעפֿנט דאָס פֿענצטער, זיך אײַנגעהערט, וואָס זיי רעדן, און ס׳איז אים קלאָר געוואָרן, פֿאַרוואָס זי האָט אים אַרויסגעפּטרט. אין אַ שעה אַרום האָט זיך דער גלח אָפּגעטראָגן.

שפּעט בײַנאַכט האָט זיך דער אַרענדאַר אומגעקערט אַהיים. הערשל האָט אים אָפּגעוואַרט און זיך ווײַטער אונטערגעהערט: דער אַרענדאַר וויל עסן, זאָגט דאָס ווײַב, אַז זי האָט גאָרנישט, און זי שטאַרבט שלאָפֿן, עפּעס איז זי נישט מיט אַלעמען. בײַ די ווערטער האָט זיך הערשל אַרײַנגעשאַרט אין שטוב. אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי געמאַכט אַ געוואַלד:

— וואָס האַרפּט איר? איך האָב אײַך שוין אָפּגעשיקט איין מאָל... וואָס קריכט איר?

— איך האָב געהערט, אַז דער באַלעבאָס איז געקומען — ענטפֿערט הערשל — וויל איך מיט אים רעדן, איך האָב צו אים אַן ענין...

— וואָסער ענין? — וויל וויסן דער אַרענדאַר — אויב אַ רעכטע זאַך, ווײַזט אַהער...

— אפֿשר וועט איר בײַ מיר קויפֿן אַ וווּנדער־פֿעלעכל? — פֿרעגט הערשל און שלעפּט אַרויס דאָס פֿעלעכל פֿונעם זאַק.

— וואָסערע וווּנדער באַווייזט יעס?

— דאָס פּיצלעכל ווייסט, וואָס עס טוט זיך ביי אייך, קויפט עס, וועט עס אייך דערציילן.

מען האָט זיך אויסגעדונגען פאַר דער פּרייז, און דער אַרענדאַר גאַרט צו זען די וווּנדער, צו הערן, ווי דאָס פּעלעכל טרעפט.

— פּעלעכל, פּעלעכל — פרעגט הערשל — זאָג מיר, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? — און לייגט צו דאָס אויער און וואַרט אויף אַן ענטפער.

— נו, וואָס זאָגט עס?

— איר הערט נישט?

— און איר?

— עס רעדט זייער שטיל, מען מוז זיך צוגע־וווינען...

— אָבער פאָרט?

— עס זאָגט, אַז ערשט איז ביי אייך געווען אַ גלח, אַ הויכער מיט אַ שוואַרצער קוטשמע האָר, און אייער ווייב האָט אים מכבד געווען, ווי גאָר אַ טייערן גאַסט...

— טאָמער וואָלט געווען גענוג צו דרייען אַ קאָפּ?

— שרייט אויס די אַרענדאַרקע.

— וואָס האָט איר טענות צום פּעלעכל? ס'אַ וווּנדער־פּעלעכל. עס זאָגט דעם אמת, און דער אמת איז דער גרעסטער וווּנדער...

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס ווייטער איז געווען. פון דעמלט אָן איז די אַרענדאַרקע געוואָרן גאַסט־פריינדלעך צו אַלע דורכגייערס. זי פרעגט זיך נאָך ביי יעדן אָן, צי האָט ער נישט קיין וווּנדער־פּעלעכל.

## אַ גוטע קו

הערשל האָט געקויפֿט אַ קו, האָט מען אים אָפּגענאַרט, די קו האָט זיך געמאָלקן, נאָר קיין מילך האָט זי כמעט נישט געגעבן. מען האָט געלאַכט פֿון אים:

הערשל, ווי קומט עס, דו זאָלסט אַזוי אַריינפֿאַלן מיט דער קו?

— איך האָב צו איר קיין טענות נישט, ס'אַ גוטע קו.

— און וויפֿל מילך גיט זי?

— מער פֿון אַ מעלקשעפֿל...

— וואָס הייסטו? ס'אַ ליגן!

— ס'איז אמת. אַ מעלקשעפֿל גיט גאָרנישט, און זי גיט דאָך עפּעס!

---

## די מעשה מיט שבת־נחמו

אין אַ ווייטן דאָרף האָבן געוווינט אַן אָרענדאַר מיט אַן אָרענדאַרקע. זיי זענען ביידע געווען גראָבע מענטשן, נאָר באַזונדערס די אָרענדאַרקע, זי איז נאָר געווען אַ ווילדער נפֿש. זייענדיק אין וועג, איז הערשל אַריינגעקומען צו זיי אין שטוב. דער באַלעבאָס איז גראָד אָפּגעפֿאָרן, די באַלעבאָסטע האָט אויפֿגענומען הערשלען זייער נישט פֿריינדלעך, אַזוי ווי זי האָט געקאָנט. פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך מיט איר צערעדט, פֿרעגט זי אים:

איך האָב געהערט, אַז שבת־נחמו דאַרף באַלד אָנקומען... מיר וווינען דאָ אין אַ העק, דער רוח ווייסט אים, ווען ער וועט זיין ביי אונדז. ביי אייך איז ער שוין געווען?

— אַ שיינע מעשה — ענטפערט הערשל — שבת־נחמו בין איך דאָך אַליין.

— אַזוי, זייט איר שבת־נחמו? פון וואַנען גייט איר אַצינד?

— פון יענער וועלט.

— פון יענער וועלט? אוי, אפשר ווייסט איר, ווי לעבט זיך דאָרט מיינע עלטערן?

— אייערע עלטערן? איך האָב זיי געזען. עס איז זיי לעצטנס שלעכט. זיי זענען נאַקעט און באָרוועס, זיי שטאַרבן פון הונגער און קוקן אַרויס אויף הילף.

דערהערט אַזאַ גרוס, איז די אָרענדאַרקע באַצאַרנט געוואָרן און אָנגעהויבן וויינען. האָט זי הערשל געטרייסט:

פון דאַנען גיי איך ווידער אויף יענער וועלט. אויב איר ווילט, קאָנט איר מיט מיר עפּעס איבערגעבן, וועט איר זיי פּשוט מחיה זיין.

זי האָט זיך דערפרייט, וואָס גאָט האָט איר באַשערט אַזאַ גאָלדענע געלעגנהייט, און האָט תיכף פאַרפּאַקט מלבושים און עסנוואַרג און געבעטן הערשלען, ער זאָל זיין אַזוי גוט און נעמען אויף זיך די טירחה, און פאַר דער שליחות האָט זי אים באַלוינט מיט עטלעכע גילדן און פאַר אייגענס אים אויפגענומען מיט אַן אָנבייסן.

ווי נאָר הערשל איז אַרויס פון שטוב, האָט ער זיך

באַטראַכט, אַז אַנטלויפֿן מיטן פּעקל וועט ער נישט קאָנען: דער אַרענדאַר איז מחויב באַלד זיך אומקערן אַהיים, וועט ער זיך דערוויסן וועגן דער געשיכטע און וועט איינשפּאַנען אַ פּאָר גוטע פֿערד און אים דעריאָגן. הערשל איז זיך מיישב געווען און האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט, די אייגענע מלבושים האָט ער אַריינגעלייגט אין דעם זעלבן פּעקל און האָט עס באַהאַלטן טיף אין וואַלד. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום עק וואַלד, ביים וועג אין דאָרף אַריין, און האָט אַרומגענומען מיט ביידע הענט אַ בוים און איז אַזוי געבליבן שטיין.

כך הווה, דער אַרענדאַר איז געקומען אַהיים, האָט אים דאָס ווייב תיכף דערציילט וועגן דעם גליק, וואָס האָט זיך געטראָפֿן: שבת-נחמו איז דאָ געווען און האָט גענומען מלבושים פֿאַר אירע עלטערן. דער אַרענדאַר, וואָס איז געווען מער מענטש פֿון איר, האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מען האָט זי אָפּגענאַרט, האָט ער איינגעשפּאַנט די פֿערד און זיך געלאָזט נאָכיאָגן שבת-נחמו. ער פֿאָרט פֿאַרביי דעם וואַלד, דערזעט ער אַ נאַקעטן מענטש שטיין און האַלטן פֿעסט אַ בוים. ער האָט אָפּגעשטעלט און פֿרעגט ביי הערשלען:

— ווער זענט איר? וואָס טוט איר דאָ?

ענטפֿערט הערשל:

— איך בין אַ הימל-מענטש, דערפֿאַר בין איך נאַקעט. און דאָ שטיי איך און האַלט צו דעם בוים מיט אַלע כוחות, ווייל גאָט האָט באַפֿוילן, אויף דעם דאָזיקן בוים זאָל זיך האַלטן די גאַנצע וועלט. טאָמער לאָז איך אים אָפּ, חס-ושלום, אויף איין רגע, ווערט חרוב די זינדיקע וועלט.

— אויב איר זענט אַ הימל־מענטש, זאָגט זשע מיר, אפשר האָט איר געזען דאָ ערשט נישט לאַנג דורכלויפן אַ פאַרשוין מיט אַ פעקל זאַכן?

— יאָ, איך האָב אים געזען, ער האָט זיך געגנו מען אויף אַן אַנדער וועג. איצט איז ער שוין אַוודאַי העט ווייט, און איר וועט אים נישט דעריאָגן, נאָר אויב איר ווילט, קאָן איך אייך העלפן. גיט מיר אייער פערד־און־וועגעלע מיט די מלבושים, וועל איך מיך אַוועקלאָזן נאָך אים און וועל אים כאַפּן, ווייל פאַר אַ הימל־מענטשן איז זיך שווער צו באַהאַלטן. איך פאַר־שטיי, אַז דער מענטש האָט אייך, אַפּנים, עפּעס אָפּ־געטאָן...

— אויף טערקיש אָפּגעטאָן! ווי פּאַקט מען אים?

— איך וועל עס אייך טאָן, נאָר מיט איין תּנאי...

— וואָס איר ווילט, אַבי פּאַקט אים מיר!

— איר וועט מוזן דערווייל פאַרנעמען מיין שטע־לע, צוהאַלטן דעם בוים מיט אַלע כּוחות. נאָר געדענקט זשע, וועט איר אָפּלאָזן דעם בוים אויף איין רגע, ווערט חרוב די וועלט.

דער אַרענדאַר האָט אים געפאָלגט און האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט. הערשל האָט זיך אָנגעטאָן אין זיי־נע קליידער און איז מיט זיין פערד־און־וועגעלע אַוועק־געפאָרן, געפונען דאָס פּעקל אין וואַלד און ווייטער גע־פאָרן זיין וועג. און דער נאַקעטער אַרענדאַר שטייט און האַלט צו דעם בוים און ציטערט, די וועלט זאָל, חס־ושלום, איבער אים נישט חרוב ווערן.

## געגליכן צו א מת

הערשל איז אריינגעקומען צו א גביר בעטן א גמילות־חסד. דער גביר האָט אים אָפּגעזאָגט און אויסגעטראַכט א תירוץ, אַז ער האָט דערלייגט א סך געלט און אַצינד האָט ער אַליין נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה. הערשל האָט נישט געוואָלט אָפּשטיין פון אים, האָט ער אים אַרויסגעטריבן:

— גייט אייך! אַז איר גלייבט מיר נישט, וויל איך אייך נישט אָנקוקן. די מינוט זאָלט איר פאַרלאָזן מיין שטוב!

הערשל האָט זיך געלאָזט אוועקגיין, נאָר ביי דער שוועל האָט ער זיך פאַרהאַלטן און געוואָרפן א פּאָר ווערטער:

— ווערליך איך זע אַרויס, ווען איר מסתמא ניך שטאַרבן. איר זענט געגליכן צו א מת.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט זיך דער גביר דערשראָקן.

— מען דאַרף זיין א בלינדער, מען זאָל דאָס נישט באַמערקן...

— זאָגט מיר אויך, ס'איז דאָך מיר נוגע אין לעבן!

— דער גמילות־חסד איז מיר אויך נוגע אין לעבן...

דער גביר איז אַרויס אין צווייטן חדר און אַרויסגעטראָגן הערשלען דאָס געלט.

נאָט, דאָס האָב איך געליען ביי מיין משרת, אַבי

לאָמיך הערן, פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך דאַרף גיך שטאַרבן?

— ס'טייטש, איר האָט אַליין געזאָגט!

—איך? דער ייד מאַכט מיר משוגע!

— נו, יאָ! איר האָט געזאָגט, אַז איר האָט קיין גראָשן נישט!

— ווי דער אמת איז...

— זענט איר, הייסט עס, אַ קבצן, און אַ קבצן איז געגליכן צו אַ מת!

— וויבאַלד אַזוי — איז דער גביר אין כעס געוואָרן — ביסטו שוין פון לאַנג געשטאָרבן, ביסט אַליין אַ קבצן! איך האָב אַ געשטאָרבענעם געגעבן אַ גמילות־חסד.

— אַדאַנק דעם גמילות־חסד בין איך אויפגעשטאַנען תחית־המתים.

— איז ווען זשע רעכנסטו אומקערן?

— נישט שפּעטער, ווי איר וועט אומקערן דאָס געלט דעם משרת...

---

## איך האָב אים צוגעזאָגט קעסט

הערשל איז געווען אַן אורח אויף שבת ביי איינעם אַ באַלעבאָס אין אַ קליין שטעטל. פרייטיק נאָכן דאַווענען איז ער געקומען צו גיין און געבראַכט מיט זיך אַ יונגמאַן. דער באַלעבאָס, וואָס האָט זיך אַזוי אויך קוים איינגעשטעלט דאָס לעבן צו נעמען אַן או־

רח, האָט הערזען צוויי מענטשן, איז ער ממש דער־שראָקן געוואָרן.

ר' ייד, ווער איז דער יונגערמאַן?...

— ער גייט מיט מיר.

— וואָס זשע, איר קלערט, ער זאָל אויך עסן?

— וואָס דען וועט ער — קוקן?

— איך האָב אייך געמוינט, מער וויים איך ניט.

— טאַקע וויל מיר, מוז ער אויך זיין!

— פאַרוואָס? וו שטייט עס געשריבן?

— אין די תנאים! דאָס איז מיין איידעם, איך האָב אים צוגעזאָגט קעסט!

---

## דער מאָגן איז גרויס, ווי אַ קינד

הערשל האָט געהאַלטן שבת אין אַ שטעטל, האָט ער געוואָלט אַריינפאַלן פאַר אַן אורח צו איינעם אַ גביר. יענער האָט אָבער פיינט געהאַט צו נעמען אורחים, ער איז געווען אַ קאַרגער, און דאָס האַרץ האָט אים ניט פאַרטראָגן צו העלפן אַן אָרעמאַן. הערשל האָט אַוועקגערופן דעם שמש אין אַ זייט און אים אַריינגערוימט אַ סוד:

— זאָגט אים, אייער גביר, אַז איך האָב אַ מאָגן, ווי אַ קינד די גרייס, וועט ער זיך אפשר דערבאַרעמען...

דער שמש האָט אים צוליב געטאָן, און, כּך־הווה, דער גביר האָט זיך טאַקע דערבאַרעמט. דאָס מאָל

האָט זיך אים פאַרגלוסט זיך אויספּיינען, און חוץ דעם האָט ער אין זינען געהאַט, אַז דער ייִד איז אַ קליי־נער עסער. נאָכן האַוודלען איז מען געקומען אַ היים, געמאַכט קידוש. מען האָט דערלאַנגט צום טיש. הערשל איז געווען גוט אויסגעהונגערט פונעם וועג און האָט געגעסן, וויפל עס האָט זיך געלאָזט, און פון די בעסטע מאכלים, נישט געזשאַלעוועט דעם ווייסן קוילעטש און הנאה געהאַט פון די געפילטע פיש. דער באַלעבאָס איז געווען אויסער זיך. סוף כל סוף האָט ער נישט אויס־געהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

— אוי, עס זאָל אַ רוח אין זיין טאַטן!

— וועמען שעלט איר עס? — פרעגט הערשל.

— דעם שמש... ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט אַ מאָגן ווי אַ קינד די גרייס.

— דאָס איז אמת. מיין מאָגן איז גרויס, ווי אַ קינד, נאָר עסן עס איך, ווי אַ גרויסער.

---

## וואָס בלייבט דעם גביר?

— הערשל, וואָס בלייבט דעם גביר, אַז ער ווערט אַ קבצן?

— אַ גביר, אַז ער ווערט אַ קבצן, בלייבט אים דער געשמדטער האַלדז...

---

# דער טייערער חתונה־אויסשטייער

אַ רייכער אַרענדאַר האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער; זי איז געווען אַ בת־יחידה. האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן און גענומען אַ חתן פֿון גרויסן יחוס, אַ שיינעם יונגנמאַן און נישט קיין נאַר הי־ערצו. ער האָט געפּראַוועט אַ גרויסאַרטיקע חתונה, צוויי חדשים כסדר איז געזעסן אַ שניידער, דער בעסטער באַלמעלאָכע אין שטעטל, און גענייט דעם חתונה־אויסשטייער, זומערדיקע און ווינטערדיקע קליידער, אין אַלץ לויט דער מאָדע, אַזוי אַז זי זאָל פֿאַר די מחותנים האָבן מיט וואָס צו באַווייזן זיך. אויף אַלצדינג האָט דעם אַרענדאַר געקלעקט: אויף נדן, חתונה־הוצאות, אין שניטקראָם, נאָר אַז עס איז געקומען דער שניידער זיך צערעכענען פֿאַר זיין אַרבעט, האָט מיטאַמאָל נישט געשטייעט קיין געלט, און ער האָט אים אָפּגעלייגט אויף איבערמאָרגן.

— וואָס איז? — האָט זיך פֿאַרענטפֿערט דער אַרענדאַר — האָסט געהאַט ביי מיר שלעכטע קעסט? איז טאָמער קומט דיר אַ ביסל מזומנים, מעגסטו אויכוואַרטן. זעסט דאָך, ווי איך האָב זיך אויסגעביטלט...

דער שניידער איז געווען פֿאַרבאָרן אין חובות, נאָר וואָס האָט ער געוואָלט טאָן? האָט ער געוואַרט אַ וואָך און צוויי, און אַ חודש און נאָך אַ חודש. דער אַרענדאַר האָלט אים אין איין פֿירן און איז נאָך אין כעס, וואָס ער האָט דאָס עזות אים קומען מאָנען. פֿאַר צרות האָט זיך דער שניידער צוגעכאַפּט צום טרונק

און איז געוואָרן אַ אָפּטער אַרייַנגייער אין שענק; ווען ער האָט נישט דערציילט די מעשה, האָט מען אים מיטגעפילט, נאָר העלפן האָט מען נישט געקאָנט, גיי הייב זיך אָן מיט אַ אַרענדאַר אַ נגיד און אַ תּקיף ביי זיך. איינמאָל האָט דער שניידער זיך געטראָפן מיט הערשלען און פאַר אים אויסגעעפנט זיין ביטער האַרץ.

הערשל האָט אויסגעהערט און פרעגט:

— האָסטו כאָטש אַ צעטל פון אים, אַז ער איז דיר שולדיק?

— גאָרנישט. איך האָב געמיינט, איך ניי אָפּ, באַצאָלט ער מיר.

— אָבער דו געדענקסט גוט, וואָס דו האָסט גענייט?

— אַ שאלה? פון שלאָף אַפילו, יעדעס פּיצעלע.

— אַזוי, רעכן אויס.

דער שניידער האָט אויסגערעכנט, און הערשל האָט פאַרשריבן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און באַהאַלטן עס אין בוזעם־קעשענע. דערנאָך מאַכט ער צום שניידער:

— הער זשע, גוטער־ברודער, ער וויל איינשפּאָרן אויף דיר, וועט ער האָבן אַזאַ טייערן חתונה־אויסשטייער, וואָס עס האָט זיך אים אין קיין ביזן חלום נישט געחלומט...

— ווי אַזוי וועסטו עס מאַכן?

— וואָס אַרט דיך? אויף דעם בין איך הערשל אָסטראָפּאָליער. נאָר צוויי זאַכן מוזסטו מיר צוזאָגן: ראשית, אַז עס וועט צו דיר קומען דעם אַרענדאַרס טאָכטער, זאָלסטו זיך נישט הידושן און זאָלסט

שווייגן, און וועגן מיר זאָלסטו נישט דערמאָנען. השגית, אַז דו וועסט דיין געלט קריגן, זאָלסטו נישט זשאַלעווען נאָך אַ ביסל טרחה ביי די זעלבע קליידער. דאָס וועט זיין מיין לוין... אָפּגערעדט?

— אָפּגערעדט, נאַ דיר מיין האַנט תקיעת־כּף.

אויף מאָרגן האָט הערשל געדונגען אַ פורל און איז געפאָרן אין דעם שטעטל, וו עס האָט געוווינט דעם אַרענדאַרס אויסגעגעבענע טאָכטער. געקומען אויפן אָרט, איז ער אַוועק צו דער בת־יחידה און האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַ שליח פון איר פאָטער.

— וואָס ווילט איר? וואָס האָט ער אייך געשיקט?

— אַזוי און אַזוי, אים האָט עס די לעצטע צייט באַגליקט. ער האָט געהאַט עטלעכע יאַרידים מיט גאָלדענע געשעפטן, ער האָט גענומען אַ נייע אַרענדע ביים פריץ, און פאַר דער אַלטער האָט מען אים פאַרקלענערט די פרייז, איז וויל ער, איר זאָלט אויך געניסן דערפון, ווערליק אַן איינאונאיינציקער טאָכטער.

— אוי, איר האָט אַוודאי געבראַכט מתנות? — האָט זיך דערפרייט די טאָכטער.

— אַ בשורה וועגן מתנות! ער וויל אייך אויפגייען אַ נייעם חתונה־אויסשטייער, אַ שפּאָגל־נייעם. ער האָט שוין געקריגן אַזוינע שטאָפן, וואָס מען זעט עס נישט, און אַלץ לרוב, ער האָט איינגעקויפט עטלעכע בליאַמען פוטער, און ער האָט אייך געבעטן, איר זאָלט זיך נישט הייען און אַראָפּפאָרן צו אים אין פאָלוואַרק, און איר זאָלט נישט פאַרגעסן אַליין באַשטעלן דעם שניידער, וואָס האָט אייך גענייט, איר זאָלט אים געבן

אַ שיינעם אַדרעריף, כאָטשבי אַ פּופּציקער, ער זאָל אַוועקלייגן אַלע אַנדערע'ס אַרבעטן אין אַ זייט.

— טאַקע אויף אַן אמת? איך וועל האָבן אַ נייעם אויסשטייער, גאָר אַ שענערן?!

— די גרעסטע פריצטע פאַרמאָגט עס נישט! און דעם אַלטן, האָט דער טאַטע אָנגעזאָגט, זאָלט איר מיר איבערגעבן צו די הענט...

— וואָס איז...

— ער וויל האָבן אַ מיצווה... און מחיה זיין אַן אָרעמע כלה...

זי האָט זיך אָנגעהויבן קוויטשן, נישט שטאַרק געגליבט, איר פּאָטער זאָל ווערן אַזאַ באַרעמהערציקער, נאָר הערשל האָט אַרויסגענומען אַ צעטל און איר איבערגעלייענט, וואָס דער אַרענדאַר האָט באַפוילן צו געבן, מיט אַלע סימנים: אַ וואָלן קלייד אַ בלוים, אַ וואָלן קלייד אַ ווייס מיט טופּעלעך, אַן אַטלאַסן קלייד, אַ שוואַרץ זייַדנס מיט קרעלן געפּוצט, אַ רעטאָנדע מיט שליאָמעס און דעסגלייכן. זי האָט זיך געהאַלטן אַן עצה מיטן מאַן, האָט ער איר געזאָגט, אַז מען טאָר נישט ז יי ן קעגן דעם פּאָטערס ווילן און מען דאַרף אים נישט דערצערענען, נאָר, פאַרקערט, אויספילן זיין פאַרלאַנג. אויב ער האָט געשיקט אַ באַזונדער שליח מיט אַ פּינקטלעך צעטל, וויל ער זי גאָר אפשר אויספּרוון, צי איז זי אַ געהאָרכזאַמע טאָכטער, צי האָט זי פאַרדינט אַ נייעם אויסשטייער? זי איז מסכים געווען און, נישט לאַנג געטראַכט, פאַרפּאַקט די קליידער און זיי פאַרטרויעט הערשלען. מער האָט

הערשל נישט געדאַרפֿט. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און נאָך אָנגעזאָגט דעם אייד עם:

— איך ראַט אייך, איר זאָלט אויך פֿאָרן צום שווער... איר וועט נישט דערלייגן...

דאָס פֿאָרפֿאָלק האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין זיך, תיכף נאָכפֿאָרן: ס'אַ שטוב, מען האָט געמוזט באַוואָרענען אַלצדינג און צו וויסן געבן די עלטערן, וועלכע האָבן געוווינט גאָר אין אַנדערן עק שטעטל, האָבן זיי געמאַכט די רייזע אין אַ פּאָר טעג אַרום.

אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, דער שניידער טוט אַ קוק, דעם אַרענדאַרס טאָכטער איז דאָ, און זי איז פֿריילעך און אויפֿגעלייגט. ער האָט געוואָלט אַ רעד טאָן וועגן זיין געלט, נאָר ער האָט זיך דערמאָנט אין הערשלס ווערטער און שווייגט.

— איר וועט מיר נאָכאַמאָל נייען אַ חתונה־אויס־שטייער, שפּאָגל־נייע קליידער!

— מהיכא־תיתי — באָמקעט ער צו.

— און איר מוזט אַוועקלייגן אַלע אַרבעטן. מיר וועלן באַצאָלן, איר קענט האָד מיין פֿאָטער?

— יאָ, איך קען אים... — ענטפֿערט ער און טראַכט זיך — הלוואַי וואָלט איך אים נישט געקענט ..

— נאַט אייך אַ פּופּציקער אַן אַהערויף... און איר זענט מיין שניידער!

— אַך, מיט פֿאַרגעניגן. זייט שוין זיכער, אַז איך וועל אייך צופֿרידנשטעלן — געמט דער שניידער דאָס געלט און באַגלייט זי אַרויס מיט דרך־ארץ; ער פֿאַר־שטייט שוין, אַז הערשלס האַנט איז דערביי.

די טאָכטער מיטן אייעם זענען געקומען צום

פּאָטער — דעם אַרעגדאַר און אים תּיכּף באַדאַנקט פאַר זיין גוטהאַרציקייט.

— מאַמע — זאָגט זי — איך האָב דיך געפאָלגט און האָב אָפּגעגעבן דיין שליח אַלע מיינע קליידער, אין דעם שנייערדער האָב איך געגעבן אַ פּופּציקער...

— ס'איז שיין פון אייער זייט — גיט צו דער אייזעם — גאָט האָט אייך געהאָלפן, האָט איר אין זי־נען די טאָכטער און פאַרגעסן נישט אין קיין צדקה אויך... אַ קלייניקייט, הכנסת־כלה!

— ווייז מיר די סחורות, מאַמע! — וויל נישט אָפּשטיין די בת־יחידקע און פּיעשטשעט זיך.

דער אַרעגדאַר ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן, נאָר ער שטייסט זיך פאַוואָלינקע אָן, ווען וואָס עס גייט די רייד, און עס ברענט אין אים דער כעס, נאָר ער מוז זיך איינהאַלטן. עס הייסט, דער טאָכטער וואָלט ער אָפּגעשפּילט יענעם וויוואַט, נאָר ער שעמט זיך פאַרן געהויבענעם אייזעם. הכלל, ער בעט זיי זיך אויסרוען אַ פּאָר טעג, דערנאָך וועט מען באַשטאַטן אַן אויס־שטייער, און די סחורות... זענען אין שטעטל... ער האָט זיי נישט געוואָלט שלעפּן אַהער, ביז זי וועט נישט קומען... אַזוי האָט ער זיך אויסגע־דרייט און איז דערווייל אַראָפּגעפאָרן אין שטעטל אַ שמעק טאָן אַהער, אַהין, ווער האָט עס אים אָפּגעטאָן?

דאָס אָרט איז אַ קליינס, האָט ער זיך דערוווסט, אַז דאָס איז הערשלם אַ שפּיצל, נאָר ער האָט גאָרנישט געקאָנט פועלן, הערשל האָט שוין געפּויקט אומעטום, אַז דער און דער אַרענדאַר האָט מגרב געווען אַ חתונה־אויסשטייער פאַר אַן אָרעמער בתולה. איז ער אַוועק

צום שנײַדער. יענער האָט זיך גאָר געפּגרט און שרײַען אין אײן קול, אַז אויב מען וועט אים נישט באַצאָלן דעם אַלטן חוב, גײט ער נישט קײן נײַע קלײדער. סוף כּל סוף האָט זיך דער אַרענדאַר געמוזט אונטערגעבן...

— נו הערשל — האָט ער געזאָגט — איך וועל עס דיר געדענקען!

— וואָס איז? — פֿרעגט אים הערשל — איר זענט נאָך געערגערט? איר דאַרפֿט מיך און זײַנען האָבן צום גוטן. איך האָב אײַך געמאַכט פֿאַר אַ לײַטישן מענטשן, וואָס צאָלט חובֿות און שטיצט אָרעמע כּלות, און אײַער טאָכטער וועט האָבן דעם טײַערן אויסשטײַער... רעדט איר נאָך?

דער אַרענדאַר האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק אין די קלײטן אָננעמען סחורות. דער שנײַדער האָט געהאַלטן וואָרט און איבערגענײט די חתונה־קלײדער אויף דער מאָס פֿון דער אָרעמער כּלה, וואָס הערשל האָט שוין געהאַט צוגעגרײט.

און אַ חתונה איז געווען בײַם אָרעמען פֿאָרפֿאָלק זײער אַ פֿרײלעכע, מע האָט געהוליעט און געטאַנצט ביז אין ווײַסן טאָג אַרײַן. און דער סאַמע אָנגעלײגטער גאַסט בײַ אַלעמען איז געווען הערשל אָסטראָפּאָליער.

# איך קער אייך אום די שטיינער

הערשלם אַ גוטער־ברודער האָט אים דערציילט, אַז ער איז געווען אין כמעלניק, האָט ער דאָרט געזען אַ בעל־אכסניא, אַ ייד אַ גביר מיט אַן אייגענעם איינפאָר־הויז, איז טרייבט ער אַרויס אָרעמע לייט און האָט נאָך דאָס עזות צו זאָגן דערביי.

— גייט! שטיינער וועל איך אייך געבן!

— אַזאַ בחור דאַרף מען אָנלערנען — האָט הערשל געזאָגט — ער זאָל האָבן לאַנגע יאָרן צו געדענקען. איך וועל גיך זיין אין כמעלניק, וועל איך עפּעס צוטראַכטן...

איידער ער איז אָפּגעפאָרן, האָט ער געקריגן דריי גוטע רייזע־טאַשן אויף אַ צייט און האָט זיי אָנגעקלאַפּט פול מיט שטיינער און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אין כמעלניק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם זעלבן בעל־אכסניא, די רייזע־טאַשן האָבן אַראָפּגעטראָגן די משרתים און האָבן זיך שיר די קישקעס נישט אונטערגעריסן. הערשל האָט געפאָדערט אַ שליסל צו זיין צימער: אַז ער גייט אַוועק, זאָל ער קענען פאַרשליסן. דער בעל־אכסניא איז געווען זיכער, אַז די פּעק האָבן די ווערט אַ מאַיאָנטעק מיט געלט. הערשל האָט געגעסן און געטרונקען און גאָרנישט געצאָלט, נאָר דער באַלעבאָס האָט געשוויגן, ער וועט גיי פאָדערן יעדן טאָג געלט ביי אַזאַ נגיד? בעסער וועט ער אים מאַכן אַ חשבון פאַר דער גאַנצער צייט און אָפּנעמען די אמתע אפּותיקא.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום גייט הערשל אַריין צו אים און רוימט אים אַריין אַ סוד:

— הערט זשע, מיין פריינד, איך מוז אָפּפאָרן, נאָר איך קאָן זיך נישט שלעפּן מיט מיינע זאַכן, און חוץ דעם איז דאָס אַן איינשטעלעניש. וויל איך ביי אייך לאָזן די רייזע־טאַשן, זיי זאָלן זיין אָפּגעהיט, אָבער וואָס אָפּגעהיט הייסט, איך וועל צושיקן אַ מענטש נאָך זיי, און עס וועט זיין רעכט.

דער באַלעבאָס האָט נישט דערוווידערט. הערשל איז אַוועקגעפאָרן, נישט באַצאָלט קיין קאָפּיקע. דעם באַלעבאָס האָט עס נישט געאַרט: אַזאַ גביר האָט געזאָגט, עס וועט זיין רעכט, און ער האָט געלאָזט אַזאַ משכון...

אין מעזשיבעזש באַגעגנט הערשל דעם גוטן־ברודער און גיט אים צו וויסן:

— נו, איך האָב אים אומגעקערט די שטיינער.

אויסגעהערט די מעשה, איז הערשלס גוטער־ברודער געווען זייער צופרידן, נאָר איין קלייניקייט האָט אים געקוועטשט. די רייזע־טאַשן זיי זענען פאַרפאַלן!

— עס הייבט זיך נישט אָן — האָט אים הערשל באַרואיקט, — ווייסט ביי וועמען איך האָב זיי געליען? ביי זיינעם אַ זון. איך האָב זיך דערוווסט, אַז דער כמעלניקער בעל־אַכסניא, וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן אים, האָט אין מעזשיבעזש אַ זון, וועל איך אים איצט איבערגעבן, אַז די רייזע־טאַשן זענען ביים טאַטן. נישקשה, דער טאַטע איז אַ בטוח.

כך־הווה, דער בעל־אַכסניא האָט געמוזט אומ־

קערן די רייזע־טאַשן דעם זון. אַז ער האָט זיי אויס־געליידיקט, האָט ער געפינען אַ צעטעלע:

— איר האָט אַ טבע צו זאָגן אָרעמעלייט, אַז איר קאָנט זיי געבן שטיינער, קער איך אייך אום די שטיי־נער אין נאָמען פון אַלע קבצנים.

הערשל אָסטראָפּאָליער

---

## א גאַנדז אויף איין פוס

ווען הערשל איז געווען אַ קינד, איז ער אַמאָל געזעסן מיטן פאָטער ביים וואַרמעס. מען האָט דער־לאַנגט צום טיש געפּרעגלטע גענדזענע פיסלעך פון דער גאַנדז. דער פאָטער האָט נישט באַמערקט, ווי הערשל האָט שטילערהייט אַ כאַפּ געטאָן אַ פיסל און עס אויפגעגעסן. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אומ־געקוקט, אַז ס'איז דאָ נאָר איין פיסל. פרעגט ער ביי הערשלען:

— דו האָסט אויפגעגעסן אַ פיסל?

— ניין, טאַטע — לייקנט הערשל — איך האָב דאָס פיסל נישט אויפגעגעסן. מסתמא האָט די גאַנדז געהאַט נאָר איין פוס.

— עס קאָן נישט זיין! ווו האָסטו געזען אַ גאַנדז מיט איין פוס?

— קום צום טייך, וועל איך דיר ווייזן אַ סך אַזוינע גענדז...

נאָכן עסן איז דער פאָטער געגאַנגען מיט אים צום טייך. הערשל האָט אים געוויזן, ווי אַ גאַנדז איז

געשטאַנען אויף איין פוס, און דער אַנדערער האָט זיך נישט אַרויסגעזען.

— זעסט, מאַמע, אָט איז אַ גאַנדז אויף איין פוס!

— וואַרט — זאָגט דער מאַמע — האָסט אַ טעות. אָט וועסטו באַלד זען, אַז דו ביסט אומגע־רעכט. און ער האָט מיט דער האַנט אַ טרייב געטאָן די גאַנדז, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם אַנדערן פוס אויך.

— האָסט דאָך מיט דער האַנט אַ טרייב געטאָן די גאַנדז, איז געוואָרן צוויי פיסלעך — זאָגט הערשל — ווען דו זאָלסט ביים טיש אויך געווען אַ טרייב טאָן מיט דער האַנט, וואָלטן דאָרטן אויך געווען צוויי פיסלעך.

---

## הערשלס זייגער

אַז הערשל איז נאָך געווען אַ קינד, פלעגט ער ליב האָבן שפּאַסן. איינמאָל איז ער אַריינגעגאַנגען צום שכן דעם זייגערמאַכער מיט אַ לעבעדיקן האָן אין דער האַנט.

— פעטער, פאַרריכט מיר דעם האָן!

— ביסט משוגע געוואָרן? איך פאַרריכט זיי־גערס!

— נו, דאָס מיין איך דאָך טאַקע. דער האָן איז מיין זייגער. ער פלעגט

שטענדיק קרייען זעקס אינדערפֿרי. שוין אַ שטיקל צייט, אַז ער האָט אָנגעהויבן קרייען האַלב זיבן, ער שטייט אָפּ אויף אַ האַלבע שעה. פֿאַרריכט אים מיר!

---

## הערשל און דער פּריץ

הערשל איז געגאַנגען מיטן שליאַך, איז אָנגעפֿאָרן אַנטקעגן אַ פּריץ אין אַ קאָליאַס נאַשפּיץ. דערזען דעם קאָליאַס, האָט הערשל אָפּגעקערעוועט אין אַ זייט, כּדי נישט אַרונטער אונטער די פֿערד, נאָר דאָס היטל פֿאַרן פּריץ האָט ער נישט אַראָפּגענומען. יענעם האָט עס פֿאַרדראָסן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ פֿרעג געטאָן מעשה-באַלעבאָס:

— סקאָנד, זשידיק?

דערהערט, אַז מען פֿרעגט אים, פֿון וואַנען ער איז, האָט הערשל רואיק געענטפֿערט:

— ז אַסטראָפּאָליאַ...

און דאָס היטל אַלץ נישט אַראָפּגענומען. איז שוין דער פּריץ אַרויס פֿון די כּלים. ער האָט אויסגעצויגן דאָס שטעקל און טײַטלט אויפֿן היטל:

— אַ שאַפּקאַ, שאַפּקאַ?

— שאַפּקאַ? — פֿרעגט איבער הערשל — טאַקזשע ז אַסטראָפּאָליאַ...

---

## אַ רחמנות אויפֿן הונט

אַרום מעדזשיבעזש איז געשטאַנען אַ סך חיל. צווישן די אָפֿיצירן איז געווען איינער אַ פּאָלקאָווניק,

אַ שרעקלעכער צורר־היהודים. אַז ער פלעגט זיך באַ־וויזן אין שטעטל, פלעגן ייִדן מורא האָבן אַרויסצוגיין אין גאַס. און ער האָט געהאַט אַ געלערנטן הונט, האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן „זשיד“, אומיסטן, כּדי צו דערצאָרענען די ייִדן.

איינמאָל איז ער געקומען אין שטאָט אַריין אויפן יאַריד זיך איינקויפן פאַרשידענע לוקסוס־זאַכן. ער איז געגאַנגען פון קלייט צו קלייט, אַ סאָלדאַט האָט אים נאָכגעטראָגן די פּעקלעך, און דער הונט איז נאָכ־געלאָפן. פּלוצעם האָט זיך אים פאַרגלוסט וויזן די חכ־מות פון זיין הונט, איז ער אַריין אין אַ גרוים גע־שעפט, וואָס איז פול געווען מיט קונים, און גענומען קאָמאַנדעווען מיטן כּלב: זשיד, אַהער, און זשיד, אַהין, וויזז אַזאַ קונץ, וויזז אַן אַנדער קונץ. דער עולם איז געשטאַנען, אין אַלעמען האָט געברענט דער כּעס, נאָר מען האָט געשוויגן. דערווייל קומט אָן הערשל. ער האָט עטלעכע רגעס צוגעקוקט דאָס בילד און האָט מיטאַמאָל אַ טיפן זיפץ געטאָן, נאָר אַזוי, אַז מען זאָל הערן. האָט דער פּאָלקאָווניק אים תּיכף אַ פרעג געטאָן:

— וואָס זיפצסטו?

— ס'איז מיר אַ רחמנות אויפן הונט...

— וואָס איז? וואָס זעסטו אויף אים?

— אַזאַ חכם, און איז, נעבעך, אַ ייִד... ווען ער איז נישט קיין ייִד, וואָלט ער ווייט דערגרייכט, ביז אַ פּאָלקאָווניק געווים...

אָפּגעזאָגט און נעלם געוואָרן.

## אַ שרפה

ביים פּריץ אין שטעטל איז געווען אַ חתונה. הערשל איז געווינט געווען, מען זאָל אים פאַרבעטן אויף יעדער חתונה, ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען, פריילעך מאַכן און אָפּלצעווען. דער פּריץ האָט אים, געווייגלעך, נישט פאַרבעטן. נאָר הערשל האָט זיך נישט געפוילט און איז אַליין געקומען, האָט מען אים, מחילה, נישט אַריינגעלאָזט. די זאַך האָט שטאַרק פאַרדראָסן הערשלען, און ער האָט געזאָגט: וואַרט, וואַרט, פּריץ! וועסט האָבן אָפּגעשניטענע יאָרן, איך וועל אויף דיין חתונה עסן און טרינקען, און דו וועסט מיך האָבן צו געדענקען!

כך הווה, סאַמע אינמיטן דער שמחה, ווען דער עולם איז געזעסן ביי די טישן און זיך אָנגעטאָן ווילטאָג, און די מוזיק האָט געשפּילט, האָט זיך הערשל אַריינגעריסן אין זאַל מיט אַ געשריי:

— געוואַלד, סע ברענט!

די פּריצים מיט די פּריצטעס האָבן זיך דערשראָקן, מען האָט זיך אַ וואָרף געטאָן איבער טיש און איבער בענק, דורך די טירן און דורך די פענצטער, גלייך אין הויף אַריין. הערשל האָט זיך דערווייל אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש, צוגערוקט אַ פאָלומעסיק פיש, אויפגעקאָרקעוועט אַ פלאַש וויין און איז זיך מכבד. און יענע זוכן די שרפה און קאָנען נישט געפינען. פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַט, זענען די געסט אַריין צוריק אין זאַל און, דערזען הערשלען, איז דער פּריץ צו צו אים מיט אַ טענה:

— הערשקאַ, וווּ ברענט?

— איר זעט נישט, פאַניע — האָט הערשל געענטפערט — אָט ברענט דאָך אַ טעלער פיש און אַ פלאַש וויין! וואָס וואָלט געווען, ווען איך האָטעווע זיי נישט? אַז איר זענט זיך אַלע צעלאָפן...

די געסט האָבן געלאַכט, און דער פריץ האָט, געבעך, געמוזט שווייגן.

## א גאָלדענע מציאה

אין אַ שטעטל האָט געוווינט אַ רייכער און זייער אַ קאַרגער און שלעכטער פריץ. הערשל האָט געהערט, ווי מען קלאָגט זיך אויף אים. איז ביי אים געבליבן, אַז ער דאַרף אים אָנלערנען. גאַנצפרי איז הערשל געקומען אין הויף, זיך דערשלאָגן צום פריץ און געבעטן ביי אים, ער זאָל אים לייען אַ מעסער.

— לייען? — האָט זיך פאַרוווּנדערט דער פריץ

— איך האָב נאָך אויף מיין לעבן קיינעם גאָרנישט געליען.

— ווי איר ווילט — האָט הערשל געזאָגט — נאָר עס וועט אייך באַנג טאָן, און איר וועט אָנווערן.

דערהערט, אַז עס שמעקט מיט עפּעס אָנווערן, האָט זיך דער פריץ באַטראַכט און געהייסן צום דינער געבן הערשלען אַ מעסער. אויף מאָרגן האָט הערשל אָפּגעבראַכט דאָס מעסער מיט אַ קליין מעסערל אַ צוגאָב. דערביי האָט ער דעם פריץ דערקלערט, אַז דאָס מעסער האָט איבער נאַכט געהאַט אַ קליין

מעסערל, געהער עס צו אים. דעם פריץ האָט עס הנאה געטאָן, און ער האָט מער קיין שאלות נישט געמאַכט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט הערשל געליען אַ גאָפּל און אָפּגעבראַכט דעם גאָפּל מיט אַ קליין גאָ־פּעלע. הערנאָך האָט ער דאָס זעלבע אָפּגעטאָן מיט נאָך אייניקע חפצים. דעם פּריץ איז געפעלן געוואָרן די מעשה, און ער איז גערן געווען צו לייען הערשלען, וואָס זיין האַרץ גלוסט.

איינמאָל קומט הערשל און בעט זיך לייען דעם סויבלענעם טולופּ. דער פּריץ גיט אים דעם טולופּ מיט פאַרגעניגן. עס גייט אַוועק אַ טאָג, צוויי, דער פּריץ וואַרט שוין, אַז הערשל זאָל קומען און ברענגען דעם טולופּ מיט אַ קליין טולופּל, נאָר הערשל כאַפּט זיך נישט, ער איז גאָר אַוועקגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט און האָט דאָרט פאַרקויפט דעם טולופּ. ווי נאָר ער איז געקומען, האָט אים דער פּריץ געשיקט רופן און געפאָדערט דעם טולופּ. זאָגט הערשל, אַז דער טולופּ איז נישטאָ.

— וואָס הייסט? — שרייט דער פּריץ — איך וועל דיך אייננעצן, דער טולופּ זאָל מיר זיין!

— מיין האַר — ענטפערט הערשל — הער מיך אויס: אַז דאָס מעסער האָט געהאַט אַ מעסערל, האָב איך עס דיר תיכף אָפּגעבראַכט, אַז דער גאָפּל האָט געהאַט אַ גאָפּעלע, האָב איך עס אָפּגעבראַכט, ווייל עס קומט דיר. אַזוי איז אויך געווען מיט די איבע־ריקע חפצים. און מיטן טולופּ איז, נישט פאַר אייך געדאַכט, געשען אַן אומגליק. ער איז אויך געגאַנגען

צו קינד, נאָר ער האָט געהאַט אַ שווער האָבן און איז געשטאָרבן. וואָס זשע האָב איך געזאָלט טאָן? ברענגען דיר אַ טויטן טולופּ, דו זאָלסט נאָך האָבן אַן אַרבעט מיט אַ לוויה? האָב איך אים אַליין באַגראָבן, און טאָמער ווילסטו שטעלן אַ שטיין, נעם איך דאָס אויך אויף זיך, ועסטו שוין געווים האָבן אַ גאָלדענע מציאה!

---

## די געלערנטע גענדז

הערשל האָט נישט געהאַט אויף פּסח, ער האָט זיך געפּרוווט ווענדן צום גביר, צום רב און צו אַנדערע פֿאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, נאָר זיי האָבן אויף אים געהאַט דאָס גוטע האַרץ, ער האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט אַרויסגעוואָרפן די אמתע עטלעכע שפּיצלעך, האָבן זיי בשום אופן נישט געוואָלט אים העלפן. הערשל האָט געטראַכט און געטראַכט און האָט זיך איינגעשטעלט גיין צום פּריץ. דער פּריץ איז געווען זייער אַ בייזער און אַ גרויסער הויט־שינדער, נאָר ער האָט געהאַט איין חולאת: ער האָט ליב געהאַט זעלטענע חפצים און געלערנטע חיות און פֿייגלען, ס'זענען ביי אים געווען געשטודירטע הינט, אַ פּאַפּוגיי, אַ מאַלפּע און אַנדערע שלעק. הערשל איז געקומען, זיך געלאָזט מעלדן און דערציילט דעם פּריץ, אַז ער קאָן אויסלערנען גענדז רעדן. דעם פּריץ איז געפעלן געוואָרן די מעשה און ער האָט געוואָלט דערגיין דעם סוד, ווי אַזוי מאַכט מען עס אַזאַ קונץ.

— דערצו דאַרף מען האָבן — האָט הערשל אים מגלה סוד געווען — ווייץ, אייער, קאַרטאָפליעס, וויין עטלעכע פלעשער און, פאַרשטייט זיך, געגרז. עס מוז געדויערן אַ פּאָר וואָכן, און זיי וועלן אָנהייבן רעדן.

דער פּריץ האָט געהייסן דער דינערשאַפט אַרויסגעבן הערשלען אַלע נייטיקע שפּייזן, און הערשל האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב אַריין דעם שייגעץ פּסח. עטלעכע טעג נאָך יום־טוב איז געקומען אַ שטאַפּעט פונעם פּריץ מיט אַ באַפעל צו הערשלען, ער זאָל ברענגען די רעדנדיקע געגנדז. זאָגט הערשל:

— גיב איבער דיין האַר, אַז די געגנדז רעדן שיין צוביסלעך, נאָר זיי שרעקן זיך נאָך פאַר אַ פרעמדן מענטשן.

דער פּריץ האָט אַזוי געשיקט דעם שטאַפּעט איין מאָל און נאָך אַמאָל, און הערשל איז אים אַלץ אָפּגעקומען מיט דעם זעלבן תירוץ. אין אַ שיינעם פּרימאָרגן איז דער פּריץ זיך אַליין מטריח געווען און איז אַראָפּגעפאָרן צו הערשלען, ער וויל הערן די געגנדז רעדן, ער וויל מער נישט וואַרטן, און טאָמער האָט אים הערשל אָפּגענאַרט, וועט ער אים הייסן שמייסן.

— הער מיך אויס, אדוני פּריץ — זאָגט צו אים הערשל — די געגנדז רעדן, נאָר איך האָב זיי דיר מורא צו ווייזן. אַז זיי דערזעען אַ פּריץ, הייבן זיי אָן צו שרייען: „דער פּריץ איז אַ גנב!“ וואָס טוט מען מיט זיי?

— די מינוט זאָלסטו זיי קוילען! — האָט דער פריץ באַפוילן, און הערשל האָט, נעבעך, געמוזט אויספילן דעם באַפעל.

---

## אַן אייביקע אַרענדע

אין שטעטל איז געשטאָרבן אַ גרויסער גביר. בײַם לעבן איז ער קיין גוטער נישט געווען, און נאָכן טויט האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן זיין קמצנות: אין דער צוואה האָט ער קיין איין קאָפּיקע נישט פאַרשריבן אויף עולמות, גאָרנישט געלאָזן קיין אָרעמע קרובים, אפילו קיין צדקה נישט געהייסן טיילן. די יורשים האָבן, פאַרשטייט זיך, געוואָלט היילִיק האַלטן די צוואה, נאָר די חברה באַלמעלאָכעס האָבן זיך איינגעשפּאַרט איינמאָל פאַר אַלעמאָל: מען וועט אים נישט לאָזן ברענגען צו קבורה, ביז מען וועט נישט געבן קיין דריי טויזנט קערבלעך אויף נייטיקע שטאָטזאַכן. די אייגענע האָבן אַריינגערוקט אַ פּאָר הונדערט קערבלעך די קהלס=לייט, זיי זאָלן זען איינשטילן די באַלמעלאָכעס, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן, אפילו דער רב האָט אויך נישט געקאָנט פועלן, און דער מת ליגט שוין דעם צווייטן טאָג. זענען דעם גבירס זין אַוועק צום פריץ זיך קלאָגן, דער פאַרשטאָרבענער האָט געפירט מיט אים געשעפטן, וועט ער געווים זיי העלפן.

די חברה האָבן זיך אַ ביסל דערשראָקן. ווער ווייסט אויף וועמענס זייט דער פריץ וועט זיין, און טאָמער צעבייזערט ער זיך, איז דאָס שטעטל מיטן

לעבן נישט זיכער. אַזוי ווי מען רעדט, באַווייזן זיך אין מאַרק שטלעכע באַוואָפנטע יעגער־לייט: מען שיקט רופן אין הויז די סאַמאָוואַלצעס. איז מען גע־גאַנגען, אַ ברירה האָט מען געהאַט? און מען האָט מיטגענומען מיט זיך הערשל אָסטראָפּאָליער, אפשר וועט ער עפּעס צוטראַכטן.

— זאָרגט אייך נישט — האָט זיי הערשל גע־זאָגט — איך וועל מיט אים רעדן און וועל אים דער־ווייזן, אַז איר זענט גערעכט.

געקומען אין הויף, האָבן זיי געטראָפן די יור־שים מלא־שמחה: באַלד וועט ארויסגיין דער פּריץ און וועט זיי אָפּלערנען. כך הווה, דער פּריץ האָט זיי אויפגענומען מיט כעס, מיט געשרייען און זידלע־רייען:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בונט? שמייסן דאַרף מען אייך!

טרעט אַרויס הערשל:

— הער זשע, פּריץ, איידער דו שמייסט, לאָמיך דיך עפּעס פרעגן... אַשטייגער, ווען עס קומט צו דיר אַ מענטש אַ רייכער, מיט אַ סך געלט און אַ גוטער פּרייגד דיינער און וויל ביי דיר אין פּאַלאַץ דינגען אַ דירה אויף אַרענדע, וואָס וואָלסטו זיך געהייסן געבן?

— איך פאַרדינג נישט קיין דירות!

— לאָמיר זיך פאַרשטעלן, אַז דו האָסט אים געוואָלט טאָן אַ טובה, ער מוז האָבן אויף עטלעכע יאָר די וווינונג...

— איך קאָן דיר נישט זאָגן... און מאַך עס ני־בער!

— אַט באַלד... אַ הונדערטער אַ יאָר וואָלסטו זיך געהייסן געבן?

— נו, זאָל זיין אַ הונדערטער...

— אָבער, ווען ער וויל דינגען ביי דיר אויף צען יאָר, וואָלסטו גענומען צען מאָל אַזויפיל?

— קלאָר!...

— קלאָר ווי דער טאָג, אַ יאָ?

— נו, ווייטער, וואָס ווילסטו?

— אָבער ווען ער וויל זי דינגען אויף אייביק, וואָס וואָלסטו זיך געהייסן געבן?

איך וואָלט אים אַרויסגעטריבן...

— אפילו דעם בעסטן גוטן־פריינד?

— געוויס!

— וואָס זשע האָסטו טענות צו אונדז?

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס פאַרבינדסטו איינס מיטן צווייטן?...

— באַרעכן זיך, פריץ, קיין גוטער־פריינד איז ער אונדז נישט געווען, די דירה גיבן מיר אים אָפּ אין אייביקער אַרענדע, און אין דעם פּאַלאַץ, ווו זיי ווילן, און דער פּאַלאַץ איז דאָך אונ־דזערער, איז הרי טויזנט קערבלעך אַ סך געלט.

דער פריץ האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט, ער האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן און איז אַוועק צו זיך אין די פּאַלייען, און די חברה באַלמעלאָכעס האָבן זייערס אויסגעפירט.

---

## איך וואָלט זיך נישט אויפגעזעצט

הערשל איז איינמאָל פאַרבייגעגאַנגען דעם פּאָל־וואַרק, האָט ער געזען, ווי מען דערלאַנגט דעם פריץ אַ רייזע־מאַנטל און אַ קליין ביטשל צום אָנטרייבן. איז ער געבליבן שטיין און קוקט אַזוי, ווי וועט עס דער פריץ פאָרן רייטנדיק. מען האָט אַרויסגעפירט פון שטאַל אַ פערד, יענער האָט זיך אויפגעזעצט, נאָר דאָס פערד איז געווען זייער אַ הייס, האָט עס אים תיכף אַראָפּגעוואָרפן. הערשל האָט אַ זיפץ געטאָן און געשאָקלט מיטן קאָפּ. דער פריץ האָט עס באַמערקט, פרעגט ער אים:

— וואָס שאָקלסטו מיטן קאָפּ?

— זעסטו, פריץ, איך וואָלט פון דעם פערד נישט אַראָפּגעפאַלן.

— אַזוי? אַזאַ גוטער רייטער ביסטו?

— ניין, קיין רייטער בין איך נישט...

— נאָר וואָס דען?

— איך וואָלט זיך נישט אויפגעזעצט...

## דער פויער מיטן האָליץ

אַ פויער האָט אין אַ ווינטער־טאָג אַרויסגעפירט אַ פורל האָליץ און האָט זיך געהייסן באַצאָלן דערפאַר מיט גאָלד גלייך. נישט נאָר די קונים, נאָר אפילו אַנדערע פויערים, וואָס האָבן אויך געבראַכט האָליץ, האָבן געלאַכט פון אים. הערשל האָט גראָד געדאַרפט האָבן הייצונג און האָט אָנגעטראָפן אויף דעם דאָזיקן

יקרן. דערהערט די פּרייז, האָט ער זיך געפּרוווט דינ־
גען:

— ביסט דאָך אַ משוגענער, פאַרבאַמסט דריי מאָל אַזויפיל, ווער וועט דיר געבן?

— ווייניקער וועל איך ניט נעמען, אַזוי וויל איך!

— הערשל — האָבן אים אַ שעפּטשע געטאָן יונגעלייט — אהרבא, דערווייז אים, אַז ער איז אַ משוגענער...

— איר באַצאָלט פאַרן פּורל לויט אַ מענטשלעכער פּרייז, וועל איך אים אָנלערנען.

— געמאַכט, נאַ דיר געלט, און ווייז אַ קונץ.

הערשל איז ווידער צוגעגאַנגען צום פּויער און אים געזאָגט, אַז ער קויפט דאָס האָלץ, נאָר ער האָט נישט ביי זיך דאָס גאַנצע געלט, אַ טייל וועט ער אים געבן אויפן אָרט, און דאָס איבעריקע אין שטוב, ווען ער וועט עס אָפּוואַרפן. דער פּויער איז מסכים געווען. ער איז צוגעפאָרן צו הערשלס דירה, אָפּגעוואָרפן דאָס האָלץ און פאָדערט, הערשל זאָל באַצאָלן.

— וואָסער געלט? וואָסער דערצאָלן? — וויל הערשל נישט הערן.

דער פּויער איז אויסער זיך. זאָגט הערשל:

— ווייסטו וואָס, קום צום רב...

— ניין, צום רב וויל איך נישט, צום פּריץ קום...

— זאָל זיין צום פּריץ, נאָר גיב מיר אָנטאָן דיין פּעלצל. הו ביסט אַזוי אויך וואַרעם אָנגעטאָן, און איך וועל פאַרפרוירן ווערן... ס'איז דאָך אַ מהלך...

— נאַ דיר דאָס פּעלצל, אַבי קום...

מען איז אריין צום פריץ, און דער פויער האָט אָנגעקלאָגט הערשלען, אַז ער האָט אים נישט דער־צאָלט. ס'איז געקומען צו הערשלען, רופט ער זיך אָן:

— פריץ, הער אים נישט, איך האָב אים באַצאָלט, ווי פ ל עס קומט, נאָר ער איז אַ משוגענער. אַ סימן האָסטו, ער קאָן באַלד זאָגן, אַז דאָס פעלצל איז אויך זיינס...

— ס'איז טאַקע מיינס — כאַפּט זיך אָן דער פויער...

— זעסטו שוין, אַז עס איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן...

— יאָ, ער איז, ווייזט אויס, אַ משוגענער — איז דער פּריץ מסכים געווען און האָט זיי געהייסן גיין.

דער פויער האָט אָנגעהויבן בעטן הערשלען, ער זאָל אים אָפּגעבן דאָס פעלצל.

— אַן עק — האָט ער געזאָגט — איך מאָן ביי דיר נישט פאַרן האַלץ. ה אָ ס ט מ י ר ב אַ־צ אָ ל ט... קער מיר אום דאָס פעלצל.

— וויבאַלד אַזוי, ביסטו שוין געוואָרן קלאָר — האָט הערשל געפּסקנט און אים אומגעקערט דאָס פעלצל.

## יום־כיפּורדיקע בלינצעס

אַן אַלטער אַרענדאַר, אַ גרויסער עם־האָרץ און אַ קמצן דערצו, האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי הערשלען, וואָס טוט עס דער עולם אין שול יום־כיפור, ווען מען

פאַלט כורעים. הערשל האָט נישט איין מאָל געהאַט צו טאָן מיט דעם דאָזיקן אַרענדאַר און איז געווען אויף אים אויפגעבראַכט, האָט ער אים דערציילט אַ מעשה:

— איר האָט געוויס באַמערקט, ווי אַן עלטערער מענטש נעמט מיט זיך מיט אַ ייִנגל אין שול אַריין, און יענער טראָגט אין אַ פּאַטשיילע עפּעס איינגעבונדן? דאָס טראָגט יעדער ייִד בלינצעס מיט זיך, און ווען מען פאַלט כורעים, עסט ער זיי אויף.

דעם אַרענדאַר איז דאָס אַריין אין קאָפּ, און אויף יום־כיפור האָט ער זיך אָנגעגרייט אַ היפּש ביסל בלינצעס, איינגעוויקלט זיי אין אַ פּאַטשיילע און געבראַכט אין שול. אַז עס איז געקומען צו כורעים־פאַלן, האָט דער אַרענדאַר זיך גענומען צו דער אכילה. דער פעטער ריח איז זיך צעגאַנגען איבער דער גאַנצער שול. דער עולם איז שוין פון לאַנג אויפגעשטאַנען, און דער אַרענדאַר ליגט נאָך. מען גייט צו צו אים און מען דעריזעט, ווי דער אַלטער קייט אויף בייִדע באַקן די בלינצעס.

— זייִדע, וואָס טוט איר? — פרעגט מען אים.

— גזלנים! ווי האָט איר קיין גאָט נישט אין האַרצן — בעט זיך דער אַרענדאַר, גוט איז אייך, איר האָט יונגע ציין, איך האָב דאָך שוין גאָר קיין ציין נישט. וואַרט אויס, לאָמיך כאָטש אַראָפּשלינגען.

דער עולם האָט זייער שטאַרק געלאַכט, און דער אַרענדאַר איז שיִער נישט געשטאָרבן פאַר בושה. ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז הערשלס אַ שפּיצל, זענען די געלעכטערן געוואָרן נאָך גרעסער,

און דער אַרענדאַר האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. פאַר צרות איז ער אַוועק אין פּאָליש און שוין דאָרט געווען ביז נעילה.

אַז מען איז געגאַנגען פון דער שול אהיים, פרעגט ער ביי הערשלען:

— וואָס האָסטו מיר אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך פאַר מענטשן אין די אויגן? געדענק, גאָט וועט דיך דערפאַר באַשטראָפן!

— עס הייבט זיך נישט אָן — האָט הערשל געענטפערט — איך האָב גאָר געמיינט אייער טובה...

— מיין טובה? — קאָן נישט פאַרשטיין דער אַרענדאַר.

— יאָ, יאָ! דערמאָנט זיך נאָר. פאַר צוויי יאָרן האָט עס מיך פאַרוואָרפן צו אייך אויף שבועות. איר האָט געגעסן בלינצעס, און מיך האָט איר מכבד געווען מיט אַ מילכיקן קוליש. אַז איך האָב אייך געפרעגט, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, האָט איר מיר געגעבן אַ קלאָרע תשובה: בלינצעס עסן איז אַצינד אַ גרויסע מצווה, מע מוט עס פון גאָטס וועגן, און דו ביסט אַ מענטש, וואָס לאַכט פון אַלצדינג אָפּ, טאָרסטו זיי נישט עסן. האָב איך מיך מיישב געווען, אויב עס איז יאָ אַ מצווה, און טאַקע פון גאָטס וועגן, האָט זשע די מצווה יום־כיפור. וואָס קאָן זיין שענער?

## ווען דיין פֿערטער זיידע קאָן זיך אָנרופֿן!

אַן אָרעמער שוסטער האָט געהאַט אַ ווייב, וואָס האָט געשטאַמט פֿון גרויסן יחוס. אַליין איז זי געווען אַ בלינדע אויף אַן אויג, אַ קרומע אויף אַ פֿוס און אַ הארבאַטע, און דערצו נאָך אַ שלאַק. די עלטערן האָבן זי קוים אַרויסגעפּטרט פֿאַר אַ שוסטער. עס האָט זיי געקאָסט גענוג געלט, דער יונגערמאַן האָט זיך געראָדעוועט אויפֿן נדן, ער איז געווען אַ קבצן, נאָר דער נדן איז אויסגערונען, און דער שלאַק איז געבליבן. זי האָט זיך געגרויסט מיט איר יחוס און פּלעגט פֿאַרוואַרפֿן דעם מאַן, אַז ער האָט זי נישט די ווערט.

איינמאָל איז הערשל בייגעווען בעת דאָס ווייב האָט זיך געקריגט מיטן מאַן און געשריגן:

— אַז ווי איז צו מיר, ער קלאַפּט פּלעקלעך אין צים דראַטוועס. ווען די זיידעס מיינע, די גוטע־יידן, די רבנים, שטייען אויף פֿונעם קבר, וואָס וואָלטן זיי געזאָגט?

— מיינע זיידעס וואָלטן אויך נישט געשוויגן — האָט דער מאַן איר אָפּגעענטפֿערט, — עס וואָלט זיי פֿאַרדראָסן, וואָס איך בין אַריינגעפֿאַלן אין אַזאַ אומגליק.

רופֿט זיך אָן הערשל צום שוסטער:

ווען דיין פֿערטער זיידע קאָן זיך אָנרופֿן, וואָלט אוודאי געווען גוט!

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט אים דער שוסטער געפֿרעגט.

— ס'א פּראָסטע זאַך — האָט הערשל געגעבן צו פֿאַרשטיין — ס'איז קלאָר, ווי דער טאָג, אַז ווען אייערע זיידעס לעבן, וואָלטן זיי זיך געקריגט. איר ערשטער זיידע, למשל, וואָלט געטענהט: סטייטש, אַ שוסטער אין אונדזער משפּחה? וואָלט דיין ערשטער זיידע אַ שטאָך געטאָן: זי איז בלינד אויף אַן אויג! איר צווייטער זיידע וואָלט געגוואַלדעוועט: אַ קבצן! אַ פּראָסטער שוסטער! וואָלט דיין צווייטער זיידע דערמאָנט אים: זי איז קרום אויף אַ פוס! איר דריטער זיידע וואָלט געקלאַפּט אין טיש: נישט קיין למדן! וואָלט דיין דריטער זיידע אַרויס מיט לשון: זי איז אַ האָרבאַטע! איר פערטער זיידע וואָלט נישט אויסגעהאַלטן: און מען קריגט זיך נאָך? וואָס וואָלט דיין פערטער זיידע געהאַט צו זאָגן? ער וואָלט געמוזט שווייגן. אָבער ווען דיין פערטער זיידע קאָן זיך אָנרופן: זי איז שטום! — וואָלט איר זיך קיינמאָל נישט געקריגט!...

---

## פאָר זיך געזונטערהייט מיט דער קאַפּאָטע!

אין אַ קאַלטן ווינטערדיקן פרימאָרגן, מיט אַ פראָסט און אַ זאַוויערוכע, איז הערשל געשטאַנען לעבן אַ קרעטשמע, וווּ ער האָט די נאַכט איבערגענעכטיקט און זיך געקליבן אין וועג אַריין. ס'איז אים געווען שטאַרק קאַלט אין זיין אַלטער צעריסענער קאַפּאָטע, אַזוי אַז ער האָט זיך געהאַלטן אין איין

קומען און בלאָזן אין די הענט. ער גיט אַ קוק: פֿון דער קרעטשמע איז אַרויס יחיאל דער אַרענדאַר, וואָס האָט געשמט פֿאַר אַ חזיר און פֿאַר אַ נאַר, און רעכּ־ מעוועט אויס דעם ברייטן שליטן אין וועג אַריין. גייט ער צו און בעט ביי אים, ער זאָל אים אַרויפֿנעמען אויפֿן שליטן ביזן ערשטן שטעטל. יחיאל וויל אפֿילו נישט הערן, ער נעמט נישט קיין אומזיסטע פֿאַרשוי־ נען און האָדיע, משעפּעט זיך אָפּ! הערשל שווייגט: נישט, איז נישט... יחיאל פֿאָרעט זיך ביים פֿערד און קלאָגט זיך:

— אַז איך ווייס גאָרנישט, ווי אַזוי פֿאָרט מען עס אין אַזאַ פֿראָסט, מען קאָן אומקומען...

— איך האָב נישט קיין מורא — רופֿט זיך אָן הערשל — מיר איז וואַרעם...

— אין דיין קאַפּאָטע? — לאַכט דער אַרענדאַר.

— מיין קאַפּאָטע איז גאָר אַ באַזונדער מין קאַ־ פּאָטע, אָט זעט: דורך איין לאָך גייט די קעלט אַריין, און דורך דער אַנדערער גייט זי אַרויס, און איך פֿיל קיין קעלט נישט. און ביי דיין פֿעלץ, אַז עס כאַפּט זיך אַריין די קעלט, איז פֿאַרפֿאַלן, וועסט זי נישט אַרויסטרייבן, דערפֿאַר פֿרירסטו...

— ס'א גרויסער שכל — האָט זיך געחידושט דער אַרענדאַר, — ווייסטו וואָס, לאָמיר זיך ביטן.

— גוט — איז מסכּים הערשל — אויב דו וועסט מיך אונטערפֿירן.

דער אַרענדאַר האָט אים געגעבן אַן אָרט אין שליטן און פֿאַרביטן זייע פֿעלץ אויף הערשלס קאַפּאָ־

טע. אין וועג איז ער איבערגעפרווירן געוואָרן, זאָגט ער צו הערשלען:

— דו ווייסט? ס'איז מיר גוט קאַלט, די קאַפּאָ־טע דיינע טויג אויף כפּרות.

— היינט שטעל זיך פאָר, ווי מיר איז קאַלט אין דיין פעלץ — ענטפערט הערשל — מיין קאַפּאָטע איז דאָך פאָרט אַ בעסערע!

— איך בין דיך טאַקע נישט מקנא — איז צו־פרידן יחיאל.

— וואָס איז דאָ מקנא צו זיין? מקנא זיין דאַרף מען אויף אַ גוט האַריץ און אַ שאַרפן קאָפּ, און די ביידע זאַכן גייען דיר אָפּ, נאָר אָט איז שוין מיין שטעטל, לאָז מיך אַראָפּ, און פאָר זיך געזונטערהייט מיט דער קאַפּאָטע!

---

## אַ ליגן אויף יענער זייט וועלט

אין מעדזשיבעזש איז געווען איינער אַ גרויסער ליגנער, קיין וואָר וואָרט האָט ער פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט. אַלע האָבן אים געקענט און געלאַכט פון זיינע אויסטראַכטעגישן. ער איז געווען אַ פאַר־מעגלעכער מענטש, האָט ער זיך באַטראַכט, ער וועט דינגען אַ יאָר־עדות, וועלכער וועט אויף אַלע זיינע שקרים זאָגן, אַז ס'איז לויטער אמת, ער ווייסט עס אויך, אָדער ער איז גאָר אַליין געווען דערביי, דעמלט וועט מען אים גיכער גלייבן. וועמען דינגט מען? הער־שעלע אָסטראָפּאָליער! יעדערער קען אים, מען האָט

אים ליב, אַ קלוגער איז ער, און אויף דער וועלט איז ער אויך געווען. אַזוי האָט ער געטאָן, ער איז געקו־מען צו הערשלען און זאָגט צו אים:

— איך וויל אייך דינגען פאַר אַ יאָר־עדות, וואָס אויף דער וועלט איך זאָל נישט זאָגן, זאָלט איר צו־באַמקען, אַז ס'איז אמת, איר האָט אויך געהערט וועגן דעם, איר האָט עס אַליין מיט אייערע אויגן געזען...

— גוט — איז מסכים הערשל.

אויף מאָרגן דערציילט דער ראַזיקער פאַרשוין אין מאַרק פאַר עטלעכע מענטשן אַזאַ מעשה:

— איך בין געפאָרן אין אַ ווייטער רייזע, ביז איך געקומען אין אַ שטאָט, וו מען מאַכט וואָגנס וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? אַזוינע גרויסע וואָ־גנס האָב איך נאָך נישט געזען, זינט איך לעב. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז איך האָב דאָרט געזען אַ וואָגן פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן, און די האָלאָבליעס זענען געווען אויף יענער זייט וועלט. הא, וואָס זאָגט איר, ר' הערשל? איר ווייסט דאָך אויך וועגן דעם...

— ס'אַ ליגן — האָט זיך אָנגערופן הערשל.

דער עולם האָט שטאַרק געלאַכט, דעם ליגנער איז געוואָרן אַ בזיון, האָט ער שוין מער גאָרנישט דערציילט און האָט זיך גלייך אָפּגעטראָגן. הערשל איז אים נאָכגעגאַנגען. פרעגט ביי אים דער ליגנער מיט כעס.

— דאָס האָט איר זיך אַזוי אונטערגענומען צו זיין אַ יאָר־עדות? וואָס זשע האָט איר געזאָגט פונקט פאַרקערט, אויף צו־להכעיס?

— איך האָב זיך אונטערגענומען — האָט געַ־ענטפערט הערשל — צו זאָגן עדות וועגן זאַכן, וואָס קאָנען געמאָלט זיין אויף דער וועלט, מיר האָבן אָפּגערעדט: וואָס אויף דער וועלט איר זאָלט נישט זאָגן, זאָל איך צובאַמקען. איר האָט דאָך אָבער געזאָגט אַ ליגן, וואָס ער גייט אַרוים אויף יענער זייט וועלט.

---

## אַ פלאָקן פון ווייט

אויף אַ גרויסער אויסגעבעטער פור זענען געַ־פאָרן מחותנים פון אַ חתונה: דאָס יונגע פאָרפאָלק, דער כלהס עלטערן און פריינד און אַ פּאָר מענטשן פון חתנס צד. דער חתן איז געווען פון ווייט, איינגעַ־טונקען פון קאָפ ביז פיס אין יחוס, נאָר אַ גרויסע בהַ־מה, נעבעך. אויף דער פור איז אויך געווען הערשל: אים האָט דער כלהס פאָטער מיטגענומען, ער זאָל פריילעך מאַכן דעם עולם. הערשל איז געווען דער גוטער מבין אויפן חתן. ער האָט רחמנות געהאַט אויפן מיידל, נאָר ווער האָט אים געהערט, אז דער יחוס האָט פאַרבלענדט די אויגן?

דערווייל, ווי עס טרעפט זיך אין וועג, האָט זיך צעבראָכן אַ ראָד. מען איז געבליבן שטיין. דער באַ־לעגאָלע איז אַוועק אין וואַלד אַריין, געפונען אַ פלאָקן און צוגעקרעמפּעוועט צו דער אַקס, מען זאָל ייך ווי עס איז קאָנען דערשלעפּן ביזן נאָענטן דאָרף. דע־

מחותן איז אין כעס געוואָרן, וואָס עם האָט לאַנג גע־דויערט, און פרעגט ביים באַלעגאָלע:

— אַזוי' ווייט האָסטו געדאַרפט גיין נאָך א פלאָקן?

— וואָס איז דער חידוש? — האָט זיך אָנגע־רופן הערשל — און אַז איר פירט פון אַזוי ווייט אַזאַ פלאָקן, קיין עין־הרע!

---

## גיט אַהער, וועל איך פאַר אים אָפּלערנען!

הערשל האָט געוואָלט אויספירן א שידוך. דער חתן איז געווען גאָר א קנאַפער למדן, כלהס־צד האָט אָבער געוואָלט זיך איינקויפן אין יחוס און געפאָ־דערט, ער זאָל קענען א בלאַט גמרא. הערשל איז ערב געווען, אַז ביז דער חתונה וועט דער חתן אויספירן די דאָזיקע פאָדערונג, און מען האָט געשריבן תנאים.

עס איז שוין געווען נישט ווייט צו דער חתונה, און דער חתן האָט פאָרט גאָרנישט געקענט, זענען די מחותנים פון כלהס־צד אָנגעפאַלן אויף הערשלען:

— וואָס האָט איר אונדז אָפּגענאַרט? ווו איז אייער וואָרט? ער קען דאָך נישט!

— וואָס הייסט, איך האָב אייך אָפּגענאַרט? — האָט זיך הערשל פאַרענטפערט — איך בין אייך ערב געווען, אַז דער יונגערמאַן וועט אָפּלערנען א בלאַט גמרא. און ווי איז דער שטייגער ביי ערב זיין? אייב דער, וואָס איז שולדיק, צאָלט נישט אָפּ, דאַרף דער, וואָס איז ערב געווען, באַצאָלן דעם חוב. א יאָ אַזוי?

וועל איך אויך אַזוי טאָן, ווי די וועלט פירט זיך: דער חתן קאָן אַליין נישט אָפּלערנען קיין בלאַט גמ״א, גיט אַהער, וועל איך פאַר אים אָפּלערנען!

---

## איר האָט בײַ מיר אַ קדיש

אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט גייט הערשל פאַרבײַ דעם טײַך. פּלוצעם דערזעט ער, ווי אַ ייד שטייט בײַם ברעג אויסגעטאָן און גרייט זיך, אַפּנים, אַרײַנצוואַרפן אין וואַסער. עס איז שוין נישט געווען די צייט פון באָדן זיך, האָט הערשל תיכף פאַרשטאַנען, אַז דער פאַרשוין וויל זיך טרינקען. ער לויפט צו צו אים, כאַפּט אים אָן בײַ דער האַנט און פרעגט אים:

— פעטער, וואָס ווילט איר טאָן?

— איך וויל זיך טרינקען.

— פאַרוואָס?

— פאַר צרות.

— וואָס פאַר אַ צרות?

— איך האָב אַ ווײַב אַ שלאַק. דאָס לעבן מיט איר איז במילא קיין לעבן נישט. קיין קינדער האָב איך נישט. איידער שטאַרבן אָן אַ קדיש, וועל איך זיך בעסער אין טײַך אַרײַנוואַרפן...

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן — פילט אים מיט הערשל — עס איז אײַך אַוודאי נישט גוט. מײַנע שונאים זאָלן זײַן אין אַזאַ שטאַנד, ווי איר. ווייסט איר וואָס? אַז איר האַלט שוין במילא בײַ אָנטאָן זיך אַ מיתה און איר ווילט זיך וואַרפן אין טײַך אַרײַן, טוט

אויס די מלבושים און גיט זיי מיר אַוועק. איך וועל
האָבן אַן אָנדענק פֿון אייך, און דערפֿאַר וועל איך זאָגן
נאָך אייך קדיש.

דעם ייִדן איז די עצה געפֿעלן געוואָרן. ער האָט
זיך אויסגעטאָן נאַקעט, אָפּגעגעבן הערשלען דאָס אָנ=
טאָן און אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער. הערשל האָט
אויפֿגעהויבן אַ געוואַלד, אַז אַ מענטש טרינקט זיך,
איז מען אָנגעלאָפֿן און מען האָט דעם ייִדן אָפּגעראַ=
טעוועט. און הערשל האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע
שהיות, איז אַוועק אין שענק, האָט די קליידער פֿאַר=
האַנדלט, גענומען אַ טרונק בראָנפֿן, אײַנגעקויפֿט
פֿאַרן ווײַב=און=קינדער עסנוואַרג, און ס'איז אים נאָך
געבליבן אַ ביסל מזומן געלט.

דער אָפּגעראַטעוועטער איז געקומען צו זיך.
דאָס קאַלטע וואַסער האָט אים צום זינען געבראַכט,
דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט נישט קיין אָנטאָן, ער
זוכט הערשלען. ווער, וואָס? באָטש עס איז אים
אַ גרויסער בזיון, האָט ער געמוזט דערציילן די גאַנ=
צע געשיכטע. מען האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס
איז הערשלס אַ שפּיצל, האָט מען געלאַכט, נאָר פֿונ=
דעסטוועגן האָט מען פֿאַר רחמנות געקריגן אים עפּעס,
מיט וואָס דאָס לײַב צוצודעקן, און מען איז אַלע אי=
נייענם אַוועק זוכן הערשלען. געטראָפֿן האָט מען אים
אין שענק. דער ייִד האָט זיך אויף אים אַרויפֿגע=
וואָרפֿן:

— מײַנע מלבושים, גיט מיר אָפּ מײַנע מלבו=
שים!

עס האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט געמוזט באַצאָלן דאָס אויסלייז־געלט. אָנגעטאָן זיך, פרעגט ער הערשלען מיט כעס:

— וואָס האָט איר אַזוי קיין צייט נישט געהאַט, באַלד זיך אָפּגעטראָגן אין שענק!

— אַז איר האָט קיין צייט נישט געהאַט מיטן טרינקען זיך ביז זומער, ווען דאָס וואַסער איז וואַרעם, האָב איך זיך געמוזט כאַפּן מיט אייערע מלבושים דערקוויקן די נשמה, און אויסער דעם — האָט הערשל צוגעגעבן — וואָס דאַרפט איר האָבן עגמת־נפש? איך בין אַ בטוח, איר מעגט מיר גלייבן, איר האָט ביי מ'ר אַ קדיש, ווען איר ווילט...

# און אַליין זאָל איך נאַקעט גיין?

— קויף, הערשל, די שאַפּע ביי מיר, איך גיב זי דיר אָפּ אין גלייכן געלט.
— וואָס וועל איך אַריינלייגן אין איר?
— וואָס הייסט, וואָס? די מלבושים!
— און אַליין זאָל איך נאַקעט גיין?

# שטאַרבט גיכער, וועט איך קאָסטן וועלוועלער

— הערשל, וואָס טוט מען? איך האָב קיין זון נישט, ווער וועט זאָגן נאָך מיר קדיש איבער הונ־דערט און צוואַנציק יאָר?
— איר וועט בעטן די אײדעמס.
— ווי קאָן מען זיך אויף זיי פאַרלאָזן?

— דינגט אַ קדיש...

— ווו נעמט מען אים?

— דינגט מיך.

— וואָס ווילסטו?

— אַ גילדן אַ וואָך ביז אייער פטירה.

— עס וועט דאָך מיך אָפּקאָסטן אַ מטמון מיט געלט!

— שטאַרבט גיכער, וועט אייך קאָסטן וועלוועלער...

---

## הערשל אַ דאָקטער

הערשל איז געקומען אין אַ שטעטל, ווו קיינער האָט אים נישט געקענט. קיין שום אויסזיכטן אויף פרנסה האָט ער נישט געהאַט, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ דאָקטער. ער האָט אָפּגעדונגען אַ גרויסן זאַל אין דער אכסניא און געלאָזט מעלדן, אַז פאַרבייפאָרנדיק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער צייט אַ באַרימטער דאָקטער. מען האָט אים גערופן צו אַ קראַנקן, הייסט ער דעם קראַנקן ווייזן די האַנט. דערזען, אַז די האַנט איז ביי אים באַדעקט מיט חויטע פלעקן, האָט ער תיכף אַרויסגעטראָגן אַ פסק:

— דער מענטש האָט אַ געפערלעך היציקע שלאָפקייט, די פלעקן זענען אַ סימן, אַז ער מוז שטאַרבן...

— וואָס רעדט איר, דאָקטער? — דערווידערט

דעם קראַנקנס ווייב — מײַן מאַן איז אַ פּאַרבער, און פון דער פּאַרב איז אים רויט די האַנט.

— אויב אַזוי — זאָגט הערשל — איז ער גליק־לעך, וואָס ער איז אַ פּאַרבער. אַז ניט, וואָלט איך אים געמוזט אָפּזאָגן דאָס לעבן.

## דעם רעצעפּט נעם איך נישט איין

אַן איבערגעוואַקסן מיידל, וועלכע האָט אָפּט גע־ליטן פון קאַפּוויטיק, האָט דערהערט, אַז אין שטעטל איז דאָ אַ נײַער דאָקטער, איז זי אַוועקגעגאַנגען צו הערשלען אין אַפּטײק, האָט אים דערציילט וועגן איר שלאַפּקייט און געבעטן אַ גוטע רפואה. הערשל האָט זי באַטראַכט און איר געגעבן אַן עצה:

— איר מוזט וואָס גיכער חתונה האָבן, וועט איר פּילקאָם געזונט ווערן.

— איר זענט אוודאי גערעכט, הער דאָקטער — איז מסכים דאָס מיידל — איך וויל אייך גערן פּאָלגן, נאָר עס פעלט זיך מיר קיין חתן נישט. אפשר קאָנט איר מיר צוזוכן אַ חתן?

— איך בין נישט קיין שדכן, איך בין אַ דאָק־טער — דערקלערט איר הערשל — איך קאָן אייך גאָרנישט העלפן...

— ווייסט איר וואָס? זייט אַליין מײַן חתן...

— דאָס איז אוממעגלעך! איך בין אַ דאָקטער, און קאָן פאַרשרײַבן אַ רעצעפּט, נאָר איך אַליין נעם דעם רעצעפּט נישט איין.

## די מייז און דער שולחן־ערוך

איינער האָט זיך געקלאָגט פאַר הערשלען, אַז בײַ אים אין שטוב איז דאָ אַ סך מײַז, און ער קאָן גאָר קיין תרופה צו זיי נישט געפינען. זאָגט הערשל צו אים:

— איך האָב אַן עצה. לייג אַניידער צו שטיקלעך אַפיקומן בײַ יעדער נאָרע. נאָכן אַפיקומן טאָר מען שוין מער גאָרנישט עסן. אַז זיי וועלן דאָס אויפעסן, וועלן זיי שוין מער גאָרנישט נישט משעפען און וועלן קיין שאָדן נישט ברענגען.

דער מענטש האָט זיך צעלאַכט און פרעגט הערשלען:

— פון וואַנען ווייסן אָבער די מײַז, אַז נאָכן אַפיקומן טאָר מען נישט עסן?

— זיי ווייסן — פאַרזיכערט אים הערשל — זיי האָבן בײַ מיר ערשט נישט לאַנג אויפגעגעסן אַ שולחן־ערוך, האָבן זיי דאָך געזען דעם דין.

---

## דער הונט און זיין עק

מען האָט געפרעגט בײַ הערשלען:

— זאָג מיר, פאַרוואָס דרייט דער הונט מיטן עק, און נישט פאַרקערט?

— ווײַל דער הונט איז שטאַרקער. ווען דער עק זאָל זיין שטאַרקער, וואָלט ער געדרייט מיטן הונט.

---

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| | זייט |
| פאָרוואָרט | 3 |
| אַרום רביס הויף | 13 |
| דער פריילעכער קבצן | 59 |
| נגידים זאָלן האָבן צו געדענקען | 107 |